STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03199

KARAHOD

Fishl Sheneurson

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פישל שניאורסאָן

Shneurson, Fishl

קאַראַהאָד

Karahod

(די בלאָנדזשענישן פון אברהם־איציע דער קירזשנער)

ווילנע — 1928

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

F. Szniurson — „K a r a h o d“
Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

[redacted] Yi441, c.1

אין שטעט און שטעטלעך דערציילט מען נאָך עד־היום די מעשה פון דעם קאראהאָד. און כאָטש אפילו די מעשה האָט געטראָפן מיט אַ פּראָסטן יידן, איז די מעשה אַליין אָבער מאָדנע און אומגעוויינלעך. וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז אין דער מעשה אַליין קומט ערגעץ פאָר פּראָסט אַ קאראהאָד — הויבט זיך גאָר נישט אָן. פאַרוואָס זשע רופט מען פאָרט די מעשה „קאראהאָד“ — דאָס קאָן מען זיך דערוויסן נאָר פון דער מעשה אַליין.

1

ס'איז ניט קיין גוזמא צו זאָגן, אַז אברהם־איציע דער קירזשנער, אפילו אַ בלינדער אויף איין אויג, איז דער פֿרייעלכסטער מענטש ניט נאָר אין שטעטל, נאָר אויך אין דער גאַנצער געגנט. אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער, מיט אַ געדיכט־שוואַרצער באָרד. דאָס לינקע, בלינדע אויג, האַלב צוגעמאַכט און געדרייט, גיט נאָך צו אַ באַזונדער שאַרפֿקייט דעם לעבעדיקן, רירעוודיקן פּנים.

אַ גאַנצן טאָג זיצט ער על־פּי־רוב אין זיין געוועלב, וואָס גייט אַרויס מיט אַלע קראָמען אויפֿן מאַרק און ווו ער מאַכט און פֿאַרקויפֿט זיינע היטלען. — אין געוויינלעכע טעג, ווען קרעמערס האָבן ניט וואָס צו טון, קלייבן זיי זיך כסדר גאַנצע רעדלעך אַרום אברהם־איציען, וועלכער שיט ווי פֿון אַרבל מיט ווערטלעך און מעשׂות. ס'מאַכט זיך ביי אים דאָס מויל ניט צו. נאָר אַלע מאָנטיק איז אַ מאַרק אין שטעטל. אָן אַ שיעור גוים פֿאָרן זיך צונויף פֿון אַרומיקע דערפֿער. מ'שפּאַנט אויס די וואָגנס אויפֿן מאַרק און ס'הויבט זיך אָקאָרשט אָן אַ גערודער און אַ שטופּעניש. דאָס הירזשען פֿון די פֿערד גיסט זיך צונויף מיט דעם טומל פֿון פּויערשע קולות, קלאַפּערייען און ציגיינערשע געוואַלדן. און אָט אין דעם טומל קאָן מען דאָך דערהערן די הילכיקע אויסגעשרייען פֿון אברהם־איציען, וועל־

כער שטייט ביי זיין געוועלב צווישן אַ הויפן פויערים, מעסט אָן היטלען אויף פאַרשידענע קעפּ, שרייט און טאַראַראַמט. אַט מעסט ער אָן איינעם אַ באַיאָרטן פויער אַ היטל, און קלאַפּנדיק אים פרײַנטלעך אין פּלייצע, ווערטלט ער זיך: „אַט איצט זעסטו טאַקע אויס, ווי אַ טאַטע אין הויזן". און אַט מעסט ער אַ יונגן שייגעץ אַ היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשיק, פאַרלעגט אים דאָס היטל עטוואָס שקאָציש אויף אַ זייט, און האַלטנדיק אים פאַר דער נאָז אַ קליינעם שפּיגל, ווייזט ער מיט די פינגער: „זעסטו, שוין איינמאָל אַ יונגאַטש — כאָטש נעם אים גלייך אויף דער תּליה." יעדן קלויבט ער צו אויפן אויג אַ היטל און פאַר יעדן האָט ער אַ באַזונדער ווערטל, וואָס ער שרייט אויס מיט זיין ברייטער זאַפטיקער שטימע. ווער ס'קויפט און ווער ס'קויפט ניט — אין געוועלבל איז אַ שטופעניש און אַ טומל. אייניקע שטייען און קוקן בלויז אויף אַ טשיקאַוועס, אַנדערע שאָקלען לאַכנדיק מיט די קעפּ: „אַך דו, אַבראַשע"! אָדער „אַך דו, איינאויגיקער טייוול!"

אייגנטלעך איז ער געווען ניט נאָר אַ קירזשנער. שוין ניט גערעכנט אַנדערע מלאָכות, איז ער יאָרן לאַנג געווען אַ שע־רער אין שטעטל. ער פלעגט דאָס מאַכן אַלע דאָנערשטיק און פרייטיק, ווי אויך ערב יום-טוב. אינדערפרי שטעלט ער ביי זיך אין שטוב אַ ברייטן שטול אַנטקעגן פענסטער, נעמט אַרויס שער און קעמל, אַ פאָר בערשטלעך, עפּעס אַ פלעשל מיט אַ שפּריץ — און הויבט אָן מיט חשק זיין אַרבעט. ער האָט ליב געהאַט אָט די מלוכה. אַלע גייען דאָך דורך זיינע הענט — פון דעם רב ביזן בעדער, אָרעם און רייך. יעדן פאַרשטייט ער ווי צו שערן, מיט יעדן פאַרפירט ער אַ שמועס. אָפט קלויבט זיך צונויף עטלעכע מענטשן מיט אַמאָל, און קלאַפּנדיק מיט דער שער אין דער לופט, הערט ער זיך ניט אויף צו ווערטלען און זיך קאָכן אין אַלערליי קהלשע זאַכן. אַלץ אַרט אים און אַלץ גייט אים אָן. נאָר עלטערע יידן און חסידים האָבן ניט שטענדיק ליב געהאַט זיינע צו שאַרפע ווערטלעך, וואָס שטעלן זיך ניט אָפּ פאַר אַ ניבול־פּה אָדער אַ שאַרף וואָרט

אויפֿן רבין, אויף די „לאַסקאַדריגעס", באַנקקוועטשערס כּאָטש מ'ווייסט, אַז דאָס אַלץ קומט נאָר פֿון פֿרייליכקייט וועגן. איינמאָל האָט אפֿילו געטראָפֿן אַ טשיקאַווע זאַך מיט יחיאל דעם שוחט, וואָס איז געקומען צו אים זיך שערן. ווי ס'פֿירט זיך, האָט ער אַרומגעוויקלט יחיאלן מיט אַ לײַלעך ביז אונטער דער באָרד, האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל מיט דער יאַרמאָלקע און זיך אַ נעם געטון מיט דעם קעמל פֿאַר די צעשויבערטע האָר און געשוואָלענע לאַנגע פּיאות. שמועסנדיק דערווײַל מיט יחיאלן דערוויסט זיך אברהם־איציע, אַז די בײדע שוחטים אין שטעטל האָבן ניט צום לעבן — די קצבים נאַרן זיי אָפּ און צאָלן ניט. ווערט ער, אברהם־איציע צעקאָכט און קלאַפּנדיק מיט דער שער אין דער לופֿט, שרײַט ער: „אין טאַטן זיי אַרײַן, די קצבים, די בלוט־צאַפּערס! זיי נעמען געלד פֿאַר יעדן ביסן פֿלייש, און אַז ס'קומט צו די שוחטים — זענען זיי ניטאָ אין דער היים! מיר ווען...‟ און אַזוי קאָכנדיק זיך, נעמט ער זיך מיט דעם שערל פֿאַר דער אַרבעט. נאָר באַלד האָט יחיאל אַ געשריי געטון, אָנכאַפּנדיק אברהם־איציען פֿאַר דער האַנט: דאָס שערל האָט ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַ כאַפּ געטון פֿון דער רעכטער זײַט אַ גאַנצע האַלבע פּאה. אַ צײַט לאַנג איז יחיאל אַרומגעגאַנגען מיט איין אונטערגעשאָרענער פּאה. דאָס גאַנצע שטעטל האָט געלאַכט און אברהם־איציע האָט זיך געחכמעט: „פֿון דער האַלבער געשוואָלענער פּאה, זאָגט ער, קאָן מען נאָך מאַכן פּאות אויף אַ גאַנץ שטעטל‟. ווער ווייס, צי האָט ער ניט געטון אומישנע פֿון פֿרייליכקייט וועגן. כאָטש אין תּוך איז ער, דאַכט זיך, פֿאָרט געווען אַ שטאַרקער ערלעכער ייִד.

אברהם־איציע האָט נישט ליב נאָר צו רעדן. אויף טון אַ טובה דאַרף מען אים נישט בעטן. מאַכט זיך אין שטעטל אַ שׂרפֿה — וואַרפֿט ער זיך דער ערשטער אין פֿײַער און ראַטעוועט. מיט דעם פּריסטאַוו, ווי מיט אַלע פּריצים אין דער סביבה, איז ער אויסגעבונדן. זיי האָבן אויך שטאַרק ליב געהאַט זײַנע וויצן און זײַנע מאָדנע שטיקלעך, און טאָמער איז עפּעס אַ גזרה אויף אַ ייִדן — לויפֿט אַברהם־איציע שתּדלענען,

Free Public Library, Newark, N. J.

טאַראַראַמט אַזוי לאַנג, ביז ער פירט אויס.

אַנומעלטן האָט ער געמאַכט אַ געוואַלט אין שול, למאַי צאָלט מען נישט דעם רב קיין שכירות. און אין דעמזעלבן טאָג איז ער מיט אַ גבאי אַרומגעגאַנגען איבערן גאַנצן שטעטל, פון שטוב צו שטוב און געמאַכט דעם רב אַ מעמד. און טאָמער האָט זיך איינער אָפּגעזאָגט, האָט ער אַזוי לאַנג געגוואַלדעוועט און געקלאַפּט אין טיש, ביז מ׳האָט אים געגעבן. אין שטעטל האָט אַמאָל אָט וואָס געטראָפן. חנניא דער קצב האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ מסור, טאַקע צום דריטן מאָל האָט ער געמסרט דאָס שטעטל. אַברהם־איציע פרעגט נישט ביי קיינעם, גייט צו חנניאן אַהיים און רופט אים אַרויס אין דרויסן, כלומרשט אויף אַ סוד. ווי נאָר מ׳איז אָבער אַרויס פון שטוב, האָט אים אַברהם־איציע אָנגעהויבן קאַטעווען און ברעכן די ביינער. יענער האָט קוים אָפּגעאָטעמט. און אַברהם-איציע האָט געפינקלט מיט דעם רעכטן אויג: „טאָמער ווילסטו נאָך איינמאָל מסרן, זאָלסטו פריער אָפּזאָגן ווידוי, איך וועל דיך, הונט איינער, אַ לעבעדיקן אין דער ערד באַגראָבן, אין טאַטן דיר אַריין!״ מיט אַברהם־איציען קאָן מען זיך נישט לאַנג אַמפּערן. ער איז אַ ייד אַ גבר און אַ תקיף ביים פּריסטאַוו. יענער האָט פאַרביסן די ליפּן און געמאַכט אַ שווייג. מ׳האָט פון דעם מסור טאַקע מער קיין פאַרע נישט געהערט.

אַבי נאָר אַרבעט — איז ער, אַברהם-איציע, תמיד גרייט. אַ ייד אַ ברען! ער איז, למשל, ווי אַ סך אַנדערע אַ שמש אין חברה קדישא, נאָר אַז ס׳מאַכט זיך אַ שווערער מת-מצוה, לויפט ער תמיד דער ערשטער זיך מתעסק זיין. איינמאָל, דאָס איז געווען אַ ווינטער פאַרנאַכט, האָט זיך געמאַכט אַ מת-מצוה פון יענער זייט שטעטל. ס׳איז שוין פינסטער און אויפן גאַס איז אַ שניי — אַ זאַווערוכע. אַברהם־איציע מאַכט נישט קיין טענות, טוט אָן זיינע גרויסע וואַלינקעס, פּילדערט אויף אַנדערע שמשים און לאָזט זיך אין וועג. ביז נאָך האַלבער נאַכט איז ער אַרומגעגאַנגען מיט אַ לאַמטערן ביז די קני אין שניי, ער האָט אַליין מיט אַ פּאָר שמשים געגראָבן אַ קבר. און ערשט

נאָך דער קבורה איז מען אַריין צו יאָסי דעם קברות-מאַן אין הייזל און אָקאָרשט געגומען אַביסל בראָנפן. אַברהם-איציע רייבט זיינע פאַרפרוירענע רויטע הענט און טרינקט איין גלעזל נאָכן אַנדערן. „לחיים, יאָסי, זאָל דער נפטר האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן. מיר וועלן אויך שטאַרבן — ווער פריער און ווער שפעטער. דערווייל אָבער מוז מען נעמען אַביסל בראָנפן". דאָס רעכטע אויג פינקלט ביי אים, און דאָס לינקע בלינדע אויג ווערט אַלץ מער גערויטלט. ער גייט זיך ערשט פונאַנדער. „יאָסי, אין טאַטן דיר אַריין, גיס אָן נאָך אַ גלעזלו!". שפעט פאַרטאָג איז ער געקומען אַהיים.

אַברהם-איציע האָט תמיד ליב געהאַט זיך צו רודערן אויף אַ שמחה און פאַרהוליען זיך ביז אין רעכטן טאָג אַריין. ער האָט אָבער אַלעמאָל דערנאָכדעם געהאַט וואָס אויסצושטיין פון דעם ווייב זיינעם גנעסיען. דאָס איז געווען אַ דיקע יידע-נע מיט רויטע אָנגעלאָפענע אויגן. זי האָט געהאַט מיט אַברהם-איציען זיבן קינדער, פיר זענען געשטאָרבן. דאָס האָט זי שווער געקאָנט איבערטראָגן און איז געבליבן אַ פאַרביטער-טע אויפן גאַנצן לעבן. זי האָט שטאַרק געליטן אויף די לונ-גען. דער דאָקטאָר אין שטעטל האָט געזאָגט, אַז ביי איר איז אַ שווערע „אסטמע". אַ נפקא מינה, ווי מ'רופט די קראַנקהייט. די מעשה איז, וואָס זי האָט שטענדיק אַ קורצן אָטעם, כריפעט און הוסט, אָפט באַקומט זי אַן אָנפאַל, ווען זי קאָן לחלוטין נישט כאַפּן דעם אָטעם—טאַקע דערשטיקט צו ווערן. אַ ברוגז׳ע, אַ פאַרביטערטע האָט זי נישט געקאָנט אַריבערטראָגן די ברויזנ-דיקע לעבעדיקייט פון אָט דעם אייזערנעם קירזשנער, וואָס נעמט זיך קיין זאַך נישט צום האַרצן. שטענדיק האָט זי צו אים טענות, אַז ער וויל פון איר פטור ווערן און חתונה האָבן אויף אַ יונגער. און אַז ער קומט שפעט ביינאַכט, מבוסמדיק און פריילעך, גיסט זי אויף אים אויס די גאַל, הערט נישט אויף צו שרייען און שעלטן. פאַרשטייט זיך, אַז אַברהם-איציע וואָלט איר אויף איין וואָרט ענטפערן דריי. באַקומט זי אָבער פלוצים אַן אָנפאַל, פאַרגלאָצט די אויגן, אַ מינוט צום טויט —

און גיי מאַך מיט איר עפּעס. איינמאָל האָט אַזאַ מעשה גע־טראָפן. זי האָט ביינאַכט באַקומען אַ שווערן אָנפאַל און אין טויט־שרעק האָט זי אָנגעהויבן וועקן אַברהם־איציען.

— אַברהם־איציע! אַברהם־איציע!...

— וואָס איז, וואָס איז? — האָט ער פון שלאָף דער־שראָקן אויסגעשריגן.

— אוי, אַברהם-איציע, איך קאָן נישט אָטעמען.

אַברהם־איציע האָט פון שלאָף שמייכלענדיק געזאָגט:

— אַז מ׳קאָן נישט — דאַרף מען נישט...

אַברהם־איציע האָט זיך אָבער באַלד אַ ריס געטון פון בעט און אויף זיין ברויזנדיקן שטייגער געלייגט דאָס לעבן, ביז ער האָט זי אָפּגעראַטעוועט. נאָר אויף מאָרגן האָט דאָס גאַנצע שטעטל (גאָט ווייס ווי אַזוי) געוווּסט אַברהם־איציעס גלייכווערטל מיט דעם ווייב. מ׳האָט עס דערציילט איינער דעם אַנדערן און זיך געהאַלטן פאַר ד זייטן לאַכנדיק.

אברהם־איציע האָט פון נאַטור קיינמאָל ניט געקאָנט זיצן ליידיק. אַז ס׳קומט דער ווינטער מיט די לאַנגע נעכט, געפינט ער פאַר זיך אַלע ווילע נייע אַרבעט, אייגענע און קהלשע. אַ פּאָר מאָל אין חודש, מיינסטנס אין ווינטער, דינגט אברהם־איציע אַ וואָגן אָדער אַ שליטן מיט אַ פערד (דער אָנטרייבער איז ער אַליין), פּאַקט אים אָן מיט היטלען און אַלערליי אַנ־דערע סחורות און לאָזט זיך אויף גאַנצע צוויי-דריי טעג אי־בער די אַרומיקע דערפער. אין יעדן דאָרף קלויבט ער אַרום זיך גוים און גויעס, קנאַקט און טאַראַראַמט, פאַרקויפט סחורה וויפל ס׳לאָזט זיך און גייט דערנאָכדעם מיט די פויערים אין שענק אָדער ערגעץ ווו אַנדערש נעמען אַביסל בראָנפן. ער פאַרשטייט מיט פויערים ווי צו רעדן, שיט מיט ווערטלעך, און די פויערים קווענקן. אָפט טאַנצט ער און הוליעט מיט די פויערים. איינמאָל האָט זיך אברהם־איציע, פאָרנדיק איבערן ישוב, אָפּגעשטעלט ביי דעם גוישן קלויסטער (מאָ־נאַסטיר) וואָס געפינט זיך עטלעכע מייל פון שטעטל. ער האָט דאָט אויף זיין פרייליכן שטייגער אָנגעבאָטן זיין סחורה און

האָט טאַקע אַ סך געליִיזט. ער האָט דאָרט אַזוי שטאַרק נושא חן געווען, אַז מ'האָט ביי אים באַשטעלט סחורה אויף ווייטער. ער האָט אָנגעהויבן אַהינצו אָפט פאָרן און איז געוואָרן דאָרט אַ גרויסער תקיף. אין שטעטל האָבן אייניקע אָנגעהויבן מורמלען. ווי קומט דאָס אַ ייד אַזוי אָפט אין גוישע שענקען, אין אַ מאָנאַסטיר? מילא, דאָס איז דאָך בלויז פשוטע מסחר־זאַכן, סוחרים האָבן תמיד צו טון מיט גויים. אַבי נאָר מ'איז אַליין אַן אָפּגעהיטער ערלעכער ייד. און ווי מ'זאָל ניט קערן, איז אברהם־איציע פאָרט אַן אויסגעקאָכטער ערלעכער ייד, און נאָך אַ וואָסערער!

אברהם־איציע איז טאַקע נישט קיין למדן, ניט קיין חסיד. גאָר אַ פּראָכטער ייד — קאָן אַליין אפילו קיין ספר נישט עפענען. נאָר זומער און ווינטער גייט ער אַלע טאָג אינדערפרי און פאַרנאַכט דאַוונען. ציט זיך צום עמוד דאַוונען. אינדערפרי נאָכן דאַוונען הערט ער אַ פּרק משניות, וואָס ישעיה דער מלמד זאָגט פאַרן עולם, און פאַרנאַכט צווישן מנחה און מעריב — עין יעקב. ער לאָזט נישט דורך קיין מגיד. ער האָט נאָך ליב שטייען ביי דער בימה, ווען דער מגיד זאָגט, און קוקן אים אין מויל אַריין. אמת, אברהם־איציע האָט אַן אָפן מויל, שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר ניבול־פּה און האָט ליב חוזק צו מאַכן פון בטלנים און לאַסקאַדריגעס. ער האָט אָבער ליב צו הערן פון זיי אַ יידיש וואָרט, און ווען מ'דאַרף, איז ער תמיד גרייט מיט אימפּעט פאַר זיי זיך איינצושטעלן. אַנומעלטן האָבן די חסידים אין טשערנאָבילער קלויז באַשלאָסן אַראָפּצוברענגען אין שטעטל אַ דריטן שוחט, אַ טשערנאָבילער חסיד. ניט וואָס ס'האָט געפעלט אין שטעטל אַ דריטער שוחט, נאָר זיי האָט זיך געוואָלט האָבן אַן אייגענעם שוחט, אַ טשערנאָבילער חסיד. דיביידע שוחטים אין שטעטל, גרויסע אביונים, האָבן אויפגעהויבן אַ געוואַלד. האָט אברהם־איציע אויף זיין שטייגער זיך אָנגענומען זייער קריוודע. וואָס הייסט, צוליב חסידישע שטיקלעך וויל מען אָפּנעמען דעם לעבן ביסן ביי אָרעמע שוחטים?! אין טאַטן זיי אַריין, בלוט־צאַפּערס. ער האָט געשאָטן פעך און

שוועבל אויפן רב און אויפן רבין אַליין. האָט צונויפגענומען אַ באַנדע קצבים און האָט געשטורעמט די טשערנאָבילער קלויז. „ביז ער וועט נאָך גיין צום פריסטאַוו", האָט ער געליאַרעמט, „וועט ער טיילן פעטש ווי האָלץ, אָט די גראָבע פופקעס, אין טאַטן זיי אַריין". פון טשערנאָבילער קלויז איז אַרויסגעלאָפן מיט אַ כעס בייניש, דער גבאי פון חברה קדישא, אַ גבירישער ייד אַ מכובד. אָבער ווי נאָר ער האָט געעפנט דאָס מויל — האָט זיך אברהם־איציע מיט דער גאַנצער חברה אויף אים אַ לאָז געטון. ביי ביינישן איז דאָס היטל באַלד געפלויגן אין דער לופט — ער איז קוים אַנטלאָפן אַ לעבעדיקער. דער גאַנצער המון איז צוגעשטאַנען צו אברהם־איציען און ס'איז געוואָרן אַ שערוריה אין שטאָט. די חסידים האָבן זיך אָפּגעטרייסלט מיט הענט און פיס און מ'האָט שוין, פאַרשטייט זיך, קיין דריטן שוחט ניט אַראָפּגעבראַכט. מ'מוז דאָך אָבער מודה זיין, אַז אברהם־איציע מיט זיין גאַנצער שקצישער ווילדקייט איז דאָך אָבער פאָרט נאָר אויסן געווען די טובה פון די אָרעמע שוחטים.

מ'דערציילט אפילו (ווער ווייס, צי דאָס איז אמת), אַז אברהם־איציע, איידער ער איז אָנגעקומען אין שטעטל, איז ערגעץ ווו געווען אַ כלי־זמר, און דווקא אַ גוטער כלי־זמר. נאָר אויף איינער אַ גבירישער חתונה ביי דער אָרעמער מאָל־צייט האָט אברהם־איציע ניט געקאָנט פאַרטראָגן — אַלץ גייט אים אָן — ווי מ'באַנעמט זיך מיט די אָרעמע לייט. אברהם־איציע האָט זיך מיט כעס אַ וואָרף געטון אויף די מחותנים. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, ביז ער האָט געפּאַטשט, במחילה, די מחותנים אַליין. ס'איז געוואָרן אַ גרויסער טומל און מ'האָט געמוזט אָפּלעגן די חתונה. דער רב האָט אים געקנסנט, ער זאָל ווערן אויס כלי־זמר. שונאים און בייזע צינגער רופן אים אין שטעטל: „געשמיסענער כלי־זמר". דערהערט ער נאָר, אברהם־איציע, אָט דעם צונאָמעניש, ווערט ער אָנגעצונדן און לייקנט אָפּ שטיין און ביין. זאָל זיין אפילו, אַז די גאַנצע מעשה איז אמת. מ'קאָן דאָך אָבער ניט האָבן קיין טענות צו

אַ מענטשן, למאַי האָט ער קאָליק בלוט, און בפרט ווען ער שטעלט זיך איין פאַר אָרעמעלייט.

נאָר דעם אמתן תוך פון אברהם־איציען האָט מען גע־קאָנט דערפילן אין די ימים־נוראים. די מעשה איז אַזוי. אברהם־איציע האָט דאָס חיות ליב געהאַט דעם עמוד. ניט נאָר שבת און יום־טוב, נאָר אַפילו ימים־נוראים דאַוונט ער אין דער גרוי־סער שול פאַרן עמוד. און כאָטש אפילו ער איז אַ פּראָסטער ייד און קוים וואָס ער ווייס פירוש המילות, האָבן אַלע אין שטעטל, אַפילו די חסידים, ליב געהאַט זיין חזנות. פאַרשטייט זיך, אַז דער עיקר איז ניט וואָס אברהם־איציע האָט אַן אומ־געוויינלעכע געמבע און פאַרשטייט נגינה (פאָרט אַ געוועזענער כלי־זמר — זאָגן אַנדערע פאַרביסן). דערהויפּט איז, וואָס ער דאַוונט אומגעוויינלעך געשמאַק מיט אַ מאָדנער האַרציקער גבורה. מ'פלעגט זיך וווּנדערן, פון וואַנען נעמט זיך ביי אַ קירזשנער אַזאַ מוט, אַזאַ אויפטרעטן, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען דער בערדיטשעווער רב אַליין. ראש־השנה און יום־כיפור פלעגט אברהם־איציע ביים דאַוונען אויסזען, ווי ער וואָלט זיך דאָס איינשטעלן פאַר יידן אַנטקעגן דעם אויבערשטן. און אַז אברהם־איציע נעמט זיך פאָר עפּעס, שטעלט ער זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּ. ממש ער לייגט איין די וועלט פאַרן עמוד. ער הויבט, למשל, אָן דעם „ונתנה תוקף" און צעקאָכט זיך שוין ביי די ערשטע ווערטער. טאַקע גאָר אַ קלייניקייט! אויפן הימל ווערט דאָס איצט אָפּגעפּסקנט, ווער ס'זאָל לעבן און ווער ס'זאָל שטאַרבן, ווער ס'זאָל לאָזן אַ ווייב מיט יתומים און ווער... אברהם־איציע טוט זיך אַ וואָרף ווי אַן אונטערגעשאָסענע חיה און זיין קול צעברעכט זיך אויף טויזנטער שטיקער. און אָט הויבט ער אויף די הענט, געוואַלדעוועט, פאָדערט רחמים. איינ־מאָל פאַר אַלעמאָל, ווי קאָן מען דאָס בלויז לאָזן אַ וועלט אונטערגיין. ער טענהט, מאָנט, בעט. ממש ער שטורעמט דעם הימל — דער בית־מדרש לייגט זיך פון זיינע קולות. דער הימל איז אָבער ניט אַ טשערנאָבילער קלויז און לאָזט זיך ניט אַזוי לייכט שטורמען. און טאַקע אין רעכטן מיטן געוואַלדעווען פאַלט

אברהם־איציע מיטן פּנים אויף די הענט, און אַט דער אײַזער־
נער קירזשנער צעווײנט זיך ווי אַ קינד. זײַנע אַקסלען צוקן
און ער פֿאַרכלינעט זיך. ניט נאָר אין דער ווײַבערשער שול,
נאָר אפילו צווישן די מאַנסבילן הויבט זיך אויף אַ געוויין.
ייִדן מיט בערד כליפּען און פֿאַרציען דעם טלית איבערן פּנים.
איז אברהם־איציע אָבער פֿאָרט אַ ייִד מיט ברײטקײט. ער נעמט
שוין אָן מיט בײדע הענט די פֿאָדערשטע עקן פֿון טלית, פֿאַר־
לײגט דעם קאָפּ אויף אַ זײַט, און אויפֿהויבנדיק דאָס רעכטע
זעענדיקע אויג, הויבט ער אָן צו זינגען טיף געלאַסן מיט גרויס
מתיקות. האַלב־טרויעריק, האַלב־פֿרײלעך לאַשטשעט ער זיך צום
רבונו של עולם. נישקשה, דער אויבערשטער וועט רחמנות האָבן,
ער וועט אונז נישט פֿאַרלאָזן. זײַן קול צעגיסט זיך איצט ווי
אַ שטאַרקע כוואַליע און ווערט מיט יעדער רגע אַלץ שטאַרקער
און זיכערער. און טאַקע באַלד נאָך דעם „ונתנה תוקף" הויבט
ער אָן מיט אַ ברויזנדיקער שמחה צו זאָגן „כּתר". ווי בײַ אַלע
זאַכן, וואָס פֿאַרכאַפּן אברהם־איציען, פֿלעגט ער אין די ימים־
נוראים אַרײַן מיט דעם גאַנצן אימפּעט, מיט לײַב און לעבן.
ערב יום־כּיפּור, למשל, קומט ער אין שול און בלײַבט שוין
גאַנץ יום־כּיפּור, אַ קײַלעכדיקן מעת־לעת, שטײן אין בית־המדרש,
ער גײט כּמעט ניט אַוועק פֿון דעם עמוד. דאַכט זיך, אַ פּראָס־
טער ייִד און אַזאַ אימפּעט. ער האָט נאָר אויף זײַן חזנישן
שטײגער אָפּגעפּראַוועט כּל־נדרי מיט די יעלות, זאָגט ער גלײַך
נאָך מעריב בײַם עמוד שיר־היחוד. און נאָך שיר היחוד זאָגט
ער פֿאַרן עמוד תהילים. דאָס מויל מאַכט זיך אים ניט צו.
און אַז דער עולם קומט אינדערפֿרי נאָך באַגינען אין שול,
טרעפֿט מען אברהם־איציען נאָך שטײן בײַם עמוד. ער מאַכט
דעמאָלט קורצע הכנות און שטעלט זיך דאַווענען פֿאַרן עמוד.
צו מוסף גײט ער זיך ערשט פֿונאַנדער, באַזונדערס צו דער
„עבודה". פֿון טשערנאָבלער קלויז פֿלעגן זיך אַפּילו צונויפֿ־
לויפֿן אין דער גרויסער שול הערן אַברהם־איציעס „עבודה".
נאָר דווקא בײַ דער דאָזיקער התלהבות האָט מען ערשט
געקאָנט זען, אַז אברהם־איציע איז ניט קײן באַלעבאָס אויף

זיין אימפעט, וואָס קומט עפּעס פון זיך אַליין און טראָגט אים אין דער הויך. חסידים האָבן זיך אויף זייער שטייגער גע־קווענקלט; אוודאי, זאָגן זיי, איז אברהם־איציע אַ שיינער בעל־תפילה, נאָר ער האָט צו זודיק בלוט, און ביי זודיק בלוט האָט זיך אויך ליב צו פאָרען דער יצר־הרע. ער וואָלט כאָטש איינ־מאָל אין יאָר געפאָרן צום רבין.

אברהם־איציע איז אָבער אַ פרייער פויגל און איז קיינ־מאָל צום רבין ניט געפאָרן.

2

דאָס איז געווען אַ פראָסטיקער ווינטער פאַרנאַכט. אברהם־איציע איז געפאָרן פון אַ נסיעה אויפן דאָרף צוריק אין שטעטל. דער גרויסער שליטן איז כמעט ליידיק — די גאַנצע סחורה, הייסט דאָס, אויספאַרקויפט. ער האָט נאָך דערצו אפנים ערגעץ דאָרט אין דאָרף געמוזט נעמען מיט גוים אַ גוט ביסל בראָנפן. ער איז שטאַרק לעבעדיק. און זיצנדיק אין שליטן אויף אַ זייט, טרייבט ער לוסטיק דעם פערד און וואַרפט אַריין אַלע ווײַלע אין דער פראָסטיקער לופט ברויזנדיקע אויסגעשרייען.

— וויאָ, וויאָ, אַלטע פאַדלע...

דאָס פנים איז רויט פון פראָסט, די גאַנצע שוואַרצע באָרד און וואָנציעס זענען דורכגעזעצט פון אָנגעפרוירענע שטיקלעך אייז, נאָר דאָס רעכטע זעענדיקע אויג פינקלט.

אַריינפאָרנדיק אין שטעטל, האָט ער פון ווייטן באַמערקט, אַז אַרום זיין שטוב שטייט אַ גרויסער עולם. וואָס טוט זיך עס דאָרט אַזוינס? אונטערפאָרנדיק נענטער, האָט ער דערזען, אַז די טיר פון זיין שטוב מאַכט זיך נישט צו, מ'גייט אַריין און אַרויס, עפּעס איז דאָרט אַ גרויסער טומל. אברהם־איציע האָט דערשראָקן אָפּגעשטעלט דאָס פערד, איז אַראָפּגעשפּרונגען פון שליטן און צוגעלאָפן צום שטוב מיט אַ גע־

שרייַ און אַ געפּילדער:
וואָס טוט זיך עס דאָ.
ווי נאָר אָבער מ׳האָט אים דערזען, האָבן אַלע אומהיימ־לעך שווייגנדיק אָפּגעקערט זיך אָן אַ זייט. פון דער האַלב־אָפּענער טיר האָט זיך געהערט אַ פינסטערער יאָמער און גע־וויין. איז אברהם־איציע גלייך אַרייַנגעלאָפן אין שטוב. די גאַנצע שטוב זייַנע איז באַשטאַנען פון אַ גרויסן חדר, ווו ס׳איז געשטאַנען דער גרויסער קיך־אויוון און רעכטס האָט געפירט אַ טיר אין אַ קלייַנעם פינסטערן אַלקער. אברהם־איציע איז אַ רגע געבליבן שטיין אויפן שוועל ווי אַ צעמיש־טער. אין די ווינקלען זענען געשטאַנען פאַרלאָזענע דערשראָ־קענע קינדער און האָבן אויף אַ קול געוויינט. ווייבער, איי־גענע און פרעמדע, האָבן געבראָכן די הענט און געיאָמערט. אין שטוב איז בין־השמשותדיק פינסטערלעך און דער אייַז־פראָסטיקער פאַרנאַכט וואַרפט דורך די פענסטער אַ בלווילעך טונקעלן שייַן. נאָר פון דעם אַלקער האָבן זיך דורכגעריסן אַ פּאָר קאַרגע שטראַלן פון אַ ברענענדיק ליכטל. אברהם־איציע האָט אפילו נישט אָפּגעשפּילעט דעם פּעלץ. ווי ער שטייט און גייט איז ער אַרייַנגעלאָפן אין אַלקער. איז אים גלייך פינס־טער געוואָרן אין די אויגן. ער האָט אפילו נישט באַמערקט, ווי פילע ווייבערשע הענט האָבן זיך צו אים אויסגעשטרעקט מיט אַ געוויין און אַ געבעט. ער האָט נישט ווי מיט זייַן קול אַ געשריי געטון.

— וואָס איז דאָ פאַר אַן אומגליק געשען? ווו איז גנעסיע, גנעסיע...

זייַן געשריי איז אַזוי גוואַלדיק, אַז די ווייבער האָבן זיך פון שרעק אַ וואָרף געטון אָן אַ זייט. מ׳פאַרשפּאָרט אים שוין אָבער צו דערציילן. אויף אַ בענקל ברענט אַ ליכט, וואָס פרומע הענט האָבן אָנגעצונדן פאַר יציאת־נשמה. און אויפן בעט איז געלעגן גנעסיע אומבאַוועגלעך, מיט צוגעמאַכטע אויגן, דער קאָפּ עטוואָס פאַרלייגט אָן אַ זייט. זי איז אפנים נישט לאַנג געשטאָרבן — מ׳האָט נאָך קיין צייט נישט געהאַט

זי אָפּצוהויבן. דאָס מויל איז ביי איר עטוואָס אָפן און פון דאָרט שמייכלט אַרויס פאַרגליווערט פאַרפאַלענע קבר-שטיל־קייט. און אָט דער פאַרגליווערטער שמייכל זאָגט:

— אוודאי וואָלט איך געקאָנט האָבן צו דיר טענות, אברהם־איציע, נאָר איך בין איצט אַ טויטע און קאָנסט מיט מיר טון, וואָס דו ווילסט..

— איך בין אַ טויטע, אברהם־איציע, איך דאַרף נאָר אַ קבר און תכריכים...

אַ ווײַלע איז אברהם־איציע געשטאַנען פאַרגליווערט, נאָך אַלץ פאַרגאַרטלט אין ווינטער פעלץ, די שוואַרצע באָרד פייכט פון דעם צעגאַנגענעם שניי. פּלוצים האָט ער זיך אַ וואָרף געטון מיטן קאָפּ אויפן בעט צום בר־מינן און האָט ווי אַ אונטערגעשאָסענע חיה אָנגעהויבן משונה ווילד ווײַנען אויף אַ קויל.

— גנעסיע, גנעסיע...

מער ווי צוואַנציק יאָר האָט ער געלעבט מיט זײַן ווײַב און ערשט איצט האָט ער דערפילט, אַז דער בר־מינן שלעפּט מיט זיך אין קבר אַ שטיק פון זײַן נשמה. ער עפנט דאָס מויל און וויל עפּעס זאָגן, נאָר ער פאַרכלינעט זיך און שטיקט זיך פון טרערן. ס׳האָט אים פון אינווייניק ווי מיט מעסערס געשניטן. ער האָט זיך קראַמפּהאַפט געוואָרפן אין געשליידערט און אָט האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון מיט ביידע הענט און זיך אָנגעהויבן רייסן די האָר פון קאָפּ. זענען ווײַבער אַרויסגעלאָפן אויפן גאַס און געמאַכט אַ געוואַלד אַרום טיר: ווו זע־נען דאָס די מאַנסבילן — אברהם־איציע רירט זיך פון זינען... מ׳איז זיך טאַקע באַלד צונויפגעלאָפן, קרובים און סתּם איי־גענע יידן. מ׳האָט פריער געפּרוווט מיט גוטן אוועקברענגען אים פון דעם בר־מינן. און אַז ס׳האָט נישט געהאָלפן, האָט מען מיט געוואַלד אים אָפּגעריסן פון בעט און געפירט אים אונטער די זעגט פון אלקער אין צווייטן חדר. שוין אויפן שוועל האָט ער זיך מיט אַ ווילדן געשריי אַרויסגעריסן פון די הענט און זיך ווייטער אַ וואָרף געטון צום בר־מינן. אוודאי

צען מאנסבילן האָבן זיך מיט אים געראנגלט. מיט גרויס מי האָט מען אים ענדלעך ארייגעבראכט אין צווייטן חדר. דאָרט האָט ער זיך געשטעלט מיטן פּנים צו דער וואנט, און אָנ־שפּארנדיק דעם קאָפּ אויף דער וואנט, האָט ער קינדיש גע־וויינט אויף אַ קול.

פלוצים האָט ער זיך אומגעקערט מיטן פּנים פון דער וואנט און אַ פרעג געטון:

— ווו זענען די קינדער?

מ׳האָט אים גלייך בארויקט, אַז די קינדער האָט מען אַוועקגעפירט צו קרובים און מ׳זאָרגט שוין דאָרט גוט פאר זיי. ערשט איצט האָט אברהם-איציע זיך אָפּגעגארטלט, אָפּגע־שפּילעט דעם פעלץ און אַ זאָג געטון:

— איך וויל, מ׳זאָל לייגן גנעסיען אויף דעם הייליקן אָרט ארום דער אלטער רביצין...

דאָס איז נאָרנישט קיין גרינגע זאַך. נאָר מ׳וויל אים איצט נישט רעדן אַנטקעגן און מ׳ענטפערט אים:

— פּארוואָס נישט. מ׳דארף נאָר רעדן מיט די גבאים פון חברה־קדישא. דערהויפּט מיט ביינישן...

און כאָטש ביי אברהם־איציען זענען די טרערן נאָך נישט פאַרטריקנט, ווערט ער אונטערגעצונדן און טוט אַ געשריי:

— איך לאַך פון זיין טאטן. אַזוי פיל יאָרן בין איך אַ שמש אין חברה קדישא, ווו אַ צרה שיקט מען מיך. און ער, ביינישל, איז אַ מיוחס, טוט זיך קיינמאָל נישט קיין ריר פון אָרט און איז נאָך אַ בעל דעה. זאָל ער נאָר פּרווון, אין טאטן אים אַריין. איך גיי גלייך צו אים אַריבער...

ביי די לעצטע ווערטער האָט זיך אברהם־איציע געלאָזט גלייך צו דער טיר און איז אַרויס האַסטיק פון שטוב. אַ גאַנצן אָוונט האָט ער זיך אויף זיין שטייגער געאמפּערט מיט די גבאים, ביז ער האָט זיינס אויסגעפירט. ערשט אַ שעה פאַר האַלבער נאכט איז ער געקומען אַהיים. אין שטוב האט מען שוין דערווייל אפּגעהויבן דעם בר־מינן, באדעקט מיט אַ

שוואַרצן געוואַנט און געשטעלט ליכט צוקאָפּנס. ניט ווייט פון בר־מינן זענען געזעסן אַ פּאָר ווייבער, וואָס האָבן אַלע ווײַלע שטיל געשלוכצט און עפּעס געקלאָגט אויף אַ קול. אייניקע מאַנסבילן האָבן זיך אין אַ ווינקל געשושקעט. אברהם־איציע איז פאַרטראָגן אַרייַנגעקומען, האָט זיך אויף קיינעם ניט אומגעקוקט, זיך גלייך געזעצט אין דעם אָפּגעשפּילעטן פּעלץ אויף אַ בענקל מיטן פּנים צו דער טיר און אומבאַוועגלעך געקוקט פאַר זיך. אומקלאָרע רעיונות האָבן זיך ביי אים געפלאָנטערט אין מוח, טיפע געשרייען האָבן זיך געשטיקט אין דער נשמה, און דאָס האַרץ האָט אַזוי גענאָגט, אַז ער האָט מיט קיין אבר ניט גע־קאָנט רירן. ס׳איז דאָך, דאַכט זיך, אַזאַ געוויינלעכע זאַך, ס׳קומט דער טויט אין אַ שטוב און מאַכט אַ סוף מיט אַ קראַנק ווייב. איז אָבער אברהם־איציע אַ מאָדנע־זודיקער מענטש, און אים דאַכט זיך איצט, אַז גנעסיע שלעפּט מיט זיך אין קבר די אַלע צוואַנציק יאָר, וואָס ער האָט מיט איר געלעבט, כמעט אָטעם ביי אָטעם. דערהויפּט אָבער האָט זיך אים עפּעס דער טויט געלעגט אויף יעדן אבר און פאַרקליבן זיך מיט אַ ברען אין אַזאַ טיף אָרט אין דער נשמה, וווהין אברהם־איציע קאָן זיך מיט זיין קירזשנערשן מוח בשום אופן ניט דערקלייבן. פילט ער נאָר, אַז ערגעץ טיף אינעווייניק ברענט עפּעס אַזאַ מאָדנער ווייטיק, אַז ער איז גרייט אָט־אָט אַ וואָרף טון זיך אויף דער ערד מיט אַ ווילדן געשריי. האָט זיך אָבער דאָס האַרץ צונויפגעקוועטשט און ניט געלאָזט אים זיך רירן פון אָרט. ווי אַ באַנומענער איז ער טאַקע געזעסן. ערשט פאַרטאָג, ווען מ׳איז געקומען פון חברה קדישא און מ׳האָט זיך אָנגע-הויבן פאָרען מיטן בר־מינן, האָט מען אים געמוזט אונטער די הענט אַרויספירן פון גרויסן חדר. ער האָט זיך געלאָזט פירן. נאָר קומענדיק צו דער טיר, האָט ער זיך ווי אויפגעכאַפּט, זיך אָפּגעשטעלט און אויפן סאַמע שוועל אָנגעהויבן אויפן קול צו וויינען. אַלע האָבן געשטוינט, וואָס אברהם-איציע האָט אַזוי מאָדנע דעם קאָפּ פאַרלויהן. זיין גאַנץ באַנעמען זיך אין דעם טאָג איז געווען אומגעלומפּערט, גלייך ווי ער וואָלט עפּעס

גאָר ניט געווען ביי די ג'ודאַנקען. זיין געוויין האָט איצט אין דרויסן אומהיימלעך אָפּגעקלונגען. מ'האָט אים גאָרנישט געקאָנט איינשטילן. נאָר יאָסי דער קברות-מאַן האָט אים, ווי אַן אַלטער גוטער ברודער, אַ קלאַפּ געטון אין פּלייצע.

— מעגסט זיך שעמען, אברהם-איציע, אין דיין טיפן האַלז אַריין! דו ביסט דאָך אַזוי פיל יאָרן אַ שמש פון חברה קדשא, מ'שטיינס געזאָגט. פרעמדע מתים פלעגסטו קאַלט-בלוטיק באַ-גראָבן און נעמען גלייך דערנאָכדעם אַ ביסל בראָנפן, און ביי דיין ווייב קערסטו אַזוי די וועלט און...

אָט די רייד האָבן, אפנים, געטראָפן אברהם-איציען אין פּינטל אַריין. ער האָט אַ פאַרקאָכטער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ געשריי געטון:

— פאַרמאַך דעם פּיסק דיינעם, דו...

ער האָט טאַקע אויפגעהערט צו וויינען און זיך גלייך אָנגעהויבן קאָכן אַרום דער לויה. די ערשטע זאַך האָט ער געוואָלט, מ'זאָל מיטנעמען אויף דער לויה זיין עלטער קינד, דעם אַכטיאָריקן יעקעלע, וועלכער זאָל זאָגן קדיש אויפן בית-עולם. צווייטנס האָט ער געגעבן אויף תלמוד-תורה אַ פיינע נדבה, די תלמוד-תורה-יינגלעך זאָלן נאָכגיין נאָך דער לויה און זאָגן תהילים. ער האָט זיך אויך דערמאָנט, אַז ער האָט בירושה פון זיין שווער אַ ביסל ארץ-ישראל-ערד. האָט ער עס האַסטיק אָנגעהויבן אַרויסזוכן פאַר גנעסיעס וועגן. ביז נאָך דער לויה האָט ער ניט גערוט און האָט אַלע ווײַלע עפּעס אויפגעטון. נאָר בשעת דער קבורה האָט ער ווייטער דעם קאָפּ פאַרלוירן. דערזען, ווי מ'לעגט אַריין גגעסיען אין קבר, האָט ער זיך מיט אַ מאוימדיקן געפּילדער געוואָרפן נאָך איר אין קבר אַריין; האָט שרייענדיק געריסן אויף זיך די האָר. מיט אומגעהויערע כוחות האָט מען אים קוים געקאָנט אָפּרייסן פון קבר. פון אַלע זייטן האָט מען מיט שרעק און רחמנות געקוקט אויף דעם ברייט-פּלייציקן קירזשנער, וואָס וואַרפט זיך ווי אין קראַמף. וואָס טוט זיך דאָס מיט אים? וואָס לעגט ער איין אַזוי די וועלט? טאַקע ניט אַנדערש, אַז אָט דער זודיקער קירזשנער

האָט זיך, רחמנא ליצלן, געריירט פון זינען.

נאָך האַלבן טאָג איז מען געקומען פון דער לויה. אברהם־איציע איז מיטאַמאָל געוואָרן שטיל און רויק. ער האָט אויסגעזען שטאַרק פאַרטראַכט און צעטראָגן. דאָס איינציק זעענדיקע אויג האָט אומהיימלעך געבלאָנדזעט מיט דעם שאַרפן בליק אין דער לופט. ער איז געזעסן שבעה אין גרויסן חדר אויף דער ערד אין אַ ווינקל. אַ גאַנצן טאָג האָט זיך די טיר ניט צוגעמאַכט — אייגענע און פרעמדע זענען געקומען אים מנחם אבל זיין. ס׳איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ גרויסער מנין צו מנחה און מעריב. אברהם־איציע האָט עפּעס ווי קיינעם ניט געזען און קיינעם קיין וואָרט ניט געזאָגט. זיין שאַרפער בליק האָט נאָך אַלץ געבלאָנדזעט אין דער לופט. ערשט נאָך מעריב האָט ער ווי פּלוצים אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו ישעיה דעם מלמד און זיך צו אים אַ קער געטון. ישעיה איז אַ מיטלוועקסיקער עלטערער מענטש מיט אַ קליין גרוי בערדל, אַ ציכטיקער אַ רירעוודיקער מיט תמיד לייכטנדיקע אויגן. ער זאָגט אַלע פאַרנאַכט „עין־יעקב" אין שול פאַרן עולם, ווי אויך יעדן שבת בייטאָג אַ שטיקל מדרש אָדער אַזוי אַ פּרשה חומש. ער האָט אַ שיינעם חתוך הדבור, רעדט קלאָר און שאַרף, מיט האַרציקער מתיקות לעגט ער אַלעמען די ווערטער אין מויל אַריין, דערביי האָט ער תמיד גרייט אויף אַ טשיקאַוועס אַ שיינעם משל, אַ מעשהלע, און האָט בכח מיט אַ פּאָר געשמאַקע ווערטער אַ נעם טון דעם עולם פאַרן האַרצן. דער המון האָט אים טאַקע דאָס חיות ליב געהאַט. סתם יידן, קליינע קרעמערס, בעלי־מלאכות פלעגן זיך אָפּרייסן פון דער אַרבעט אפילו אין די גרויסע מאַרקטעג אָדער יאַרידן און לויפן פאַרנאַכט מיט אַ אימפּעט צו ישעיה דעם מלמד „אָפּרוען" ביי זיין „עין־יעקב". אברהם־איציע איז געווען פון זיינע געשוווירענע צוהערער, און האָבנדיק פאַר אים טיפן אָפּשיי, פלעגט ער אים תמיד אויף זיין קאָכיקן שטייגער ליב האָבן, ווי אַן אַלטן קלוגן טאַטן. און איצט האָט אברהם־איציע אויפגעהויבן צו אים זיין רעכט זעענדיק אויג, און עט־

וואָס אויסשטרעקנדיק צו אים די הענט, האָט ער קוים אַרויס־געריעדט:

— ר׳ ישעיה....

— ר׳ ישעיה....

עפּעס האָט ער געוואָלט, אברהם־איציע, זאָגן. ער האָט עס אָבער, אַפּנים, ניט געקאָנט אַרויסברענגען מיט ווערטער. דאָס מויל איז געבליבן ביי אים אָפֿן, און אויפן פּנים האָט זיך באַוויזן אַ פֿאַרלוירענער בלאַסער שמייכל.

— ר׳ ישעיה, ר׳ ישעיה....

ס׳איז געווען פּשוט אַ רחמנות צו קוקן אָט אויף דעם פֿאַרלוירענעם מענטשן. מ׳האָט בחוש געזען, אַז עפּעס שטיקט אים אינעווייניק אין דער נשמה, און ער קאָן עס בשום אופן ניט אַרויסברענגען. אוודאי קאָן יעדער מענטש ביי אַ גרויסן אומגליק דעם קאָפּ פֿאַרלירן, און בפרט נאָך אַ ייד אַ ברען ווי אברהם־איציע. נאָר אַ לעבעדיקער מענטש וועט זיך פֿריער אָדער שפּעטער אַרויסטשוכען. מ׳האָט שוין געזען אַזוינע זאַכן. מ׳דאַרף נאָר אין אַזאַ מצב לאָזן אַ מענטשן די ערשטע טעג צו רו, ביז ס׳וועט זיך איבערקאָכן. און טאַקע באַלד נאָך מעריב זענען זיך אַלע צעגאַנגען. ס׳זענען נאָר געבליבן נעבעטיקן דער שוואָגער און די שוועגערן, וואָס האָבן געבראַכט צוריק אַהיים אברהם־איציעס קינדער. דערזעענדיק די קינדער, איז אברהם־איציע פּלוצים לעבעדיק און רירעוודיק געוואָרן. ער האָט דורכויס געוואָלט שלאָפֿן מיט די קינדער. דער שוואָגער מיט די שוועגערן האָבן זיך געלעגט אין אַלקער. און אברהם־איציע האָט זיך אַליין אויסגעבעט אין דעם גרויסן חדר אויף דער ערד, ווו ער האָט זיך געלעגט אינאיינעם מיט די קינדער. די הרובע האָט מען נאָך פֿאַרנאַכט אויסגעהייצט, און אין שטוב איז איצט שטאַרק וואַרעם און מאָדנע שטיל. נאָר אין דער וואַרעמער שטילקייט האָבן נאָך געהילכט שווערע קלאַנגען פֿון געוויין און טויט־געשריי, און דורך די פֿענסטער האָט קוים געשימערט אַ קאַלטע פֿינסטערע ווינטער־נאַכט, וואָס ציט זיך אויף דער גאַנצער וועלט אָן אַ סוף און אָן אַן אויפֿהער...

די קינדער זענען באַלד איינגעשלאָפן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך דערהערט אַ כראָפּען פון דעם אַלקער. נאָר אברהם-איציע איז געלעגן לעבן די קינדער אונטער דער קאָלדרע און געקוקט מיט דעם רעכטן זעענדיקן אויג אין דער לופט אַריין. ערשט איצט האָבן זיך ביי אברהם-איציען אָנגעהויבן פּאַמעלעך אַרויסוויקלען מאָדנע אומגעלומפּערטע רעיונות, און דאָס נאָגנדיקע האַרץ האָט זיך מיט אַזאַ אימפּעט נאָך זיי געצויגן, גלייך ווי אָט די, אייגנטלעך, נאַרישע רעיונות קאָנען עפּעס העלפן.

אַ ייד אַ קירזשנער, וואָס האָט ערשט היינט באַגראָבן דאָס ווייב, ליגט אונטער דער קאָלדרע, לעבן שלאָפנדיקע קינדער, און ס׳הערט אים ניט אויף צו דאַרן דעם מוח. וועגן וואָס אקאָרשט? ס׳גייט אים אין לעבן צו וויסן, למאי מוז דאָס יעדער האָבן אַזאַ מיאוסן סוף? קומט, למשל, אַ גאַסט אין שטוב, באַגעגנט מען אים מיט גרויס שמחה, מ׳שטעלט אים שיינעם כיבוד. נאָר אַז דער גאַסט הויבט זיך אָן געזעגענען, באַלייט מען אים ניט צו דער טיר, נאָר מ׳וואַרפט אים אַרויס ווי אַ נבילה. איינס פון דיביידע: אָדער מ׳רופט ניט דעם גאַסט, און אַז מ׳רופט אים שוין יאָ, דאַרף מען אים ניט אַרויסשליידערן ווי אַ נבילה. אויב אַז אַ מענטש מוז שוין יאָ אַוועקגיין פון דער וועלט, פאַרוואָס מוז מען דאָס אים וואַרפן, זאָל גאָט ניט שטראָפן פאַר די רייד, ווי אַ נבילה אין קבר. ווו איז דער פּשוטער שכל, דער יושר? אַלע יאָרן פון אַ מענטשן האָבן דאָך זייער אייגענעם חן. אַ קינד אין וויג איז מלא חן, און ס׳איז אַ חיות אויף אים אַ קוק צו טון, דערנאָכדעם אַ חדר-ייִנגל אַ שטיפער, אַ לעבעדיקער יונגאַטש, דערנאָכדעם אַ חתן-בחור, אַ שעמעוודיקער, אַ בליענדיקער, בלוט און מילך; דערנאָכדעם אַ יונגערמאַן — אַ טאַטע, אַ רירעוודיקער, אַ בויער, אַ טוער; דערנאָכדעם אַ ייד אַ באַלעבאָס אַ פעסטער, אַן אָפּגעקלערטער, אַ געשטעלטער, אַ שטאַט; דערנאָכדעם אַן עלטערער מענטש מיט אַ שיינער גרויער באָרד, אַ הדרת-פּנים. אפילו אַ קראַנק, אַ צעבראָכן האַרץ, האָט זיין חן. בשעת מ׳ראַנגלט זיך מיט קרענק און יסורים, ווערט מען ווייך, האַרציק. וואָס איז דאָ צו רעדן?

דער מענטש איז אויף דער וועלט אַ חשובער גאַסט, וואָס דער אויבערשטער איז צו יעדער צייט מכבד מיט כּלערליי גוטס. נאָר ביים רעכטן סוף גיט מען אָט דעם אורח פּשוט מיט אַ מעסער אין האַרצן. אַזאַ נמאסער סוף! אַ בר־מינן, וואָס ווערים עסן, ווערים... וואָס? אָט ליגט איצט גנעסיע באַ־גראָבן און....

אברהם־איציע האָט זיך אויפגעזעצט און איז געווען שטאַרק אויפגערעגט. זיינע מאָדנע רעיונות האָבן אים, ווי הייסע קוילן, געבריט דעם מוח. וואָס הייסט? אין שטעטל איז מען דאָך געווען בדיעבד צופרידן, אַז ער האָט אַנומעלט אויס־געפּאַטשט דעם מסור, וואָס האָט געוואָלט איבערגעבן אַ גאַנץ שטעטל אין גוישע הענט. פאַרוואָס זשע זאָל מען שווייגן דעם אויבערשטן, וואָס וואַרפט אַ וועלט מיט מענטשן אין קבר צו די ווערים. וואָס? אברהם־איציע האָט אַ ציטער געטון און איז אַ דערשראָקענער געפאַלן מיטן פּנים אויפן קישן. פון דעם אַלקער האָט זיך נאָך אַלץ געטראָגן דאָס כראָפּען, וואָס האָט ממש געריסן שטיקער פון דער שטילקייט. האָסטו געהערט אַזוינס? אַ מענטש זאָל אַזוי כראָפּען! אברהם־איציע האָט זיך איבערגעקערט אויף דער אַנדערער זייט, און אויף זיין קירזש־נערשן מוח האָבן זיך ווייטער אַ שאָט געטון בריענדיקע רעיונות.

למאי זאָל ער לייקענען? אים פלעגט אַלעמאָל ווי טון דאָס האַרץ, להבדיל, אויף אַ היטל, ווען עס ווערט אַלט און אָפּגעריבן, כאָטש וואַרף עס אַרויס. בשעת ער מאַכט אַ ניי היטל, פרייט ער זיך תמיד ווי אויף אַ ניי געבוירן באַשעפעניש — ס'איז שפּאָגל ניי, גלאַנצט און בלישטשעט. ערב פּסח, למשל, קויפן ביי אים אַ סך מענטשן אויף יום־טוב נייע היט־לען. אין דעם ערשטן טאָג יום־טוב אין בית־המדרש האָט ער אַזוי פיל הנאה צו קוקן, ווי ס'קומען מענטשן מיט נייע היט־לען, וואָס זעען אויס פריש, יומטובדיק. נאָר אַ פּאָר וואָכן נאָך פּסח זענען די זעלבע היטלען שוין צעקנייטשט, שטאַרק אָפּגעלעבט און אויסגעריבן. אַנומעלטן ברענגט אים יחיאל,

דער שוחט, פאַריכטן אַ היטל, וואָס איז אינגאַנצן אויסגעקראָכן, טויטע פאָדעם טאַרטשען פון די זייטן. שוין נישט קיין היטל, נאָר אַ פאַדלע. פרעגט ער זיך פונאַנדער און דערוווסט זיך, אַז דאָס איז זעלבע זיידענע היטל, וואָס ער האָט צוריק מיט אַ האַלב יאָר געמאַכט אויף אַ טשיקאַווע — אַ היטל אַ צאַצקע, אַ אתרוגל, און איצט, מ׳שטיינס געזאָגט, ווי דאָס זעט אויס. טוט ער מיט כעס אַ געשריי אויף יחיאלן: אַזאַ חניאָק ווי איר מיט אַזוינע געשוואָלענע פיאות דאַרף טראָגן אַ כאָמעט, נישט קיין היטל. אָנשטאָט צו קראַצן די פיאות, קראַצט איר אפּנים דאָס היטל, לאַסקאַדריגע! ס׳איז אָבער קיין פעולה נישט — אויף יעדן היטל מוז קומען אַ סוף. און אַז אַ קירזשנער וואָלט מאַכן אַ היטל פון אייזן, וואָלט עס אויך מיט דער צייט פאַרזשאַווערט ווערן. אָט אַזוי קומט אויף אַלץ אַ נמאסער סוף און אַז...

אברהם־איציע האָט זיך ווייטער אויפגעזעצט. עפּעס האָט ער זיך גאָרנישט געקאָנט אַרויספּלאָנטערן. איז דען טאַקע נישטאָ קיין חילוק צווישן אַ היטל און אַ מענטשן, צווישן אַ קירזשנער, וואָס מאַכט היטלען און אַ גאָט ברוך הוא, וואָס שאַפט מענטשן? אברהם־איציע האָט מיט שרעק אַ קלער געטון: טאָר דען אַ ייד, ובפרט נאָך אַ פּראָסטער ייד, אַרויפלאָזן אַזוינע רעיונות אויפן קאָפּ; פאַרוואָס זאָל מען אָבער נישט טאָרן? און וואָס טוט מען, אַז די רעיונות קומען גאָר אַליין און רייסן אויף מיט געוואַלד דעם מוח? וואָס־זשע קאָן מען דען... עפּעס קאָן ער זיך גאָרנישט אַרויסדרייען. ס׳האָט אים אָנגעהויבן שווינדלען אין די אויגן. די פּאָריקע נאַכט האָט ער אַ אויג נישט צוגעמאַכט, און פון נעכטן אָן האָט ער נאָך קיין טרונק וואַסער אין מויל נישט גענומען. איז ער איצט מיט אַמאָל אַזוי שוואַך און שלאַפעריק געוואָרן, אַז ער איז נישט ווילנדיק ווייטער געפאַלן מיטן קאָפּ אויפן קישן.

אין איין רגע האָבן זיך אַלע רעיונות אויסגעמישט און פאַרשוווּנדן. אַ געדיכטער ווייכער נעפּל האָט אַרומגענומען דעם מוח. דער גאַנצער גוף זיינער האָט אָנגעהויבן צו דרעמ־

לען. נאָר אברהם־איציע האָט זיך מיט די לעצטע כּוחות גע־ראַנגלט און האָט נאָך אַ גאַנצע ווײַלע געהאַלטן אָפן דאָס זע־ענדיקע אויג. פּלוצים האָט ער דערזען אין דער לופט די זעלבע צוויי שערבלעך, וועלכע מ'האָט בײַטאָג אַרויפגעלייגט אין קבר אויף גנעסיעס אויגן. פון וואַנען קומען אַהער אָט די שערבלעך? אין איין רגע זענען זיי טאַקע פאַרשוווּנדן אין דער וואַרעמער שטילקייט פון חדר. אויף אברהם־איציעס פּנים האָט זיך באַוויזן אַ קינדיש דרעמלענדיקער שמייכל...

נאָר אָט האָט עפּעס עמעצער אַ קלאַפּ געטון אין פענסטער — איינמאָל און נאָך אַמאָל. אברהם־איציע איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום פענסטער, און איינקוקנדיק זיך האָט ער דער־זען אַ באַקאַנט פּנים. אַהאַ! יאָסי דער קברות־מאַן! אברהם־איציע האָט אויף זיך אַרויפגעוואָרפן אַ פּעלץ און איז געגאַנגען עפענען די טיר.

— ווי קומסטו, יאָסי, אַהער נאָך האַלבער נאַכט?

— הער נאָר, אברהם־איציע, אַ מאָדנע זאַך. פון בײַטאָג אָן שרייט גנעסיע אַרויס פונם קבר — דער גאַנצער בית־עולם גייט כּאַדאָראַם. זי שרייט און רופט דיך. צי האַלבער נאַכט זענען אירע געשרייען געוואָרן אַזוי גוואַלדיק, אַז איך האָב מיך גע־לאָזט גיין דיך רופן. מאַך טאַקע ניט קיין שהיות און קום שוין צו גנעסיען אויפן קבר...

אברהם־איציע האָט זיך געבייזערט.

— וואָס־זשע האָסטו געוואַרט און מיך ביז אַהער ניט גע־רופן? קום אַריין אויף אַ רגע, איך וועל זיך נאָר אָנטון, וועלן מיר גלײַך גיין...

אין אַ ווײַלע אַרום זענען זיי ביידע אַרויסגעגאַנגען. ס'איז געווען אַ פינסטערע פראָסטיקע נאַכט. אַ געדיכטער טונקעלער שאָטן האָט מאָדנע דורכגעדרונגען דעם ווײַסן שניי אויף דער ערד און אויף די דעכער. הײַזער און הײַזלעך שטייען אומבאַ־וועגלעך און קוקן ווי פאַרגליווערט מיט די בלינדע שוואַרצע פענסטער. אין דער פראָסטיקער נאַכטשטילקייט הילכט אַזוי מאָדנע דאָס סקריפּען פון דעם שניי אונטער די פיס.

— זאָג מיר נאָר, אברהם־איציע, איין זאַך. דו ביסט דאָך עפּעס אַן אַלטער שמש פון חברה קדישה און ווייסט זיי־ער גוט, אַז שמשים מוזן נעמען אַ ביסל בראָנפן נאָך אַ קבורה. מילא, דו האָסט היינט געמוזט מאַכן פלערליי הינטישע שטיק פאַר אַ טויט ווייב, אָבער פאַרוואָס האָסטו אונז, שמשים, נישט געגעבן אפילו קיין צווייער אויף אַ ביסל בראָנפן? ווו איז דער יושר, אַ?...

יאָסי איז אַ ייד פון אַ יאָר פופציק, אַ הויכער, אַ שטייפ־ביייניקער מיט אַ קליין בערדל און קליינע לעבעדיקע אויגן, וואָס בלישטשען שטענדיק. ער רעדט איצט שאַרף און אָפּגע־שניטן, און זיינע רייד פאַלן ווי שאַרפע נאָדלען אין דער פּראָסטיקער לופט אַריין.

— דו ביסט, יאָסי, אפשר גערעכט. נאָר פאַרוואָס זאָל אַזאַ אַלטער שיכור, ווי דו, נישט קאָנען דורכלאָזן איינמאָל אַ מת אָן אַ ביסל בראָנפן? דו ביסט דאָך...

יאָסי האָט אויפגעקוקט און אַ בלישטשע געטון מיט די אויגעלעך.

— נישט אַנדערש, אברהם־איציע, אַז דו האָסט זיך גע־רירט פון זינען. אויך מיר אַ שמש, מ׳שטיינס געזאָגט. ווי וואָלטן דען מענטשן בלויז אויסגעזען ביים טויט, ווען מיר ווייניקסטנס, שמשים, וואָלטן נישט גענומען אַ ביסל בראָנפן. דעם טויטן אַליין וואַרפט מען דאָך אין קבר צו די ווערים, און אַלע מענטשן אַרום זענען פאַרלוירן, צעטומלט, רחמנא ליצלן, ווי דערשראָקענע הינער. טאַקע נאָר מיר, שמשים, לאַכן פון דעם טויט און נעמען אויף צו להכעיס אַ ביסל בראָנפן. מיר זענען דאָך די איינציקע, פאַר וועמען דער מלאך המות קאָן נאָך האָבן אַ ביסל דרך ארץ און...

— זאָג מיר נאָר, יאָסי, אין טאַטן דיר אַריין, וואָס דרייסטו מיר אַ ספּאָדיק, הער שוין אויף מיט דיינע פּוסטע חקירות. ווייסטו, איך האָב פאַרגעסן מיין טאַבאַק אין דער היים. מיר חלשט זיך רויכערן. אפשר האָסטו אַ ביסל טאַבאַק...

יאָסי האָט עפּעס ווי נישט געהערט די לעצטע אברהם־

אי־ציעס רייד. קוקנדיק פּאָרויס, האָט ער פּלוצים אַ לאַך געטון.

— זאָג, אברהם־איציע, וואָס דו ווילסט, נאָר איך מיט דיר זענען די אײנציקע מענטשן: איך גיב אויפן בית־עולם אַכטונג אויף די טויטע, און דו אין שטעטל — אויף די לע־בעדיקע. די קליגסטע מענטשן דערשרעקן זיך פאַרן טויט און האָבן מורא פאַר אַ בר־מינן, נאָר איך אַליין לעב צווישן די טויטע און האַלט דעם בית־עולם אין מײנע הענט. אָט אַזוי האָבן אויך אין שטעטל די גרעסטע שיסער מורא פאַר אַ מסור, פאַר אַ פּריסטאַוו, ווערן בטל פאַר גבירים און גראָבע פּופּקעס. נאָר דו, אברהם־איציע, קאָנסט פּלאַסקען אַ מסור, דערלאַנגען צום פּריסטאַוו און אָנוואַרפן אַ אימה אויף די גראָ־בע פּופּקעס. וואָס טויגן די חכמות, איך האָב די שליטה אויף טויטע, און דו אויף די לעבעדיקע...

זיי זענען דערוויַיל, גייענדיק, אַרויס פון שטעטל אויפן שליאַך, וואָס פירט צום בית־עולם. דאָ האָט די נאַכט נאָך פינסטערער און שטילער אויסגעזען.

— דו הערסט גאָרנישט, יאָסי, וואָס דו רעדסט. אָט אַזוי קלערן דאָך אויך פּשוטע פערד: די קליגסטע מענטשן, וואָס זיצן אין וואָגן, זאָגן די פערד, קאָנען נישט אַ ריר טון דעם וואָגן פון אָרט, נאָר זיי, די פערד, פירן דעם וואָגן מיט די מענטשן פאָרויס. פונדעסטוועגן זענען זיי פאָרט נאָר פּשוטע פערד. דו פאַרשטייסט דען נישט, אַז מיר ביידע זענען נישט ווערט, למשל דעם מינדסטן נאָגל פון ישעיה דעם מלמד, וואָס קאָן אפילו קיין פליג פון וואַנט נישט אַראָפּטרייבן און.. אָבער לאָמיר שוין אויפהערן מיט אָט די נאַרישע חקירות. טו נאָר בעסער אַ זוך ביי דיר אין קעשענע אַ ביסל טאַבאַק. מיר חלשט זיך אַ רויכער טון...

יאָסי האָט קאַלטבלוטיק אַ הוסט געטון און אָנגעהויבן זוכן אין די קעשענעס. ער האָט דערביי מיט כעס און פאַר־אַכטונג אַ קוק געטון אויף אברהם־איציען.

— נישטאָ מיט דיר וואָס צו רעדן. דו ביסט נאָר אַ

שיסער ביי פרעמדע מתים, און ביי דיין אייגן ווייב האָסטו פאַרלוירן די בושה, האָסט מורא פאַרן טויט און ביסט מיט אַמאָל געוואָרן אַ תם, אַ גאָטספאָרכטיקער. אַ ייד — אַ שמאַטע. בקיצור, מיר וועלן שפּעטער אָקאָרשט זען. נאַ דיר טאַבאַק, נאַ...

זיי זענען אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, און האָבן, גייענדיק, געמאַכט זייערע פּאַפּיראָסן. די האַלב־פאַרפרוירענע פינגער האָבן שווערלעך געוויקלט דעם פּאַפּיראָס. פּלוצים האָט זיך דערהערט פון בית־עולם אַ האַרצרייסנדיקער ווייבערשער געשריי. וואָס נעענטער זיי זענען צוגעקומען, אַלץ קלאָרער און בולטער זענען געוואָרן די געשרייען. עטלעכע שפּאַן ווייטער פון בית־עולם האָט זיך יאָסי אָפּגעשטעלט, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ רויטן שנור, און אונטערלייגנדיק עס אונטער א שטיינדל צווישן צוויי פינגער אין דער לינקער האַנט, האָט ער אָנגעהויבן אַרויסקלאַפּן פייער, און אַט האָט זיך אין דער פינסטערניש באַוויזן אַ רויטער פונק. אברהם־איציע האָט זיך אָנגעבויגן מיט דעם פּאַפּיראָס צום פייער צו פאַררויכערן. פּלוצים איז ביי אים דער פּאַפּיראָס פון די הענט אַרויסגעפאַלן, ער האָט זיך אַ וואַקל געטון און איז עפּעס ווי פון זיך אין איין רגע ערגעץ ווהין אַריבערגעשפּרונגען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז ער שטייט אויף אַן אומגעהײַער גרויסן פּלאַץ, ווו ס'האָט פּלוצים אָנגעהויבן צו טאָגן. נאָר דאָ האָט ערשט רעכט געריסן די אויערן דער האַרצרייסנדיקער ווייבערשער געוויין. פון וואַנען גייט אַזאַ געשריי? אַהאַ! נישט ווייט שטייען געוואַלדיק גרויסע טויערן, פאַרמאַכט און פאַרשלאָסן, ווי אַ טויבע וואַנט. אברהם־איציע איז אַהין צוגעלאָפן און דערזען גנעסיען! זי איז געשטאַנען אַן עלנטע, אַ נאַקעטע און האָט, אוממענטשלעך שרייענדיק, זיך מיט אַלע כּוחות געקלאַפּערט אין די אומברחמנותדיקע פאַרמאַכטע טויערן. דערזען אברהם־איציען, האָט זי אויסגעשטרעקט צו אים די הענט און זיך מיט אַ מאָדנער יללה געבעטן:

— אברהם־איציע, אברהם־איציע! ראַטעווע מיך. אַ

גאַנצן טאָג האָבן מיך מלאכי חבלה געשליידערט אין כּף הקלע וואָס ווייסטו, וואָס מ'האָט מיט מיר צו טון! און איצט האָבן זיי מיך דאָ אַן עלנטע פאַרוואָרפן און לאָזן מיך נישט אַריין, ראַטעווע מיך, ראַטעווע...

אברהם־איציע האָט זיך אָנגעצונדן פון כּעס. האָט ער אַ לויף געטון צום טויער און זיך אײַנגעגאַנצן אַ וואָרף געטון אויף די טויערן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז די טויערן האָבן פון זיך אַליין אויפגעפּראַלט. ער האָט אָנגענומען גנעסיען פאַר דער האַנט און איז מיט איר גלייך אַריין אין די געעפנטע טויערן. פון יענער זייט טויער איז מען געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ, עפּעס אומגעוויינלעכע געשטאַלטן, וואָס האָבן זיך מיט גרויס כּבוד אויפגעשטעלט פאַר אברהם־איציען. דערזען. אַז מ'האָט דאָ פאַר אים גרויס דרך ארץ, האָט אברהם־איציע נישט גע־מאַכט קיין שהיות און אַ געשריי געטון:

— פירט אָפּ גלייך מיין גנעסיען אין גן־עדן. טאַקע שוין, די רגע!...

מ'האָט אפילו קיין צווייט ווערטער נישט גערעדט און גלייך געלאָזט פירן גנעסיען אין גן־עדן. ביי גנעסיען האָט דאָס פּנים אָנגעהויבן שטראַלן פון אומדערוואַרטעטער שמחה. אברהם-איציע האָט זיך אַזוי געוווּנדערט, ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און אַ פרעג געטון:

— וואָס ווערט איר דאָ אַלע פאַר מיר אַזוי נתפּעל?

אַלע האָבן מיט אַמאָל געענטפערט. און אַ מאָדנע זאַך: ס'רעדן טויזנטער קולות, וואָס גיסן זיך אָבער צונויף אינאיי־נעם און הערן זיך ווי איין קול.

— מיר האָבן אַ שליטה נאָר אויף מענטשן, וואָס קומען אַהער נאָכן טויט. אַזוינע מענטשן זענען נישט אַהין, נישט אַהער. דאָס ערדישע לעבן האָט ביי זיי צוגענומען די הימלי־שע ריינקייט פון דער נשמה, און דער טויט נעמט אָפּ דעם כּוח פון דעם גוף. זענען זיי נישט אַהין און נישט אַהער — כאָטש וואַרף זיי גלייך אין כּף הקלע. ווען אָבער אַ לעבעדי־קער מענטש קומט אויפן הימל, האָט ער אויף אונז די גאַנצע

שליטה. דערפאַר האָט אליהו הנביא טאַקע אַזוי צו שאַפן אי־בער אונז.

אברהם־איציע האָט זיך אָבער נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן אין לאַנגע רייד און שאַרף אַ זאָג געטון:

— איך, אברהם־איציע דער קירזשנער, האָב וואָס צו רעדן מיט דעם רבונו של עולם. זאָגט מיר שוין, ווו קאָן איך אים געפינען?

האָבן ווייטער טויזנטער קולות ווי איין קול געשריגן:

— גאָט איז אומעטום, אויפן הימל און אויף דער ערד, אומעטום איז ער. נאָר מענטשן זענען שוואַך און בלינד און קאָנען נאָר אין אײַנציקע ערטער דערזען דעם רבונו של עולם, וואָס איז באמת לחלוטין אומעטום......

איז אברהם־איציע געוואָרן אומגעדולדיק.

— דאָס ווייס איך אָן אייך און דאַרף נישט אייערע לאַנגע דרשות. איך זאָג אייך פּראָסטע דיבורים: פירט מיך אַהין, ווו אַ פּראָסטער ייד, אַ קירזשנער, קאָן רעדן מיט דעם אויבערשטן...

מ׳האָט אים טאַקע גלייך אָנגענומען פאַר די הענט און זיך געלאָזט מיט אים לויפן. אברהם־איציע האָט זיך פאַר־חידושט — ווי מאָדנע מ׳לויפט אויף דעם הימל. נישט מען לויפט, נאָר מ׳פליט, און מיט יעדן לויף פליט מען אָפּ אַ וועלט. נישט וואָס מ׳ווערט נישט מיד, נאָר מ׳ווערט ביים לויפן אַלץ רויקער און לייכטער, מ׳פאַרלירט די לעצטע שווערקייט פון אַ גוף. און אָט איז פלוצים דאָס גאַנצע לויפן ווי אַ געזאַנג מיט גרויס מתיקות אין זיך אויסגעגאַנגען. מיט דער גאַנצער נשמה, מיט לייב און לעבן האָט אברהם־איציע דערזען דעם אויבערשטן. האָבן זיך ווי מיט אַמאָל אין אים געעפנט אַלע פאַרמאַכטע אָפּגרינטן פון צער און ווייטיק, וואָס האָבן די גאַנצע צייט אַזוי געשטיקט די נשמה. ער האָט אויס־געשטרעקט די האַנט און אָנגעהויבן ביטער צו טענהן:

— וואָס האָסטו, רבונו של עולם, צו אונז, צו אַ וועלט מיט מענטשן. אויף וואָס גיסטו אונז לעבן און פרייד, זאַפטיקע

מצוות און שיינע ימים־טובים און צום רעכטן סוף וואַרפסטו אונז ווי נבלות אין קבר אַריין? אַלמעכטיקער גאָט! קאָנסטו דען נישט ברענגען דיין באַשעפעניש צוריק אויפן הימל, ווי גאָר דורך ווערים און פוילעניש? דו ביסט דאָך אַ כל־יכל, וואָס זשע האָסטו צו אונז?

אברהם־איציע איז פּלוצים פאַרגאַפּט אַנטשוויגן געוואָרן. פון זיין אייגענער נשמה האָט אַ הימליש קול אים געענטפערט:

— ווי קאָן דאָס בלויז אַ מענטש, אַ בשר ודם, וואַגן צו וועלן וויסן גאָטס כוונות?

אברהם־איציע איז אַזש פאַרקאָכט געוואָרן, ער האָט זיך אַ וואָרף געטון און געשריגן:

—דאָס האָב איך שוין טויזנט מאָל געהערט. פרעג איך טאַקע ביי דיר. אָט איז ביי אונז אין שטעטל ישעיה דער מלמד. אַ ייד אַן אָרעמאַן, וואָס האָרעוועט אַ גאַנצן טאָג אין חדר. פונדעסטוועגן געפינט ער צייט און כוחות אַלע פאַרנאַכט אַנידערצוזעצן זיך אין בית־המדרש פאַר פראָסטע מענטשן און געבן אונז צו פאַרשטיין פון די הייליקע ספרים, וואָס מיר וויסן נישט אפילו ווי צו עפענען. און דו ביסט דאָך אַ גאָט פון אַלע וועלטן — דיינע חסדים זענען דאָך אַזוי גרויס! פאַרוואָס־זשע זאָלסטו נישט האָבן די גוטסקייט פון אַ ישיעה, דעם מלמד, און נישט וועלן געבן אונז, אָרעמע מענטשן, צו פאַרשטיין אונזער נמאסן סוף, וואָס ברענגט אונז שרעק און שאַנד, ווערים און פוילעניש? פאַרוואָס לאָזטו אונז ווי בלינדע פליגן פאַלן פאַרן טויט? וואָס האָסטו צו אונז, וואָס האָסטו...

אברהם־איציע האָט אינגאַנצן אויפגעזאָדן. אַ העלישער פייער האָט אין אים געברענט. און קריצנדיק מיט די ציין האָט ער ווי נישט פון זיך געשריגן.

— דו אַליין לעבסט טאַקע פון אייביק ביז אייביק און נאָר אויף מענטשן שיקסטו דעם טויט. אָט אַזוי פלעג איך קאַלטבלוטיק באַגראָבן פרעמדע מתים, און ווען דער טויט וואָלט נישט באַרירט מיין אייגן ווייב, וואָלט איך אפשר קיינ־

מאָל נישט דערפילט דעם גרויסן אומגליק פון אַ מענטשן. און דו באַגראָבסט טאַקע נאָר מענטשן, האַרט דיך טאַקע נישט, חלילה, אונזער אומגליק און טויט־שרעק. דו פילסט דאָך אָבער דעם צער פון יעדן באַשעפעניש. ווי קאָנסטו דאָס אויף אונ־זערע אָרעמע פּלייצעס וואַרפן אַזויפיל צער און צרות? אַליין קיניגסטו אין געטלעכן גלאַנץ פון אייביק ביז אייביק און אָרעמע מענטשן וואַרפסטו ווי נבלות אין קבר. איז נאָך ווייניק דער טויט, האָסטו אונז נאָך געגעבן אַזאַ מוראדיקן שרעק פאַרן טויט. היינט האָסטו, ווי אויף צו להכעיס, אין אונז איינגעפּלאַנצט אַ שרעקלעכן דורשט צום לעבן, כדי דער מוח זאָל נאָך מער פּלאַצן פאַר דעם שוואַרצן קבר. אָט אַזוי פּלעגן להבדיל, גויעס טון מיט יידישע קינדער קאַנטאַניסטן: מ׳גיט די קינדער עסן הערינג, כדי אַרויסרופן ביי זיי אַ שטאַרקן דורשט, און דערנאָכדעם גיט מען זיי נישט קיין וואַסער. די גויעס, להבדיל, האָבן געוואָלט, אַז די קינדער זאָלן זיך שמדן. אָבער וואָס ווילסטו פון אונז? צוליב וואָס פּייניקסטו אונז? ווו איז דיין יושר? פרעג איך ביי דיר, ווו איז דיין...

אברהם־איציע האָט זיך דערשראָקן פאַר זיינע אייגענע רייד. איז ער געפאַלן אויפן פּנים און האָט זיך ביטער צע־וויינט אויף אַ קול. ער האָט זיך אָנגעהויבן בעטן:

— איך בין דאָך נישט מער, רבונו של עולם, ווי אַ פאַרסטער קירזשנער. פאַר דיין ליבן נאָמען בין איך גרייט לעבעדיקערהייט אַריין אין קבר. וואָס האָסטו אָבער צו אַ וועלט מיט מענטשן? דערבאַרמדיקער גאָט, דערבאַרמדיקער! אָט איז גנעסיע אַ מאַמע פון קינדער, אַ פּראָסטע קראַנקע יידענע, וואָס..

אברהם־איציע האָט נישט געקאָנט רעדן — די טרערן האָבן אים געשטיקט. ער האָט געוויינט ווי אַ קינד אויף אַ קול. פּלוצים האָט ער דערפילט ווי אַ ווייכע צאַרטע האַנט באַ־רירט אים רחמנותדיק דאָס פּנים און... ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. ס׳איז שוין געווען לאַנג נאָך באַגינען. אברהם־איציע האָט אַ וויש געטון די אויגן און טרויעריק פאַרהידושט דער־

זען, אַז יענקעלע, דאָס ייִנגעלע זיינס, וואָס איז געשלאָפן מיט אים אויף דער ערד, גלעט אים מיטן הענטעלע דאָס פּנים, און מיט קינדערשן שרעק און רחמנות קוקט אים דאָס קינד אין די אויגן אַריין. ער, אברהם-איציע, האָט אָפּנים שטאַרק גע-וויינט פון שלאָף. דאָס קינד האָט זיך דערשראָקן צו אים גע-לאָשטשעט:

— טאַטע, טאַטע...

אברהם-איטשע האָט אַרומגענומען יענקעלען און אים שווייגנדיק צוגעקוועטשט צום האַרצן. עפּעס האָט ער געוואָלט זאָגן דעם קינד, נאָר ער האָט נאָך נישט געקאָנט קיין וואָרט אַרויסברענגען.

ס'איז שוין געווען העלער טאָג. טאַקע אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען געקלאַפּט אין טיר. דער שוואָגער איז אויפ-געשטאַנען און געעפנט די טיר. דאָס האָבן זיך שוין געקליבן מענטשן צום מנין. אברהם-איציע האָט זיך פאַרטראַכט און טרויעריק אָנגעטון. דאָס האַרץ האָט אים נאָך גענאָגט. נאָר אין דעם רעכטן זעענדיקן אויג האָט זיך אָנגעצונדן אַ פייערל. עפּעס אַ שאַרפער בייזער אומרו איז געוואַקסן אין זיין נשמה.

3

פּאַר אַלעמען איז דאָס געווען אומגעריכט.

די גאַנצע צייט פון שבעה איז ער געווען עפּעס צע-טראָגן און פאַרטראַכט און האָט זעלטן אַ וואָרט אַרויסגערעדט. אויף מאָרגן נאָך שבעה האָט ער נאָך אין דעם זעלבן טאָג אינדערפרי פאַרקויפט זיין האָב און גוטס איינעם אַ קרעמער. פאַרנאַכט האָט ער גערופן זיין שוואָגער, אים איבערגעגעבן אויף אַלעמאָל זיין שטוב און אים געבעטן איבערנעמען די השגחה אויף זיינע קינדער. ער האָט דערנאָכדעם געדונגען אַ פור און איז פאַרטאָג אַרויסגעפאָרן פון שטעטל, נישט זאָגנדיק קיינעם וווּהין און אויף וואָס ער פאָרט.

מ'האָט שוין, דאַכט זיך, גענוג געקענט אברהם-איציען,

פונדעסטוועגן האָט אָט דער משונה־פּלוצלינגדיקער אַוועקפאָר
אַרויסגערופן אין שטעטל אַ טומל. ווי נעמט עס טאַקע אַ
מענטש פון העלער הויט און לאָזט דאָס הויז און קינדער!
אַלע האָבן קלאָר געפילט, אַז אָט דער ווילדער קירזשנער האָט
זיך עפּעס געגומען אין קאָפּ און וועט עפּעס אַ מעשה אָפּטון.
שונאים, בייזע צינגער, האָבן אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז
אברהם־איציע איז אַנטלאָפן מיט אַ גויע. ס'האָבן זיך שוין
אפילו געפונען אַזוינע, וואָס האָבן נאָכגעזאָגט עדות פון גויים,
וועלכע האָבן אין דעם נאָענטן דאָרף פּלומרשט געזען אברהם־
איציען דורכפאָרן מיט אַ שיקסע. ס'הויבט זיך אָבער גאָרנישט
אָן. אברהם־איציען איז אפילו אין דער לינקער פּאה נישט
געלעגן צו אַנטלויפן מיט אַ גויע. די מעשה איז נאָר אָט וואָס
געווען.

נישט קוקנדיק דערויף אָדער דווקא דערפאַר, וואָס
אברהם־איציע איז געווען אַזוי אומגליקלעך פון גנעסיעס טויט,
האָט אים שוין די ערשטע שבעה־טעג אָנגעהויבן אַלץ מער
פאַרשיכּורן דער געדאַנק, אַז ער איז איצט לחלוטין אַ פרייער
פויגל. אברהם־איציע האָט טאַקע אויף זיך קיינמאָל קיין יאָך
נישט געהאַט. ער האָט נישט מורא נישט פאַרן רב און נישט,
להבדיל, פאַרן פּריסטאַוו. פאַר קיינעם ווערט ער נישט נתפּעל.
אַזאַ זודיקער מענטש און, דעם אמת געזאָגט, אַזאַ וואַריאַט —
ווער ווייסט, וואָס מיט אים וואָלט געווען. טאַקע נאָר גנעסיע
האָט אים תּמיד געקאָנט, וויפיל ס'איז, איינהאַלטן — אין די ער־
שטע יאָרן, ווי אַ יונג שיין ווייבל, און שפּעטער, ווי אַ קראַנק
ווייב, אַ מאַמע פון קינדער, וואָס הערט כּמעט נישט אויף צו
שרייען און וויינען אויף זיין קאָפּ. און איצט איז פאַרשווונדן
גנעסיע מיט אירע קללות און געשרייען, וואָס האָבן, ווי שווע־
רע קייטן, געפּענטעט לייב און לעבן. און אַז מ'ווערט, נאָך
צענדליקער יאָרן, פּלוצים באַפרייט פון געקאָוועטע קייטן, רייסן
זיך אָפּט דורך די פריער געפּענטעטע כּוחות מיט נאָך אַ אומ־
געהויערער ווילדקייט, פאַרפלייצן און פאַרשיכּורן. פון די באַ־
האַלטענע ווינקעלעך אין אברהם־איציעס נשמה זענען אַרויס־

געקראָכן ווילדע ציענישן, וואָס האָבן אָנגעהויבן פראַנק און
פריי צו רודערן. ס׳האָט זיך אינערלעך אויפגעכאַפּט דער וויל־
דער וואַריאַט, וואָס וויל וואָיעווען, וואַנדערן, שיכּורן און פאַר־
שיכּורן, די וועלט איבערקערן. עפּעס אַ שוואַרצע בלינדע דורשט
ה׳ט אַרומגעכאַפּט אברהם־איציען. נאָר חוץ גנבעסיען, האָט
אָבער אברהם־איציען תּמיד נאָך מער אויפגעהאַלטן און נשמה־
דיק געצויגן צום דרך-הישר זיין קאָכיקע ערלעך-יידישקייט,
וואָס האָט זיך אָבער איצט צום גרויסן אומגליק אינגאַנצן צע־
פלאָנטערט און האָט איצט, פאַרקערט, נאָך צוגעשאָטן נייעם
מאוימדיקן פייער אין זיין צערודערטער נשמה. טאַקע פון דאַ־
נען האָט זיך הויפּטזעכלעך אָנגעהויבן זיין שרעקלעכע פאַר-
בלאָנדזעניש.

ווי אַ פּראָסטער ערלעכער ייד האָט אברהם-איציע תּמיד
געגלויבט און געפילט, אַז דער אויבערשטער פירט גערעכט די
וועלט און אַז אַ ייד דאַרף אָן חקירות און חשבונות דינען דעם
אויבערשטן מיט אַלע כּוחות. מ׳מוז מודה זיין, אַז אברהם־אי-
ציע האָט אַלע זיינע יאָרן מיט ליבשאַפט געטראָגן דעם יאָך
פון ערלעך־יידישקייט. נאָר ביי דעם טויט פון גנעסיען האָט
ער פּלוצים באַשיינפּערלעך דערזען דעם נמאסן סוף פון אַ
מענטשן, און ס׳האָט אים אָנגענומען אַ אומדערטרעגלעכער פאַר־
דרוס, למאי זאָל זיך דער הימל באַגיין מיט אַ מענטשן, ווי
מיט אַ צעבראָכענעם שאַרבן. דאַכט זיך, ווי קומט אַ פּראָסטער
ייד צו שטעלן אַזוינע קשיות — וואָלט ער כאָטש אַ פרעג גע־
טון ישעיה דעם מלמד, וועלכער וואָלט אים דאָך געקאָנט געבן
אַלץ צו פאַרשטיין. קלערט אָבער אברהם־איציע פאַרביסן, אַז
ווי מ׳זאָל נישט דרייען, קאָן מען דאָך נישט אַוועקנעמען, אַז
דאָ אויף דער ערד ברענגט מען נאָר דעם לעצטן גנב צו דער
תּליה, און אַז נאָר דער הימל וואַרפט טויזנטער יאָרן כּסדר
יעדן מענטשן אין קבר צו די ווערים. און אפילו ביי דער
תּליה קאָן דער לעצטער גנב נאָך אויסבעטן גנאָד, בפרט ווען
שיינע מענטשן שטעלן זיך איין פאַר אים. נאָר אַנטקעגן דעם
הימל העלפט נישט ביים טויט קיין געשריי און קיין געבעט.

וואָס הייסט דאָס? אברהם־איציע איז נישט קיין חקרן, און אַז אים ווערט ענג אין מוח, צינדט זיך ביי אים אָן זיין הייס בלוט, וואָס הערט שוין נישט אויף צו קאָכן און צו זידן. האָט זיך דער ווילדער וואַריאַט, וואָס האָט אין אים איצט אויפגע־וואַכט, געשטעלט אַנטקעגן דעם אויבערשטן. ס'איז אַ שרעק צו זאָגן, וווּהין אַ פּראָסטער מענטש קאָן פאַרקריכן. אברהם־איציע האָט געהויבן די פויסטן אַנטקעגן הימל און געקריצט מיט די ציין. ער, אברהם־איציע דער קירזשנער, וועט דעם הימל נישט שווייגן און וועט זיך מיט אים אָפּרעכענען. שטאַרבן וועט ער דאָך אַלצאיינס און פאַרן בית-דין של מעלה וועט ער נישט אַנטלויפן. אדרבה, זאָל מען אים נעמען וואָס פריער אויפן צימבל צום בית-דין של מעלה — ער וועט דאָרט ערשט רעכט אָנהויבן געוואַלדעווען. וואָס הייסט דאָס? אברהם-איציע האָט נישט געקאָנט איינזיצן. ס'האָט אים געצויגן, ווי מיט אַ מאַגנעט אין עק וועלט אַריין. זודיק בלוט האָט אים אַ קלאַפּ געטון אין מוח, און ווי אַ פאַרשיכורטע חיה האָט זיך אים מיט לייב און לעבן געוואָלט וואָיעווען און די וועלט אי־בערקערן. פון די סאַמע טיפענישן האָט זיך אין אים עפּעס אַ מאָדנער טייוולאָנישער נשמה-קיצל אויפגעהויבן, וואָס האָט אים שיר פון זינען נישט געריירט.

פאַרטאָג איז ער אַוועקגעפאָרן מיט אַ פּויערשן שליטן, און ערשט פאַרנאַכט איז ער אָנגעקומען אויף אַ באַן־סטאַציע. נאָך אין דעם זעלבן אָוונט איז ער אַוועקגעפאָרן מיט דעם ערשטן צוג אין איינער אַ קרייז שטאָט, ווו ס'איז איצט פאָר־געקומען אַ גרויסער יאַריד. דאָס איז געווען אַ מין זעלטענער ווינטער-יאַריד אין דער געגנט. פון נאָנטע און ווייטע ער־טער זענען זיך צונויפגעפאָרן אַלערליי סוחרים, פויערן, בעלי־מלאכות, מעקלערס, ציגיינער, בעטלערס, א. א. וו. נאָך פאַר באַגינען האָט מען געעפנט די קראָמען, און דער מאַרק אויף זיין גאַנצער לענג און ברייט איז שוין געווען געדיכט באַדעקט מיט שליטנס און פורן מיט זייערע אויסגעשפּאַנטע פערד, אויף אַלע זייטן זענען געשטאַנען גאַנצע שורות פון אויפגעשטעלט

צעלטן און טישלעך מיט אַלערליי סחורות. אויף די זייטן־וועגן האָט מען זיך מיט אַ רעש געשטופּט און געשטויסן. ס׳איז געווען אַ שיין זוניקער ווינטער־מאָרגן. אין דער קלאָר־פראָסטיקער לופט האָט געהילכט אַ אומגעהויערער יאַריד־טומל. אברהם־איציע איז מיט דעם גאַנצן אימפּעט אַריין אין אָט דעם טומל, וואָס האָט אים גערייצט און געצויגן. אַ טשיקאַווע זאַך, ער האָט אפילו נישט געקלערט וועגן קירזשנעריי און האָט זיך גלייך אַ לאָז געטון צום פערד־האַנדל, וואָס ער האָט נאָך בחורווייז ביי זיין טאַטן, דעם פערד־הענדלער, שטענדיק מיט גרויס חשק געפירט און וואָס ער האָט נאָר נאָך דער חתונה צוליב גנעסיען געמוזט אָפּלאָזן און פאַרבייטן אויף אַ שענערע מלאכה (דעם שווער זיינעם, אַן אָרעמען מלמד, איז נישט אָנ־געשטאַנען צו האָבן אַ פערד־הענדלער פאַר אַן איידעם).

פון יענער זייט מאַרק אויף אַ ברייטן פּלאַץ זענען גע־שטאַנען די פערד־הענדלער, צווישן זיי פיל ציגיינער, וואָס האָבן דאָ אָקאָרשט אויף זייער פערד־הענדלערישן שטייגער גע־רעשט און געליאַרעמט. די פראָסטיקע לופט האָט זיך פון די קולות געבויגן און געבראָכן. פאַרקויפער, קונים און מעקלערס האָבן זיך געשאַמפּערט, געפּרוווט די פערד, געקוקט זיי אין די ציין, געטאַפּט און געקלאַפּט אין די זייטן. דערהויפּט אָבער האָט מען פאַר די קונים געטריבן און געלאָזט לויפן די פערד, דערביי האָט מען געקנאַקט מיט די בייטשן, געפייפט און גע־הוקעט. ווער ס׳וויל מיט משונהדיקע קולות פאַרטיוקען און דערשרעקן אַ פרעמד פערד, און ווער ס׳וויל, פאַרקערט, מיט באַזונדערע געשרייען אַריינטרייבן דאָס אייגענע פערד אין אימ־פּעט. באַזונדערס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן איינער אַ באַיאָרטער ציגיינער מיט אַ שוואַרצער קוטשמע אויף די שוואַרץ־געקרייזלטע האָר, מיט ציגיינעריש ברענענדיקע אויגן. ער טרייבט אָן דאָס פערד, און פונקט ווען עס לאָזט זיך לויפן, כאַפּט ער זיך קונציק אויף אים אַרויף, רייטנדיק און קלאַפּנדיק אָדער קיצלענדיק מיט די פיס אין די זייטן, ברענגט ער אַרויס די גאַנצע גבורה פון דעם פערד. אברהם־איציע איז אונטערגעקומען אויפן פּלאַץ פונקט, ווען דער ציגיינער

האָט אָנטרייבנדיק זיין פערד, זיך געלאָזט אויף דעם שוין לויפנדיקן פערד אַרויפכאַפּן. אין דער זעלבער רגע האָט עס פּלוצים אַ אומגעוויינלעכע געמבע אַ דונער געטון:

— וווהין שפּרינגסטו, שוואַרצער טייוול!

פון דעם אומדערוואַרטן דונער־געשריי האָט מען נישט ווילנדיק אַ ציטער געטון. דער גאַנצער פּלאַץ האָט געהילכט. דער ציגיינער איז געפאַלן אויפן שניי מיטן פּנים אַראָפּ, און דאָס פערד איז אַ ווײַלע לויפנדיק דערשראָקן שטיין געבליבן. אַלע האָבן זיך לאַכנדיק אומגעקוקט אויף דעם ברייטפּלייציקן אברהם־איציען, וואָס האָט שפּאָטיש געפינקלט מיט דעם רעכטן, זעענדיקן אויג. מ׳האָט אין אים גלייך דערזען אַ געריבענעם פערד־הענדלער, אַ יונג מיט ביינער. ערשט איצט האָט אברהם־איציע צעשפּיליעט דעם פּעלץ און אָנגעהויבן צו רודערן. ער האָט געקויפט, פאַרקויפט און געמעקלערט. ער האָט קאָכיק און קונציק געהאַנדלט, אָבער נישט געשווינדלט. ער האָט אפילו אַ פּאָר מאָל דערלאַנגט אין באַק איינעם אַ פּאָניע, אַ אויסגע־קאָכטן פערד־גנב. דאָס איז געווען גאַוורילקע דער הויכער מיט אַ געלער באָרד; ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג, וואָס מ׳האָט קוים פונאַנדערגענומען. אויפן פּלאַץ איז געווען שטאַרק לעבעדיק, שרייענדיק און קנאַקנדיק מיט די בייטשן, האָט מען אַלץ מער צעהיצט דעם פערד־הענדלערישן אימפּעט. האָט דאָ אַזאַ מעשה געטראָפן.

אַרום האַלבן טאָג איז געקומען אויפן פּלאַץ דער באַ־קאַנטער פּאָנישער סוחר, פּוכטיקאָוו, וועלכער וווינט, אייגנטלעך ערגעץ ווו אין טיף רוסלאַנד, נאָר אַלע קענען אים דאָ אין דער געגנט, וווהין ער קומט אָפט אויף יאַרידן און מאַכט גרויסע קניות. אַן אמתער פּאָניע, אַן עלטערער מענטש, אַ די־קער, אַ ברייטפּלייציקער מיט אַ ברייטן גלאַט־ראַזירטן, בלוט־רויטן פעט־גלאַנציקן פּנים און גרויע ווייסע וואָנסעס. אַ געווע־זענער פּויער, איצט אַן אויפגעקומענער, אָנגעשטאָפּטער גוט־באַזיצער, האָט ער זיך בשום אופן נישט געקאָנט אויסלערנען לייענען און שרייבן, איז געווען פּויעריש פעסט און שווער

באַוועגלעך, קאַרג, אַנגסטלעך און פּאָרזיכטיק. בשעת מ'רעדט צו אים, פּינטלט ער מיט די אויגן, שעפּטשעט צו זיך אַליין מיט די ליפּן, אָפּט מאַכט ער זיך דערבײַ מיט אַ בלײַשטיפט אויף פּאַפּיר פּאַסעקלעך און רינגעלעך, וואָס זאָלן עפּעס פֿאַר אים באַצייכענען. גלויבט ער זיך אָבער איין אָן אַ מענטשן, קוקט ער אים אין מויל אַרײַן און טוט זיך נישט אָן אים אַ ריר. פֿריער איז בײַ אים געווען אַזאַ באַגלויבטער אַ היגער ייִד, אַ תּבֿואה-הענדלער, וואָס האָט אים ממש געפֿירט פֿאַרן נאָז און וואָס איז נישט לאַנג געשטאָרבן. איז ער איצט געקומען אַליין אויפֿן פּלאַץ און האָט משונהדיק פּאָרזיכטיק געקליבן פֿאַר זיך פֿערד. ער האָט שוין אַרומגעזען אַוודאי אַ פֿערד צען, געקלערט און געקאָלערט און זיך בשום אופֿן נישט געקאָנט אַנטשליסן. און אָט האָט אברהם-איציע אַרויסגעפֿירט פֿאַר אים עטלעכע פֿערד, אויסגעוויזן אַלע זייערע מעלות, געטענהט, גערעדט און געשריגן. נאָר פּוכטיקאָוו האָט מעשה עבֿר־בטל נישט אויפֿגעהערט צו פּינטלען מיט די אויגן און שעפּטשען מיט די ליפּן. האָט אברהם-איציע אומגעדולדיק אַ שפּײַ געטון און אויף זײַן שטייגער געליאַרעמט:

— ווי קומסטו צו קויפֿן פֿערד, אַז דו ביסט, פּריץ, אַליין אַ פֿערד אין הויזן — אַן אויסגעמאָלטער פֿערד מיט ווײַסע וואָנסעס... אין דער מאַמען דיר אַרײַן... וואָס דרייסטו מיר אַ היטל...

פּוכטיקאָוו האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט. אברהם-איציע איז אים שטאַרק געפֿעלן געוואָרן. ער האָט מיט זײַן פֿויערשן חוש גלײַך דערפֿילט, אַז דאָס איז אַ קלוגער ייִד מיט אײַזערנע פּלייצעס, אָבער לחלוטין נישט קיין שווינדלער. ער איז שמייכלענדיק צוגעלאָפֿן צו אברהם-איציען:

— נו, זאָג מיר, ברודערל, דעם לעצטן מקח, כ'וויל קויפֿן...

און דאָ האָט טאַקע געטראָפֿן אַן אומגעריכטע מעשה. אברהם־איציע האָט אָנגעהויבן זאָגן די מקחים. דערבײַ האָט פּוכטיקאָוו אָפּגעשפּיליעט דעם פּעלץ און דעם אויבערראָק, האָט

אַרויסגענומען פון אַ ברייטער, פול אָנגעשטאָפּטער זייטן־קעשענע אַ בליישטיפט מיט פּאַפּיר און אָנגעהויבן מאַכן פּאַסעקלעך און רינגעלעך. פּלוצים האָט זיך אַריינגעדרייט צווישן זיי דער ציגיינער מיט דער שוואַרצער קוטשמע און אָנגעהויבן, שרייענדיק, צורעדן פּוכטיקאָוון קויפן זיינע פערד, וואָס זענען כּלומרשט ביליקער און בעסער. שרייענדיק און פאַרטומלענדיק, האָט דער ציגיינער קונציק אומבאַמערקט, אַרויסגענומען פון פּוכטיקאָווס אָפענער זייטן־קעשענע אַ טייסטער מיט געלט און איז פאַרשווונדן. פּוכטיקאָוו האָט זיך גלייך געכאַפּט ביי דער קעשענע און געמאַכט אַ געוואַלד. פייל פון בויגן האָט זיך אַברהם־איציע געלאָזט נאָכן ציגיינער, האָט אים אָנגעיאָגט, אים מיט איין טראַסק אַ וואָרף געטון אויף דער ערד און אַזוי אַ כאַפּ געטון פאַרן האַלז, אַז יענער איז בלוי געוואָרן און גלייך אָפּגעגעבן דעם טייסטער. אברהם־איציע האָט עס גלייך געבראַכט פּוכטיקאָוון און האָט אים געקלאַפּט אין פּלייצע.

— וואָלסט בעסער, אַלטער נאַר, ווייניקער פּאַסעקלעך מאַכן און מער שכל אין קאָפּ האָבן.

פּוכטיקאָוו איז פון פרייד און התפעלות גאָר צעשמאָלצן געוואָרן, האָט זיך געצלמט, געשמייכלט און געסמאַקעט מיט די ליפּן, ווי אַן אַלטע באָבע. ער האָט דערלאַנגט אַ שיינע מטבע אברהם־איציען, וועלכער האָט עס אָבער נישט געוואָלט נעמען. האָט ער גאָרנישט געוווסט, וואָס צו טון מיט אברהם־איציען.

— כ׳וועל דיר, ברודערקע, אייביק נישט פאַרגעסן. קום צו מיר היינט אין אָוונט אָדער מאָרגן אינדערפרי — כ׳האָב פאַר דיר גרויסע געשעפטן. כ׳בעט דיך, ברודערקע, קום, כ׳וועל אָן דיר נישט אַוועקפאָרן. דו וועסט מיר געפינען אויף קאָנסטאַנטינאָווסקע גאַס אין לעשעווסקיס הויז. אין קריסטוס נאָמען, כ׳בעט דיך נישט פאַרגעסן...

פאַרנאַכט זענען די פערד־הענדלער אַוועק אין שענק. דער גאַנצער שענק איז פול געפּאַקט מיט פויערן, וואָס האָבן געטרונקען, געגרויכערט און געליאַרעמט. האַלב שיכּורע קולות האָבן אַלע ווילע דעם פויערשן טומל דורכגעריסן, און דער

רויך פון מאַכאָרקע האָט ווי אַ געדיכטער נעפּל באַדעקט דעם ליכט־שיין פון די קליינע לעמפּעלעך און די צוויי שמאָלע פֿאַרפֿרוירענע פֿענסטער. די אָנגעקומענע פֿערד־הענדלער האָבן זיך אומזיסט געשטופּט, ס׳איז גאָרנישט געווען דורכצוגיין. דער שענקער, אַליין אַ האַלבער פֿויער, אַ פֿלינקער יונגאַטש אין אַ היטל מיט אַ לאַקירענעם דאַשעק, האָט געעפֿנט פֿאַר די פֿערד־הענדלער אַ הינטערן חדר, וווּ זיי האָבן זיך צעזעצט אויף בענק אַרום אַ גרויסן טיש. נאָך בייטאָג, טרינקנדיק מאהאָריטש ביי פֿאַרשידענע קניות, האָט מען זיך גענוג געקריגט און גע־שלאָגן. נאָר איצט ביי דער לעצטער חלוקה האָט מען עס אָקאָרשט אויפֿגעהויבן אַ געפּילדער, גרייט איינער דעם אַנדערן מיט די נעגל דאָס פּנים אויסצורייסן. שניידנדיקע זידלערייען פּליאַסקען אין פּנים אַריין, ווי בייטאָג די קנאַקנדיקע בייטשן אויף די רוקנס פון די פֿערד. אברהם־איציע איז טאַקע אַ היץ־קאָפּ, אָבער ער קאָן נישט פֿאַרטראָגן קיין עוולה און רוקט אומעטום אַריין די נאָז. אָט הויבט ער די פֿויסטן און אָט שיט ער מיט שאַרפֿע ווערטלעך, קלאַפּנדיק גוט-ברודעריש אין פּליי־צע. מ׳איז טאַקע ווי ס׳איז דורכגעקומען און אָנגעהויבן מאַכן אַ טרונק. „גענוג צו הירזשען ווי די פֿערד”, האָט אברהם־אי־ציע געשריגן, „לאָמיר שוין נעמען אַ ביסל בראָנפֿן, אין דער מאַמען אייך אַריין, יונגאַטשעס!” ווי אַ דולער איז אברהם־איציע געווען פֿאַרהאַוועט פון דעם יאַריד, וואָס האָט אים אַזוי פֿאַרדרייט און פֿאַרטומלט, און ער האָט אינגאַנצן אָן זיך און זיין אומגליק פֿאַרגעסן. נאָר אָט איז פּלוצים אויפֿגעשטאַנען איינער פון די פֿערד־הענדלער, אַ הויכער מאָגערער ייד מיט אַ קליין בערדל, בעל־עגליש פֿאַרגאַרטלט. ער האָט זיך גע־קליבן אַוועקגיין.

- וואָס לויפֿסטו? — האָט אים אברהם-איציע געפֿרעגט אויף יידיש פֿאַרוווּנדערט.

— כ׳האָב היינט יאָר-צייט און מוז לויפֿן אין בית־המדרש שטעלן ליכט און זאָגן קדיש, ווער ווייסט צי איך האָב שוין נישט אָנגעווירן מעריב...

יענער ייד איז טאַקע באַלד אַוועק. אַ ווײַלע איז אברהם־איציע געבליבן זיצן מיט אַן אָפן מויל און זיך מאָדנע אַרומגעקוקט. אַט די אײנפאַכע ווערטער האָבן אים פּלוצים אויפגעוועקט פון דעם יאַריד־טומל און דערמאָנט אים, ווו ער האַלט אין דער וועלט. אַ רגע האָט עס אים אַ צי געטון צו דעם האַרציק־היימישן וואַרעמען בית־המדרש מיט זײַנע ליכט און תפילות. אָבער אין איין רגע האָט זיך נאָך שטאַרקער אויפגעכאַפּט דער ווילדער וואַריאַט, וואָס האָט אים דאָס טאַקע מיט אַזאַ אימפּעט אַרײַנגעוואָרפן מיט די ביינער אין דעם יאַריד־טומל, אָט דער זעלבער וואַריאַט, וואָס ציט אים ווי מיט אַ מאַגנעט אין עק וועלט אַרײַן און הויבט כּביכול די פויסטן אַנטקעגן הימל. ווי אין די שבעה־טעג, האָט ער נאָך שטאַרקער דערפילט אַ מיאומדיק פאַרשיכּורנדיקן קיצל אין סאַמע טיף פון דער נשמה, וואָס האָט אים ממש פון אָרט געהויבן. האָט ער שוין טאַקע גאָר מעשה וואַריאַט אַ קלאַפּ געטון אין טיש און געליאַרעמט:

— ברידער, יונגאַטשעס — כ'שטעל בראָנפן און פאַרבייסן פאַר אייך אַלעמען, וויפל מ'וויל. מ'זאָל טרינקען בראָנפן מיט טיי־גלעזער. טרינקט און הוליעט, אין דער מאַמען אייך אַרײַן, אויף וואָס די וועלט שטייט. פונקען זאָלן פליען — זשאַלעוועט נישט. די וועלט זאָל זיך איבערקערן. הע, שענקער! ווו ביסטו! דערלאַנג אַהער פון דעם בעסטן, שטאַרקסטן בראָנפן, וואָס מער פלעשער און...

דער שענקער האָט פון אײַנגעהאַלטענער שמחה געהויבן דאָס היטל מיט דעם לאַקירענעם דאַשעק. ער וועט שוין דאָ אָפּלעקן אַ ביינדל. ער האָט חנופהדיק געשמייכלט צו אברהם־איציען און געקוקט אים אין מויל אַרײַן.

האָט מען דאָס אָקאָרשט אָנגעהויבן טרינקען. אַלע האָבן אין אים גלייך דערפילט יענעם ברייטן „הוליאַקע״, וואָס מוז אויסשיכּורן אַ פאַרלוירענע נשמה, אַ רייסנדיק אומגליק אָדער אַ אינעווייניקסטן שמחה־קראַמף.

די פערד־הענדלער, וואָס זענען אַליין אָפּטע אורחים אין

שענק, ווייסן זייער גוט פון אַזעלכע זאַכן.

אין דער לופט האָט זיך גלייך דערפילט אַ מין רויטע שענק־חתונה, אויף וועלכער אַ נשמה וויל זיך באַהעפטן מיט דעם טייוול אָדער אַ מענטש גייט טאַנצנדיק אין אָפּגרונט. מ׳האָט געטרונקען גרויסע גלעזער בראָנפן, מ׳איז אָבער געוואָרן נישט נאָר שיכּור. צוזאַמען מיט דעם בראָנפן האָט מען אין זיך אַריינגעזאַפּט דעם טייוולאָנישן נשמה־קיצל, וואָס האָט זיך פון אברהם־איציען געטראָגן. דאָס פערד-הענדלערישע בלוט האָט זיך אין דער גאַנצער חברה אָנגעצונדן. שוין נאָך די ערשטע גלעזער האָט מען אָנגעהויבן צו וואָיעווען. און אברהם-איציע, וואָס מער ער טרינקט, אַלץווילדער און פאַרחלשטער ווערט ער. אַ רגע האָט ער געוואָלט אַ טראַסקע טון די פּלע־שער מיט די גלעזער, צעדרויבלען דעם הילצערנעם טיש אויף פּיץ־פּיצלעך. פּלוצים האָט זיך דערהערט פון שענק אַ האַרמאָ-ניקע, וואָס שפּילט אַ קאַמערינסקע, די לוסטיקע כוואַליעס פון דער האַרמאָניקע צעגיסן זיך אַלץ ברייטער און פאַרפלייצן די שיכּורע קולות און געשרייען. האָט ער נאָר אַ קלאַפּ געטון אין טיש און מיט אַ ברענענדיקער געמבע נאָכגעזונגען די קאָמאַ־רינסקע, וואָס די האַרמאָניקע אין שענק האָט לוסטיק געשפּילט. אַלע האָבן אונטערגעכאַפּט, מיט די גלעזער אין די הענט האָט מען, אָפּרוקנדיק דעם טיש, אָנגעהויבן טאַנצן. אברהם־איציע האָט געהויבן די הענט און געליאַרעמט:

— הע, שענקער, ווער שפּילט עס דאָרט אויף דער האַר־מאָניקע — זאָל ער אַהערקומען. נאָכאַמאָל טרינקען, יונגאַטשעס, צעזעצט זאָלט איר ווערן..

אויבן שוועל האָט זיך באַוויזן מיט אַ האַרמאָניקע אין דער האַנט גאַווריליקע דער הויכער מיט דער געלער באָרד. ער האָט אַ בלישטשע געטון מיט די גנבישע אויגן אויף אברהם-איציען, האָט אויסגעטרונקען מיט איינמאָל אַ גלאָז בראָנפן און אָנגעהויבן די קאָמארינסקע, וואָס אַלע האָבן ווייטער אונטערגעכאַפּט. האָט מען דאָס אָנגעהויבן וואָיעווען און טאַנצן דער שענק איז כאָדאָראָם געגאַנגען. נאָר אָט האָט זיך

אברהם־איציע צעפּלאָקערט און זיך טאַנצנדיק געטראָגן איבער אַלע קעפּ. זענען אַלע אָפּגעשפּרונגען אין אַ זייט, זיך אויסגע־שטעלט אין קרייז און, אונטערפּאַטשנדיק מיט די הענט, שריי־ענדיק און זינגענדיק, האָבן זיי מיט שיכּורע אויגן געקוקט אויף אברהם-איציעס טשעקאַוון טאַנץ. אין שטעטל האָבן אפילו טשערניבאָלער חסידים ליב געהאַט אברהם־איציעס קאָמאַרינסקע, ווי אַ שיכּורע טייוולאָנישע ווילדקייט ראַנגלט זיך און באַהעפט זיך מיט האַרציק פּשוטן מסירת נפש. ער האָט אָבער קיינמאָל אַזוי נישט געטאַנצט, ווי דאָ אין שענק. פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אין אַ זייט, די הענט אין דער לופט, האַלב־קיילעכדיק אויס־געשטעלט, האָט ער זיך אָקאָרשט אַ לאָז געטון אין אַ פייער־דיקן וויכער, וואָס האָט אים געטראָגן און געשליידערט אין עק וועלט אַריין. איז אים אָבער דאָס נאָך ווייניק. ער שלאָגט פונקען פון דעם ווילכער און וואַרפט אין אים אַלץ נייעם פיי־ער. ער ווערט אַלץ ווילדער און פאַרחלשטער, ער לעכצט און שרייט:

— טייוולאָנים, פאַרברענט זאָלט איר ווערן.

אָט שטעלט ער זיך אויף איין פוס, און, אויפהויבנדיק דעם אַנדערן אין דער לופט, דרייט ער זיך מיט פייערדיקער געשווינדקייט אויף איין אָרט, דרייט און פאַרדרייט דעם ווי־כער, וואָס הויבט ערשט אָן צו פלאַקערן. אין שענק האָט זיך אַ פרייד-יללה אויפגעהויבן. וואָס טוט זיך דאָס מיט אים? אין דעם טאַנץ־וויכער וואַרפט זיך דער ווילדער וואַריאַט אַריין אין דעם זודיקן סמבטיון

אָט אין דעם זעלבן סמבטיון, וועגן וועלכן ישיעה דער מלמד פלעגט אַזוי אָפט דערציילן און וועלכער האָט זיך איצט פאַר דעם שיכּורן דמיון זיך דאָ אין שענק צעגאָסן און צעבו־שעוועט. אַ ווילע טובלט ער זיך גאָר ערב יום־כּיפּורדיק, לעכצט נאָך תשובה, בויגט זיך און פאַרזינקט אין די זודיקע כוואַליעס, וועלכע שליידערן אים אָבער באַלד אַרויס מיט אַ רעש. דער סמבטיון קאָן אים נישט פאַרטראָגן. און אָט פונקלט ער, דער ווילדער וואַריאַט, נאָך אויסגעלאָזענער מיט דעם

רעכטן זעענדיקן אויג, הויבט די פויסטן אַנטקעגן הימל און קריצט מיט די ציין. אברהם-איציע האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט און געליאַרעמט:

— הע, שענקער, דערלאַנג אַהער נאָך בראָנפן מיט פּאַרבייסן. נאַ, מיין בייטל איז אָפן — כ'צייל מזומנים. גאַווריִלקע, דו פערד-גנב, וואָס גלאָצסטו די אויגן אויף מיין בייטל. כ'וועל דיך אין דער ערד אַריינלעגן. זעט נאָר, דער גאַנצער שענק איז זיך אויף אונזערע טענץ צונויפגעלאָפן. ווי מ'שטופּט זיך דאָס אַרום דער טיר פון אונזער חדר! אַהער, אַהער, שיכּורע פּנימער! אַלע, אַלע ט־ינקען אויף מיין חשבון. אַלע ווערן שיכּור, ווי דער טויט. הע, שענקער, טו דיך נאָר אַ ריר, אין דער מאַמעס מאַמען דיר אַריין.....

ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט האָט מען דאָס געהוקעט און געוואָיעוועט. ווער ווייסט ווי לאַנג דאָס וואָלט דויערן, ווען ס'וואָלט נישט אָט וואָס געטראָפן. נאָך איינעם אַ ווילדן טאַנץ האָט זיך אברהם־איציע געזעצט ביים טיש און זיך גענומען ווייטער פּאַרן בראָנפן, איז ביי אים פּלוצים דאָס גלעזל פון די הענט אַרויסגעפאַלן, ער איז געפאַלן מיטן פּנים אויף דער האַנט און איז ווי אַ סנאָפּ איינגעשלאָפן. אין דער לופט האָבן נאָך געהילכט אברהם-איציעס געשרייען, וואָס האָבן ווי פּלוצים אויפגעהערט. ווי נאָך אַ פאַרלאָשענעם פלאַם צעשיט זיך דאָס פייער אויף איינציקע קוים ברענענדיקע קוילן, אַזוי האָט זיך איצט די גאַנצע שיכּורע חברה צעשיט און צעוואָרפן. דער שענקער האָט מיט גרויס מי אַרויסגעפירט איינציקווייז די שיכּורע פאַרשוינען פון שענק. נאָר אברהם־איציען האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט דערוועקן. האָט ער שוין געוואָלט אברהם-איציען אַ שלאָפנדיקן אַרויסוואַרפן פון שענק. ער האָט זיך אָבער באַלד דערמאָנט, וואָס פאַר אַ גרויסע מטבע ער האָט היינט געכאַפּט פון אָט דעם ווילדן איינאויגלדיקן יידן, וועלכער קאָן זיך, אגב, נאָך אויפכאַפּן און באַווייזן די פויסטן. האָט ער אים פאָרזיכטיק אַוועקגעלייגט אויפן באַנק און אים

צוגעדעקט מיט זיין פעלץ, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויף דער ערד ערגעץ.

מיטן פרימאָרגן האָט זיך אברהם־איציע אויפגעכאַפּט. ער האָט זיך טרויעריק פאַרוואונדערט אַרומגעקוקט אויף די פאַרפרוירענע פענסטער פון שענק. ער האָט זיך קוים געקאָנט דערמאָנען, ווו ער איז דאָ אין דער וועלט. ער האָט זיך געפילט שטאַרק צעבראָכן. אַרום די שלייפן האָט אים געשטאָכן, ווי מיט נאָדלען. אַ מאָדנע שאַרפע קעלט האָט אַרומגענומען אַלע זיינע גלידער. ער איז אויפגעשטאַנען פון באַנק און אויף גיך אָנגעטון דעם ווינטערדיקן פעלץ. נאָר אָט האָט ער אַ טאַפּ געטון אין קעשענע דעם בייטל און דערזען, אַז ער איז איינגאַנצן פוסט, קיין איין גראָשן נישט געבליבן. דאָס גאַנצע געלט האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשיכורן, דאָס האָט אים שוין, אפנים, גאַנץ גאַנצע? באַגנבעט. ער האָט נישט געטראַכט? קיין צוויי ווערטער און איז האַסטיק אַרויס פון שענק אויפן גאַס. דער פרימאָרגנדיקער פראָסט האָט אים גלייך אַ קלאַפּ געטון אין פנים און אַביסל אָפּגעפרישט. (בדיעבד איז ער צופרידן, וואָס ער האָט פאַרלוירן דאָס מיטגעבראַכטע אייגנס פון שטעטל. ער האָט דאָס אין דער ערד) וואָס האָט ער אָבער דאָ אייגנטלעך אין שענק אָפּגעטון? אויף דער נשמה איז ביי אים, ווי נאָך אַ שרפה. שוואַרצע האָלעוועשקעס און קאַלטער אַש, אַלץ איז צעברענט און צעוואָרפן. נישט דאָס האָט ער געמיינט. אַ שענק קאָן נאָר אויף אַ ווײַלע באַטויבן און פאַרשיכורן, אָבער נישט שטילן די שוואַרצע בלינדע דורשט פון דער נשמה. ס׳האָט זיך אין אים נאָך זודיקער אויפגעכאַפּט דער טייוולאָנישער נשמה-קיצל, וואָס האָט אים געריסן און געצויגן. אברהם-איציע איז לחלוטין נישט קיין חקרן. ס׳האָט זיך אין אים נאָר צעפלאַקערט דער ווילדער וואַריאַט, וואָס וויל נישט וואַרטן, ביז דער הימל וועט אים וואַרפן אין קבר און ער וויל עפּעס אַליין אָפּטון מיט דעם לעבן. זיך ערגעץ אַריינרייסן, פאַרקריכן, די הימלען אַליין אַ שלעפּ טון. אין די סאַמע טיפעגישן קיצלט עס אים און ציט ווי מיט אַ מאַג־

נעט אין די פרעמדע, פֿאַרבאָרגנסטע און פֿאַרבאָטענע אָפּגרונטן. וואָס און ווי אַזוי איבערקערן? דערויף איז ער דאָך אַ ווילדער וואַריאַט, וואָס ווייסט נישט און פֿאַרשטייט נישט קיין חקירות און רייסט זיך אָן חשבונות אין פֿייער. ער האָט זיך פּלוצים אָן עפּעס דערמאָנט, זיך אָפּגעשטעלט און זיך דערפֿרעגט בײַ אַ דורכגייער, ווו ס'געפֿינט זיך קאָנסטאַנטינאָווסקע גאַס און ווו געפֿינט מען דאָרט לאַשעוויסקיס הויז.

ער האָט פֿאַרקערעוועט רעכטס און זיך געלאָזט גלײַך גיין צו פּוכטיקאָוון.

4

דער אַלטער פּוכטיקאָוו איז אויפֿגעשטאַנען פֿאַר באַגינען. ווי נאָר ער האָט געעפֿנט די אויגן האָבן זיך בײַ אים אין זײַן פֿויערשן מוח אָנגעהויבן פּלאָנטערן אומקלאָרע רעיונות וועגן זײַנע אייגענע הײַזער, פֿעלדער און וועלדער, וואָס ער האָט אין טיף־רוסלאַנד, און פֿון די געשעפֿטן, וואָס ער האָט געמאַכט דאָ אויפֿן יאַריד. ער, אַ אומוויסנדיקער פּראָסטאַק, מוז אויף די עלטערע יאָרן פֿירן אַליין זײַן גרויס רײַכקייט אַנטקעגן אַ גאַנצער וועלט און מוז זיך נאָך שטענדיק ראַנגלען מיט זײַנע צוויי זין, גרויסע הולטייעס, וואָס זענען שוין דורכגעגאַנגען אַן „אומוועריסיטעט” (ווייסט דער טייוול, וואָס דאָרט איז) און ווייסן נאָר צו רײַסן און גנבענען בײַ אים פֿון אונטער די הענט. זײַן ווײַב איז נאָך צוריק מיט צען יאָר געשטאָרבן און גאָר נישט לאַנג איז געשטאָרבן דער איינציקער בעל־יועץ זײַנער, משה דער תבואה־הענדלער, אַ ייד אַ פּיקח, אויף וועמען מ'האָט זיך שוין געקאָנט פֿאַרלאָזן. און כאָטש ער איז אַזוי אַלט, איז נאָך אין אים פֿאַראַן גענוג פֿויערשע געזונטקייט, וואָס טראָגט אין אים אַריין די זאַפֿטיקע טעמפּקייט פֿון אַ געוועזענעם האָרעפּאַשניק און די איבערגעטריבענע גאווה פֿון אַ פֿריציש אויפֿגעקומענעם פֿויער. אָט אַזוי האָט ער, האַלב

פריץ, האַלב פויער, זיך שטענדיק געוואָרפן צווישן אַנגסטלעכער אומזיכערקייט און פריצישער געהויבנקייט. טאַקע דערפאַר האָט ער זיך נאָך שטאַרקער געקלאַמערט אָן זיין גלויבן און זיך מיט אַלע זיינע כוחות געצויגן צום קלויסטער.

אַ בלוילעכער באַגינען-שיין האָט אַריינגעקוקט דורך די פאַרפרוירענע פענסטער. פּוכטיקאָוו איז אַ ווײַלע געזעסן אויפן בעט און צו זיך אַליין געשעפּטשעט מיט די ליפּן. נאָר באַלד האָט ער זיך אָנגעטון און זיך פרום איבערגעצלמט פאַר דער איקאָנע אין ווינקל. אויפן ניכטערנעם האַרצן איז ער גלייך אַוועקגעגאַנגען אין דעם קליינעם קלויסטער אויף קאָנסטאַנטינאָ-ווער גאַס. דאָרט האָט ער געשטעלט ליכטלעך, מיט אַ פויעריש טעמפּן אָפּשיי זיך צוגעהערט צום הילכיקן געזאַנג פון די גייסט-לעכע. באַלד האָט ער זיך געוואָרפן מיט זיין דיקער פיגור אויף די קני, און בוקנדיק זיך מיטן קאָפּ צו דער ערד, האָט ער זיך אַלץ געצלמט און אומגעלומפּערט געשעפּטשעט אַלערליי תּפילה-ווערטער, וואָס זענען אים אויפן מויל געקומען. ער האָט דערביי שטאַרק געסאַפּעט און געפינטלט מיט די אויגן. אָט איז ער אויפגעשטאַנען און צלמענדיק זיך אַרויסגעגאַנגען פון קלויסטער, געבענדיק צו איינציקע קאָפּיקעס די בעטלערס, וואָס זענען גע-שטאַנען אַרום טיר.

באַרויקט און צופרידן האָט ער זיך אומגעקערט אין זיין וווינונג. דער בעל-הבית קאַשעווסקי, אַ גוישער קרעמער, אַן אלמן, איז שוין לאַנג אַוועקגעגאַנגען אין קראָם. די טיר האָט אים געעפנט די קעכין, פּאָליע, אַ יונגע דאָרפישע שיקסע. אויס-טועדיק דעם פעלץ, האָט פּוכטיקאָוו סאַפּנדיק געקוקט אויף דער פול-ברוסטיקער שיקסע און געשמייכלט. ער האָט עבר-בטלדיק געסמאַקעט מיט די ליפּן און אויף זיין ברייט פעטן פּנים האָבן זיך תּאוותדיק אָנגעצונדן די קליינע אויגן. ער האָט מעשה דאָרפס-יונג זי שמייכלענדיק אַ קיצל געטון:

— מאַמעלע מיינע, ביסטו אַ שיינע מויד!

פּאָליע האָט זיך פאַרשעמט אַרויסגערוקט. באַלד האָט זי צוגעטראָגן צום טיש אַ הייסן סאַמאָוואַר. אויפן טיש זענען שוין

געשטאַנען ברויט, בולקע און פרישע בייגל, מילך, פוטער, קעז, ווורשט. סאַפּנדיק און קרעכצנדיק האָט פוכטיקאָוו נאָך אַרויסגענומען פון זיין רענצל אַ פלאַש בראָנפן מיט פאַרבייסן. ער האָט זיך נישט געכאַפּט. איבערצלמענדיק זיך ווייטער פאַר דער איקאָנע אין ווינקל, האָט ער זיך צוערשט גענומען פאַר דער אכילה. פריער האָט ער אויף זיין שטייגער אויסגעטרונקען אַ פּאָר גלעזלעך בראָנפן און פאַרביסן אַ שטיק שוואַרץ ברויט מיט זאַלץ. נאָכדעם האָט ער ערשט אָנגעהויבן טרינקען טיי מיט מילך און ווי געהעריק צובייסן. ער האָט הילכיק געסמאַקעט מיט די ליפּן. נאָך דעם צווייטן גלאָז טיי האָבן זיך ווייטער אָנגעהויבן דרייען ביי אים אין מוח אומקלאָרע רעיונות וועגן זיינע געשעפטן, דערהויפּט וועגן די פערד, וואָס ער האָט דאָ געקויפט. דאַכט זיך, גאָרנישט קיין שלעכטע קניה. ער האָט זיך דערמאָנט די מעשה פון דעם ציגיינער מיט זיין ביטל געלט, האָט ער אין התפעלות געשאָקלט מיטן קאָפּ און זיך אַליין געזאָגט: „מאַמעלע מיינע, וואָס פאַר אַן אומגליק ס'וואָלט געווען — טאַקע גאָט אַליין האָט צוגעשיקט דעם פיינעם יידן!" אַ גלייכוווערטל — אַזאַ פיינער ייד! אַ בלינדער אויף איין אויג און איז פלינקער פאַרן טייוול. ווי געפינט מען אָבער דעם יידן, ווי זעט מען אים. אַזאַ ייד וואָלט פאַר אים געווען אַן אוצר, נאָך אפשר בעסער פאַר מאָשקען דעם תבואה-הענדלער...

פוכטיקאָוו האָט הילכיק אויסגעשנייצט די נאָז און זיך אָנגעגאָסען אַ דריט גלאָז טיי. דערווייל האָט ער זיך גענומען פאַרן ווורשט. ער האָט נאָר אַ קלער געטון, אַז אייגנטלעך האָט ער דאָ אויפן יאַריד אַלץ אָפּגעטון און וואָלט געקאָנט היינט אין אָוונט פאָרן מיט דער באַן אַהיים. נאָר ווו זעט מען דעם יידן, דעם פערד-הענדלער. ער מוז אים זען פאַרן אָוועקפאָרן, ער וועט נאָך מיט אים...

נאָך קינדוויינז פלעגט פוכטיקאָוו זיך אָנהערן אין קלויסטער, באַזונדערס אין די פסח-חגאות, די אומגעוויינלעכע מעשות פון יעזוס קריסטוס, וואָס איז אַרויס פון יידן און וועמען די יידן אַליין האָבן דאָך געקרייצט. נאָך דעמאָלט האָט ער אויף זיין

שטייגער באַקומען אַ געהיימען דרך-ארץ פאַר יידן, וואָס האָבן דאָס געוואַגט און געקאָנט קרייצן דעם קריסטלעכן גאָט. טאַקע גאָר אַ קלייניקייט! ער האָט געקלערט, אַז אַפילו אַ גאָט, ובפרט נאָך אַ מענטש, דאַרף זיך נישט פאַרטשעפּען מיט אַ יידן. ווייניקסטנס, זאָל מען כאָטש האָבן איין יידן אַ גוטן פריינט — דעמאָלט קאָן מען דעם טייוול אַליין דאָס מויל פאַרשטאָפּן. אין דער יוגנט זענען זיינע עלטערן, אָרעמע פויערים, געשטאָרבן. נאָר אינגיכן האָט ער באַקומען אַ ירושה פון אַ רייכן פעטער אין אוקראַינע, וווּהין ער האָט אָנגעהויבן אָפּט צו פאָרן. דאָרט איז אים זייער אָפּט אויסגעקומען צו פירן געשעפטן מיט יידן, וואָס האָבן אים אַלץ מער געצויגן. ער האָט גלייך דערפילט, אַז ביי יידן איז גראָד פאַראַן אַזוי פיל פון דעם, וואָס פעלט אַ פויערשן מוח. נישט קאָנענדיק לייענען און שרייבן, פלעגט ער, ווי אַ בלינדער צווישן צעבושעוועטע פערד, מיט באַזונדערער שרעק און אַנגסטן שליסן קאָנטראַקטן (מיט מי און נויט האָט ער זיך אויסגעלערנט אַ מין אומגעלומפּערטע חתימה צו מאַכן). ביי יעדן קאָנטראַקט פלעגט ער זיך באַגיסן מיט אַ קאַלטן שווייס. און וואָס רייכער ער ווערט, אַלץ גרעסער און בלינדער ווערט זיינע געלט-דורשטיקע יאָגעניש נאָך געשעפטן און פאַרדינסטן. ער האָט דערפאַר אויפגעלעבט, ווען זיין געשעפטס-פירער און בעל-יועץ איז פאַמעלעך געוואָרן משה, דער תבואה-הענדלער, אַן עלטערער ייד, אַ פיקח און אַ אייזן-פעסטער מענטש. מיט אָט דעם יידן האָט ער אַפילו פאַרן טייוול אַליין קיין מורא נישט געהאַט. די מעשה איז אָבער, וואָס אַ חוץ אַלעמען האָט עס פּאָליטיקאָוון, ווי אַ סך רוסישע פויערים, אומהיימלעך אינסטינקטיוו געצויגן צו יידן. פון די ווייטע סטעפּעס, פון די דרימלענדיקע פעלדער און וועלדער, פון דער ברייטער וואָלגע, פון דער ווילדער האַלב-שיכורער סטיכיע, וואָס בושעוועט אָפּן אָדער באַהאַלטן אין יעדער רוסישער נשמה און שליידערט זי צווישן שענקען און קלויסטערס, צווישן שוואַרצער גזלנות און גליענדיקער הכנעה — פון דאָרט איז עס געקומען די אומהיימלעך פאַרבאָרגענע נשמה-קאָנווולסיע, וואָס ציט אינסטינקטיוו דעם רוסישן

פֿויער צום יידן מיט זיין אייפֿיקער אומרו, מיט זיין פֿאַרשיכּורנדיקער עקשנות, וואָס ראַנגלט זיך מיט געטער און פֿעלקער. פֿון דאָרט, פֿון דאָרט איז עס געקומען. פֿוכטיקאָוו פֿלעגט עס אויף זיין שטייגער אויסדריקן, צמאָקנדיק מיט די ליפּן: „אַ זשיד האָט הייסיניקע בלוט”. נישט איינמאָל פֿלעגט עס פֿוכטיקאָוון אויסקומען בײַ דרינגנדיקע געשעפֿטן צו גיין שבת אינדערפֿרי צו דער סינאַגאָגע און אַרויסרופֿן פֿון דאָרט משהן. יענער, אַ הויכער מיט אַ קליינער ווייסער באָרד, גייט אַרויס צו אים אין דעם טלית אויף דער שבתדיקער קאַפּאָטע, אין אַ סאַמעטענער יאַרמעלקע. פֿוכטיקאָוו דערקענט נישט דעם תּבֿואה־הענדלער. זיין בליק, זיינע תּנועות און זיין קול זענען אינגאַנצן סאַמעטענע, שבתדיקע. פֿוכטיקאָוו פֿינטלט מיט די אויגן און בײַ אים אינעווייניק טוט עפּעס אַ ציטער אַזוינס, וואָס רייסט אַ פּשוטן פֿויער צו וואַנדערן וואָכן לאַנג אין אַ ווייטן געהיימען מאָנאַסטיר...

פֿוכטיקאָוו האָט זיך איצט בײַם טיש דערמאָנט אָן תּבֿואה-הענדלער, און די אויגן זענען אים אַזש פֿייכט געוואָרן. אַזאַ פֿיינער ייד! מ׳דאַרף שיקן דער אלמנה אַ הונדערטער. טאַקע אַ גאַנצן הונדערטער. נאָר, פֿאַרשטייט זיך, כאַפּן זיך דערמיט איז נישטאָ וואָס. ער האָט דאָך צוריק מיט אַ פּאָר חדשים געגעבן אַ פֿופֿציקער. פֿוכטיקאָוו האָט הילכיק אויסגעשנייצט די נאָז, בּרייט אַ וויש געטון מיט אַ גרויס רויטלעך נאָז-טיכל און זיך אָנגעגאָסן אַ פֿערט גלאָז טיי. ער האָט נאָר געקלערט, אַז מ׳דאַרף זאָגן פּאָליען, דער קעכין, מאַכן צו וואַרעמס אַ רויטן באָרשט פֿון בוראַקעס. אָט די פּאָליע איז אַ פֿיינע ברוסטיקע מויד — אַ חיות! ווען ער וואָלט הײַנט אין אָוונט נישט געדאַרפֿט אַוועקפֿאָרן, וואָלט ער אפֿשר...

פּלוצים האָט זיך די טיר געעפֿנט און אויפֿן שוועל האָט זיך באַוויזן אַ ייד אין אַ פּעלץ מיט אַ שוואַרצער באָרד און אַ לינק רויטלעך אויג. פֿוכטיקאָוו האָט אים גלייך דערקענט, איז גלייך פֿון שטול אויפֿגעשפּרונגען און אים אַנטקעגן געלאָפֿן.

Free Public Library, Newark, N.J.

— אַ גוט מאָרגן, פאַניע פוכטיקאָוו! כ'בין דער... אַהאַ! איר דערקענט מיך טאַקע...

— זאָל אייך אויס בענטשן, ברודערל, וואָס איר זענט צו מיר געקומען. כ'האָב די גאַנצע צייט פון אייך געקלערט... טוט אייך אויס. אָט דאָ קאָנט איר לייגן אייער פעלץ... כ'וועל אייך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. איר האָט דאָך ערשט נעכטן מיך באַראַטעוועט פון גזלנישע הענט. זאָל אייך דערפאַר גאָט הונדערט פאַך באַלוינען און...

— אָנשטאָט הייסע רייד, פאַניע פוכטיקאָוו, וואָלט איר מיר אפשר דערווייל געבן אַ הייס גלאָז טיי...

פוכטיקאָוו האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט.

— וויפל אירווילט, כ'בעט אייך, טרינקט און עסט, אפשר נאָך אַ גוט ביסל בראָנפן? הע, פאָליע, פאָליע! דערלאַנג אַהער אַ גלאָז...

פוכטיקאָוו האָט אים אַליין אָנגעגאָסן אַ גלאָז טיי. אברהם-איציע האָט זיך אַ רגע אומגעקוקט. אין ווינקל איז געהאָנגען אַ גרויסע איקאָנע, אונטער איר האָט שטיל געצאַנקט אַ לעמפל. דורך אַ האַלב-אָפענער טיר האָט פון אַ זייטן־חדר אַרויסגעקוקט אַ גאַנצע שורה פון איקאָנעס. פון פוכטיקאָוון, ווי עפעס פון דעם גאַנצן הויז, האָט זיך געטראָגן יענער אייגנטימלעך שאַר-פער זיס-זויערער ריח, וואָס מ'פילט אַזוי אָפט אין די אַלטמאָ-דישע הייזער פון פאַרפרומטע איינגעפונדעוועטע רוסישע באַ-לעבאַטים. אין דער לופט האָט געוויייעט אַ געדיכטע גויישקייט, וואָס האָט ביי אברהם־איציען אומגעריכט געוועקט און געררייצט עפעס אַ מין קינדיש טיפע פרום־יידישקייט. טאַקע באַלד פון פוכטיקאָוון וועט ער גיין ערגעץ דאַווענען. און צורוקנדיק דאָס אָנגעגאָסענע גלאָז טיי, האָט ער, לחלוטין נישט קלערנדיק, אָנ-געטון דאָס היטל, געמאַכט אַ ברכה און נאָך דעם ערשטן זופ האָט ער צוריק אויסגעטון דאָס היטל און ווייטער געטרונקען. נאָר טיף אינעווייניק האָט אברהם-איציע מיט שרעק דערפילט, אַז אינאיינעם מיט דער פרום־יידישקייט האָט זיך נאָך גע-היימער אויפגעכאַפט דער טייוולאָנישער נשמה־קיצל, דער

צעבושעוועטער וואַריאַט, וואָס האָט באַהאַלטן קיצלדיק זיך אָפּ־ גערופן אויף דער גוישקייט, דווקא דערפֿאַר, וואָס איז אַזוי מאוימדיק פרעמד, פֿאַרבאָטן, אָפּגרונטיק, מיט טויזנטיאָריקע צוימען און שלעסער פֿאַרריגלט. האָט ער זיך שוין אָנגעהויבן ראַנגלען מיט דעם וואַריאַט און זיך גענומען דערווייל אין די הענט, ער האָט זיך נאָך פֿון נעכטן געפֿילט צעבראָכן, אויפֿן ניכטערנעם האַרצן איז אים אין מויל געווען שטאַרק טרוקן און זויער, און ער האָט מיט גרויס חשק געטרונקען די הייסע טיי.

— זענט איר, פּאַניע פּאָלטיקאָוו, צופֿרידן מיט מיינע פֿערד. איר מעגט שוין זיין זיכער. כ׳האָב טאַקע ליב פֿאַרדי־ נען, נאָר שלעכטע סחורה נעם איך נישט אין די הענט, איר פֿאַרשטייט...

— נאָך נעכטן האָב איך אַוועקגעשיקט די פערד צו מיר אויפֿן לאנד (כ׳האָב אויך דאָ נישט ווייט פֿון דאַנען אַ קליינעם גוט). טאַקע גוטע פערד. וועמען, וועמען — נאָר אייך מעג מען גלויבן. כ׳האָב שוין נעכטן געזען, אַז מיט אייך האָט מען אַפֿילו פֿאַר אַ ציגיינערשן גנב נישט וואָס מורא צו האָבן. גוט, כ׳וועל אייך אָנגיסן נאָך אַ גלאָז טיי. פֿאַרבייסט, כ׳בעט אייך, אַ בייגל מיט פּוטער — דאָס מעגט איר דאָך, דאַכט זיך, דיי מיר עסן. זאָגט מיר נאָר, ברודערל, ווי אַזוי רופֿט מען אייך?

— כ׳הייס אַברהם־איציע לאַיעווסקי, אין דאָרף רופֿט מען מיך איינפֿאַך אַבראַם. איר קאָנט מיך אויך אַזוי רופֿן... כ׳ווייס נאָך אויך נישט אייער נאָמען...

— אַנדריי וואַסיליעוויטש...

פּאָלטיקאָוו איז שוין פֿאַרטיק מיטן אָנבייסן, אַן עלטע־ רער, דיקער מענטש, סאַפּעט ער שטאַרק נאָכן עסן און אויפֿן ברייטן פּנים ווערן די אויגעלעך קליין, האַלב פֿאַרגאָסן. ער וואָלט שוין ווי אַלע מאָל איינגעדרימלט, ווען נישט דאָס אויפֿ־ ברויזנדיקע קומען פֿון אברהם־איציען מיט זיינע גלייכווערטלעך און אויסגעשרייען. ער האָט געקוועלט קוקנדיק אויף אברהם־

איציען, וועלכער האָט, ווי משה דער תבואה־הענדלער, אַרויס־גערופן ביי אים אינערלעך אַ וואַרעמע זיכערקייט. ער האָט שוין ווייטער געהאַט דאָס פויעריש געהיימע האַלב־אינסטינקטיווע געפיל, אַז מיט אָט דעם פעסטן יידן קאָן מען אַפילו דעם טייוול אַליין ביישטיין. פלוצים האָט ער איבערגעריסן אַברהם־איציען.

— הערט נאָר, אַבראַם, וואָס כ׳וועל אייך פאָרלייגן. נישט ווייט פון מיין שטאָט אַן ערך אַ טאָג פאָרן מיט פערד, פאַרקויפן זיך ביי מיר איצט צוויי וועלדער. בעלנים האָבן זיך אָפּגערופן נישט ווייניק, נאָר ווייסט דער טייוול, צי וויל מען מיך נישט באַשווינדלען. כ׳פאַר היינט צען אַזייגער אין אָוונט מיטן באַן. כ׳בעט אייך, פאָרט מיט מיר אויף מיינע הוצאות, איר וועט מיר העלפן פאַרקויפן די וועלדער און איר וועט דערביי פאַרדינען מעקלעריי. חוץ דעם, וועל איך פאַר אייך האָבן נאָך אַנדערע געשעפטן אויך. אייך גלויב איך, ווי אַן אייגענעם ברודער. כ׳בעט אייך, פאָרט מיט מיר...

פּולטיקאָוו האָט אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין מיט אַ בעטנדיקער מינע. אַברהם־איציע האָט אַפילו נישט אַ קלער געטון און גלייך געענטפערט.

— גוט, כ׳פאָר מיט אייך. נאָר האָט נישט קיין פאַר־איבל, אַנדריי וואַסיליעוויטש, איר האָט דאָך אַ נאַטור זיך צו וואַקלען, ווי אַן אַלטע באָבע — זיבן פרייטיקן אויף איין וואָך. געדענקט זשע, כ׳קאָן עס נישט אַריבערטראָגן. ווען מען פירט מיך פאָרן נאָז, דעמאָלט איז ביי מיר אַ קורצער חשבון. בקיצור, מיר האָבן דאָך נישט חתונה מיט אַן אַנדער. כ׳פאָר מיט אייך. וועט עס עמעצן פון אונז נישט לוינען — וועט ער אַ שפּיי טון...

— גאָט איז מיט אייך, אַבראַם, וואָס רעדט איר? וואָס מיר רעדן אָפּ — איז הייליק ווי דער טאָג. קומט, ברודערל, צו מיר שוין היינט אַזייגער אַכט אין אָוונט, וועלן מיר אינ־איינעם פאָרן אויפן וואָקזאַל. צוליב אַזאַ מעשה דאַרפן מיר

בעמען אַביסל בראָנפן. זאָגט נישט ניין, אָט האָב איך אייך שוין אָנגעגאָסן אַ גלעזל.

מ'האָט זיך „געטשאָקעט" מיט די אָנגעגאָסענע גלעזלעך:

— פאַר אונזער געזונט, ברודערל...

— פאַר אונזערע געשעפטן, זאָל גאָט געבן...

מ'האָט זיך צעשמועסט וועגן די פּאַפּירן, וואָס אַ ייד דאַרף באַזונדערס האָבן צוליב אַ נסיעה אין טיף רוסלאַנד און וואָס אַברהם־איציע האָט באַצייטנס באַזאָרגט, ארויספאָרנדיק פון שטעטל אויף אַ ווייטער נסיעה. פּוכטיקאָוו האָט זיך אַליין אָנגעשלאָגן און אַריינגערוקט אַברהם־איציען אַ מטבע אויפן „קו־מענדיקן חשבון". ער האָט ווייטער אָנגעגאָסן די גלעזלעך און זיך צערעדט וועגן זיינע געשעפטן, וועגן אָט די וועלדער...

פּוכטיקאָוו פילט זיך איצט שטאַרק היימיש מיט אַברהם־איציען, טוט ער אים אַ פרעג:

— האָט איר אַ ווייב, קינדער — וווּ וווינען זיי?

אַברהם־איציע האָט אָפּגערוקט פון זיך דאָס האַלב אויס־געטרונקענע גלעזל און אַ שאָקל געטון מאָדנע מיטן קאָפּ.

— מיין ווייב איז נישט לאַנג געשטאָרבן. איז מיר שטאַרק נמאס געוואָרן דאָס לעבן. צוריק מיט אַ פּאָר טעג האָב איך אָפּגעגעבן מיינע צוויי קינדער צו אַ שוואָגער, פאַרקויפט מיין האָב און גוטס און בין אַנטלאָפן פאַרטאָג ווי אַ פאַרסמ־טער. כ'קאָן דאָס נישט פאַרשווייגן — כ'מוז מיך אָפּרעכענען מיט דעם אויבערשטן...

— וואָס? מיט דעם אויבערשטן? — פּוכטיקאָוו האָט זיך האַלב דערשראָקן איבערגעצלמט.

— איר פאַרשטייט, אַנדריי וואַסיליעוויטש, ס'ליגט שוין פון געבוירט אין מיין טרף בלוט, אַז איך קאָן מיך בשום אופן נישט לאָזן פירן פון וועמען ס'איז פאַרן נאָז. פאַר דער חתונה, ווען כ'בין נאָך געווען גאָר אַ יונגער פערד־הענדלער, האָב איך איינמאָל געפּאַטשט מיין אייגענעם טאַטן, וואָס האָט ביי מיר מיאוס אויסגענאַרט מיין פאַרדינסט. כ'האָב דערנאָכדעם אַליין געוויינט פון בושה און חרטה. נאָר זאָל ער מיך געווען

אָפּנאַרן נאָך אַמאָל, וואָלט כ׳אים נאָך מער געפּאַטשט. אָט אַזאַ טרף בלוט! איר פּאַרשטייט, ביי דעם טויט פון מיין ווייב האָב איך פּלוצים דערזען, אַז דער אויבערשטער פירט שוין טויזנטער יאָרן אַ וועלט מיט מענטשן פּאַרן נאָז. דער אויבערשטער אַליין שאַפט דעם מענטשן. זאָגט אים צו אַלערליי גליקן און הייסט זיין גוט און פרום. און ווי מ׳זאָל זיך נישט סטאַרען, וואַרפט ער צום סוף אַלעמען ווי אַ נבילה אין קבר. אַוודאי איז דער אויבערשטער אַ הייליקער טאַטע פון דער וועלט, פאַרדריסט עס נאָך מער, למאי זאָל ער דאָס אַזוי מיאוס פירן מענטשן פאַר דער נאָז. כ׳וועל דאָס נישט פאַרשווייגן און...

פּוכטיקאָוו מיט זיין פויערשן טעמפּן מוח האָט אַלע מאָל זייער שווער געקאָנט תופס זיין צו לאַנגע רייד, וואָס האָבן נישט קיין פּשוטע שייכות צו זיינע געשעפטן אָדער צו אַזוי ממשותדיקע זאַכן. ער האָט אויך איצט צעשטרייט און האַלב נייגיריק געהערט אַברהם־איציען, ווי אַ קינד, וואָס הערט אומפאַרשטענדלעך פּליסנדיקע רייד פון אַ דערוואַקסענעם, פאַרנעמט נעפּלדיק אַ לייכטן שימער פון דעם אינהאַלט, אָבער נאָך מער די תנועות און דעם קלאַנג פון די רייד. נאָך דעם ערשטן שרעק פון אַברהם-איציעס אומגעוויינלעכע רייד קעגן דעם אויבערשטן, האָט זיך פּוכטיקאָוו איצט גלייך באַרויקט, כאַפּנדיק אַ קוק אויף אַברהם־איציעס לאַנגער באָרד, אויף די ערלעך גליענדיקע אויגן. די האָר אויפן קאָפּ זענען ביי אַברהם־איציען צעשויבערט, פון די זייטן עטוואָס צוגעפּלעטשט — מ׳זעט קלאָר, אַז די האָר זענען צוגעווינט צו אַ היטל, וואָס מ׳האָט נאָר וואָס אַראָפּגענומען און טאַקע באַלד וועט מען צוריק אָנטון. איינגעשפּאַרטע, פעסטע יידן מיט „הייסינקע בלוט". ביי די לעצטע רייד פון אברהם־איציען האָט זיך פּוכטיקאָוו, אפנים, אָן עפּעס דערמאָנט און איז אומגעדולדיק אויפגעשטאַנען.

— וואַרט נאָר, ברודערל, אַ רגע, כ׳גיי עפּעס זאָגן דער קעכן און קום שוין צוריק...

ער איז אַריינגעלאָפן צו פּאָליען אין קיך זאָגן, אַז זי

זאָל מאַכן אויף וואַרעמעס אַ באָרשטש פון רויטע בורעקעס. וואָס מאַכט זי דען בכלל צו וואַרעמעס? ער האָט זי צופרידן אויס־געהערט, פריינטלעך אַ קלאַפּ געטון איר אין די פּלייצעס און איז אַריין צוריק צו אברהם־איציען.

— ערשט שפּעטער, ברודערל, דאַרפן צו מיר קומען אַ פּאָר מענטשן פון מיין גוט הינטערן שטאָט. דערווייל קאָנען מיר פאַרבּרענגען. כ׳האָב ליב צו הערן אייערע רייד, כאָטש נישט אַלץ פאַרשטיי איך. אויף די עלטערע יאָרן אַרבעט ביי מיר דער קאָפּ שוואַך. הערט איר, אַבראַם, איר יידן זענט אַ געפערלעכע אומה. פריער האָט איר געקרייצט אונזער גאָט און איצט הויבט איר שוין אָן בונטעווען אַקעגן אייער אייגענעם גאָט, וואָס?

אַברהם־איציע האָט אַ מאַך געטון מיט די הענט און פאַר־קאָכט אויסגעשריגן:

— ניין, ניין, אַנדריי וואַסיליעוויטש, אונזער גאָט איז אומעטום, איז אייביק און הייליק און קיין מענטש קאָן אים נישט דערגרייכן. אָט דערפאַר פאַרדריסט דאָך עס טאַקע: ער איז אַזוי אייביק און אַלמעכטיק און נאַר אונז מענטשן שלייַ־דערט ער ווי פליגן און שיקט אויף אונז קרענק און טויט. וואָס הייסט דאָס? אַ סוף מוז דאָס נעמען? דערצו בין איך אַ...

די לעצטע ווערטער האָט, אַפּנים, פּוכטיקאָוו פאַרשטאַנען, אפשר דערפאַר, וואָס אַברהם־איציע האָט זיי אַזוי בולט אַרויס־געשריגן. האָט ער אים איבערגעריסן די רייד.

— זעט איר אָבער, אַבראַם, אונזער גאָט, יעזוס, האָט זיך אַליין לעבעדיקערהייט געלאָזט צערייסן אויפן קרייץ. ער האָט אויף זיך אַליין גענומען דעם טויט און די גרעסטע ליידן פון אַ מענטשן. און דורך זיינע ליידן האָט ער אונז אַלעמען אויסגעלייזט, אונזער אויסלייזער, יעזוס קריסטוס!..

אַברהם־איציע האָט מאָדנע געשמייכלט און אַ פּינקל גע־טון מיט זיין רעכטן זעענדיק אויג. פּוכטיקאָווס רייד האָבן ביי אים אַרויסגערופן מאָדנע רעיונות, וואָס ער האָט נאָך נישט געקאָנט גאַנץ באַנעמען.

— כ׳קום, ברודערל, באַלד צוריק...

פּוּטיקאָוו האָט זיך געלאָזט אַרויסגיין צום הויף צו. אַברהם־איציע איז געבליבן אַ ווײַלע אומבאַוועגלעך און זיך שטאַרק פאַרטראַכט. ער האָט מיט אַ מאָדנעם אימפּעט געצויגן אויף גיך דעם פאָדעם פון זײַנע, אייגנטלעך, אומגעלומפּערטע רעיונות.

ווי אַן עלטערער ייד, אַ פּשוטער פאָלקס־מענטש, האָט ער נישט נאָר געגלויבט, נאָר אויך אינסטינקטיוו מיט דעם גאַנצן חיות געפילט, אַז ס׳איז דאָ נאָר איין איינציקער גאָט אויף דער וועלט. ס׳האָט זיך אים איצט נאָר געדאַכט, אַז אָט דער יעזוס האָט אויך געהאַט זודיק בלוט — האָט ער געבונ־טעוועט און זיך אָקאָרשט איינגעשטעלט פאַר שוואַכע שטער־בלעכע מענטשן אַנטקעגן דעם אייביקן און אַלמעכטיקן גאָט. אויב אַלע מענטשן מוזן שוין יאָ קרענקען און שטאַרבן, טאָ זאָלן זיי זיך אויסקלויבן אויך אַ שטערבלעכן ליידנדיקן גאָט, אַ קראַנקן, געהרגעטן בשר ודם. יעזוס האָט נישט געמאַכט קיין נײַע אמונה, קלערט אַברהם־איציע, נאָר אַ שאַרפן בונט, אַ ביטערע מחלוקת. אָט אַזוי האָבן זיך אַנומעלטן אין שטעטל צעבונטעוועט די אָרעמע בעלי־מלאכות און דורכויס געוואָלט דורכפירן אַן אייגענעם מענטשן, אַ בעל־מלאכה, פאַר אַ גבאי. אַברהם־איציע האָט דאָ פּלוצים אויף זײַן שטייגער דערשמעקט אַ שאַרפע מחלוקת צווישן מענטש און גאָט, צווישן דעם קליי־נעם שטערבלעכן מענטשן און דעם אייביקן הייליקן מיוחס אי־בער אַלע וועלטן, דעם איין און איינציקן אַלמעכטיקן גאָט. אַברהם־איציע איז קיינמאָל נישט געשטאַנען בײַ אַ מחלוקת פון דער זײַט. ער איז, פאַרקערט, תמיד געווען די נשמה פון יעדער מחלוקת, וואָס ער פלעגט מייסטנס אַליין אָנצינדן אַנט־קעגן דעם מיוחס, דעם תקיף. האָט זיך אין אַברהם־איציען ווײַטער אויפגעכאַפּט דער ווילדער וואַריאַט, וואָס האָט אים געצויגן צו אָט דעם פרעמדן, מאָרימדיק פײַנטלעכן בונט. טאַקע אַרײַן אין אָט דער שערוריה און אַ טרייסל טון מיט די הימ־לען. אַ טייוולאָנישער נשמה־קיצל האָט זיך שוין ווידער בײַ אים אין אַלע גלידער צעגאָסן. דאָס רעכטע זעענדיקע אויג

האָט אים אָנגעהויבן שווינדלען. ער האָט גענומען אויף גיך מאַכן אַ פּאַפּיראָס... דערווייל איז פּוכטיקאָוו צוריק אַריינ־געקומען.

— וואָס זענט איר, אַבראַם, אַזוי צעטראָגן. ס׳בענקט זיך אייך, אפנים, שטאַרק נאָך דעם ווייב. כ׳האָב אויך אַ האַלב יאָר נאָך מיין ווייבס טויט נישט אויפגעהערט צו טרינקען. כ׳האָב גאָרנישט געוווסט וווּ אַהין צו טון זיך. איר, יידן, האָט נישט ליב אַזוי צו טרינקען, ווי צו דרייען מיטן קאָפּ. די בעסטע סגולה איז דערצו געמען אַ ניי ווייב אָדער...

די הויז טיר האָט זיך געעפנט, דאָס זענען צו פּוכטי־קאָוון געקומען מענטשן פון זיין גוט. אַברהם־איציע האָט דער־ווייל פאַררויכערט, איז אויפגעשטאַנען און זיך געזעגנט.

— הערט זשע, אַבראַם, וואַרט איך אויף אייך היינט אין אָוונט. איר קומט גלייך אַהער מיט די זאַכן און מיר וועלן, ברודערל, פון דאַנען צוזאַמען פאָרן צום באַן. אַ גוטן טאָג, ברודערל!

טאַקע צען אַזייגער אין אָוונט איז אַברהם־איציע אַוועק־געפאָרן מיט פּוכטיקאָוון אין טיף־רוסלאַנד.

5

זיי זענען אָנגעקומען פרייטיק פאַר האַלבן טאָג. אין דרויסן איז געגאַנגען אַ שטאַרקער שניי. ווי קליינע פעדערן האָבן זיך געטראָגן אָן אַן אויפהער אין דער לופט ווייכע ווייסע שניי־עלעך. ביים וואָקזאַל האָט געוואַרט פּוכטיקאָווס שליטן. אָט דער שליטן איז, ווי פּוכטיקאָוו אַליין, געווען האַלב־פּריציש, האַלב־פּויעריש — פעסט און ברייט געבויט, מיט הויכע וואַנט־לעך, אַ הילצערנער, נישט קיין געפאַרבטער. דערפאַר אָבער איז דער שליטן־פאַרטעך געווען כמעט אַ פּריצישער — אַ שיי־נער, שוואַרצער, ווייך־האָריקער צודעק צו די פיס מיט גע־צאַצקעטע קוטעסן, וואָס האָט זיך גאָר פּריציש צוגעשפּיליעט

צום שליטן. לעבן דעם שליטן שטייט פעדקע דער אָנטרייבער מיט דער בייטש אין דער האַנט. אַ צוואַנציקיאָריקער דאָרפישער אַרבעטס-יונג, זייער געזונט און פלייסיק, אָבער שטאַרק טעמפּ, קאָן קיין צוויי נישט ציילן. אויף דעם קורצן דאָרפישן פּעלצל טראָגט ער אַ ברייטן „אַרמיאַק" און אויף די הענט — דיקע הענטשקעס אָן פינגער. ער איז געווען ביי פוכטיקאָוון אַן אָנטרייבער, ווי אויך סתם אַ דינער אויף שליחות און פאַרשידענע אַרבעטן. האַלטנדיק די בייטש, קוקט ער אויף דער טיר פון דעם וואָקזאַל, ווו ס'לויפן האַסטיק אַרויס פּאַסאַזשירן, באַשאָטענע מיט שניי. און אָט האָט זיך צווישן די פּאַסאַזשירן באַוויזן פוכטיקאָווס ברייטע דיקע פיגור, שטאַרק איינגעהילט אין פעלץ — קוים וואָס מ'זעט די ווייסע וואָנציעס אויפן ברייטן רויטן פּנים. לעבן אים, עטוואָס פאָרויס, גייט אַברהם־איציע, אַביסל צעשפּיליעט, די שוואַרצע באָרד באַדעקט מיט שניי — ער טראָגט זיינע און פוכטיקאָווס זאַכן. דערזען דעם בעל-הבית, האָט פעדקע אַ שפּרונג געטון, אַראָפּגענומען דאָס היטל, זיך שטאַרק פאַרבויגט, האָט ברייט געעפנט דאָס מויל און מיט לעפּישער התפעלות עטלעכע מאָל נאָר איבערגעחזרט:

— באַרין, באַרין... (פּריץ, פּריץ...).

— גוט מאָרגן, פעדקע! דו ביסט טאַקע אַ ווױלער יונג, קומסט אַלע מאָל צו דער צייט. נעם נאָר אָקאָרשט די זאַכן...

פעדקע האָט אַריינגערוקט די זאַכן אין שליטן, געהאָלפן ביידן אַריינזעצן זיך און צוגעשפּיליעט דעם פאַרטעך. אַרויפגעשפּרונגען אויפן שליטן, האָט ער פעסט אַ נעם געטון די לייצעס און אַ טרייב געטון די פערד. ווי נאָר דער שליטן האָט זיך גערירט, האָט זיך פוכטיקאָוו איבערגעצלמט. איינהילנדיק זיך טיפער אין פעלץ, האָט ער הנאהדיק געצמאָקעט מיט די ליפּן.

— געלויבט איז גאָט — מיר זענען גוט אָנגעקומען...

ס'איז געווען אַ טייערער שליט־וועג, די פערד האָבן זיך לוסטיק געטראָגן פאָרויס. די ווייכע שנייעלעך האָבן זיך לייכט

און שטיל געשאָטן אויפן שליטן. פּוכטיקאָוו איז געווען שטאַרק אויפגעלייגט און רעדעוודיק.

—הערט איר, אַבראַם, בעסער וואָלט איר פאַרפאָרן גלייך צו מיר. חדרים זענען ביי מיר גענוג — כ'וווין אַליין מיט מיין טאָכטער. אַ יונגער אַלמנהלע. מיינע זין דרייען זיך ערגעץ אַרום אין מאָסקווע, ווייסט זיי דער טייוול. אָבער איר, יידן, טאָרט דאָך ביי אַ קריסט נישט עסן, נישט טרינקען, נישט דאַ־ווענען. אַ חוץ אפשר אַ גלאָז טיי אָדער אַביסל בראָנפן. נישטאָ וואָס צו מאַכן — איר וועט ביי מיר, ברודערל, אָפּטרינקען אַ גלעזל טיי, דערנאָכדעם וועט אייך פעדקע מיט דעם שליטן אַוועקפירן צו אַנושקע באַראַוויץ. דאָס איז אַן אַלטע יידישע אַלמנה, וואָס האָט אַ מין גאַסט־הויז. ווי פאַרסטו, פעדקע? נעם דאָך לינקס אויפן בעריאָזעווען שליאַך פאַרביי בוקעווע. אָ, אַט אַזוי, אַט אַזוי...

דער שטענדיק ברויזנדיקער אַברהם־איציע איז איצט קאַרג אויף רייד און איז עפּעס ווי צעמישט. פּוכטיקאָוו האָט אויף אים מאָדנע געווירקט. די פּאַניש געדיכטע גוישקייט פּוכ־טיקאָווס האָט גערייצט און געצויגן דעם ווילדן וואַריאַט אַריינוואַרפן זיך פון דער העלער הויט אין דער קריסטלעכער שערוריה, אין דעם שמד־אָפּגרונט, און פון דאָרטן אַ טרייסל טון מיט די הימלען. נאָר די פּויעריש פעסטע איינגעוווּרצלט־קייט פון פּוכטיקאָוון און די געלאַסן־איינגעפונדעוועטע באַלע־באַטישקייט האָט געוועקט אין אַברהם־איציען דעם געזעצטן באַלעבאָס, דעם טאַטן פון קינדער, דעם פּאַרדינער, דעם שמש פון חברה קדישא. איז דאָס שוין אַזוי מאָדנע. ערגעץ ווו פאַר־באָרגן ווייסט אַברהם־איציע, אַז ער אַליין איז אינגאַנצן דער וואַריאַט און אַז ער וועט געוויס נאָכגעבן דעם טייוולאָנישן נשמה־קיצל פון זיין הייס בלוט. פונדעסטוועגן און טאַקע דער־פאַר האָט ער זיך מיט די לעצטע כּוחות געשטאַרקט און גע־ראַנגלט. אַברהם־איציע איז נישט געוווּינט צו אַזאַ קווענקלע־ניש, וואָס האָט אים איצט געפּענטעט און געשטערט. ער האָט טיף איינגעאָטעמט די פרישע קלאָרע לופט און אָפּגעטרייסלט

פון פנים די אָנגעפאַלענע שנייעלעך.

— איר זענט, אַנדריי וואַסיליעוויטש, גערעכט. איך וועל פון אייך גלייך פאַרפאָרן אין גאַסט־הויז. איר זאָלט אָבער וויסן, אַז היינט פאַרנאַכט הויבט זיך אָן ביי אונז שבת, און איך וועל ערשט מאָרגן אין אָוונט קומען צו אייך רעדן וועגן אונזערע געשעפטן. מיר האָבן דאָך שוין אויפן וועג זייער פיל אָפּגערעדט. נישקשה, ס׳ברענט נישט, ס׳האָט צייט. זאָגט מיר נאָר, ביי אייך אין שטאָט זענען פאַראַן עפּעס יידן? — איר ווייסט נישט?

— ביי אונז וווינען זייער ווייניק יידן, דאַכט זיך, קוים צען פאַמיליעס. דאָס זענען, ברודערל, גאָרנישט אַזוינע יידן, ווי ביי אייך אין אייערע געגנטן. זיי רופן זיך אָן ניקאָלאַיע־ווער סאָלדאַטן. דאָ איז נישטאָ אַפילו איינע אַזאַ סינאַגאָגע, ווי מ׳זעט דאָרט ביי אייך. איינעם פון אָט די יידן קען איך גוט. דאָס איז יאַקאָוו איסאַיעוויטש, אַ באַיאָרטער מענטש, שפּעלצ־ער, וואָס... וואָס... פעלדשער... וואָס...

פּוכטיקאָוו איז פּלוצים איינגעדרימלט. אברהם־איציע האָט זיך אומגעקוקט אויף אים און לוסטיק געשמייכלט: אַלטע באבע. דער שליטן האָט זיך טאַקע זייער לייכט געגליטשט איבער דעם שיינעם גלאַטן שליט־וועג, און די קאַלטע לופט איז אומגעוויינלעך פריש און לויטער. דער אַלטער דיקער פּוכ־טיקאָוו, שטאַרק מיד און טיף איינגעהילט אין ברייטן פעלץ, האָט זיס געדרימלט.

ערשט אין אַ לאַנגער ווײַלע אַרום האָט זיך פּלוצים דער שליטן שטאַרק אַ טרייסל געטון, אַ הויב געטון אין דער לופט, זיך גלייך אַראָפּגעלאָזט און מיט אימפּעט ווייטער אַוועקגעפאָרן. פּוכטיקאָוו האָט זיך עטוואָס דערשראָקן אויפגעכאַפּט, אַ רגע מטושטש געקוקט אַרום זיך און געפּינטלט מיט די אויגן.

— טאַטעלע מייַנער, ווּ זענען מיר דאָס? אַהאַ! מיר פאָרן שוין אַריין אין שטאָט — געלויבט איז דער אויבערשטער! פּעדקע, קוק נאָר, ווי דו פאָרסט...

ס׳האָבן זיך באַוויזן די ערשטע קליינע הייזער אונטער

דער שטאָט. פֿון ווייטן האָט מען שוין דייטלעך געקאָנט זען די פֿאַרביקע קופּאָלן פֿון די שטאָט־קלויסטערס. און אָט האָט זיך דער שליטן פֿאַרקערעוועט און אַרייַנגעפֿאָרן אין שטאָט דורך ברייטע גאַסן. פּוכטיקאָוו האָט אַראָפּגעלאָזט דעם הויכן קאָלנער פֿון פֿעלץ, און פֿינטלענדיק מיט די אויגן, זיך צופֿרידן אַרומגעקוקט אויף דער היימישער סביבה. אפֿנים, אַז אַלע קענען אים דאָ אין שטאָט. פֿאַרבייַגייער, ווי אויך קרעמערס אַרום זייערע קראָמען, באַגריסן היימיש־פֿרייַנטלעך דעם דורכפֿאָרנדיקן, אַראָפּנעמענדיק דאָס היטל.

— מיט אַ גוטן אָנקומעניש, אַנדריי וואַסיליעוויטש!..

נישט דערפֿאָרנדיק צום מאַרק, האָט זיך דער שליטן בייַ איינער אַ גאַס פּלוצים אָפּגעשטעלט. פֿריער האָט זיך דאָס פֿון ווייטן דערהערט אַ פֿרום־טרויעריקער כאָר־געזאַנג, פֿון אַ נאָענטן קלויסטער האָט מען אומאויפֿהערלעך געקלונגען און טאַקע באַלד האָט זיך באַוויזן אַ גרויסע גוייִשע לויה, וואָס האָט זיך אויף דער גאַנצער גאַס אויסגעצויגן. פּוכטיקאָוו און פֿעדקע האָבן אַראָפּגענומען דאָס היטל און זיך פֿרום געצלמט. אַברהם־איציע, וואָס האָט פֿון קינדווייז אָן געהאַט שרעק פֿאַר אַ גוייִשער לויה, האָט עטוואָס פֿאַררוקט דעם קאָפּ אונטער פּוכטיקאָווס ברייטער פּלייצע און אַזוי אַרום זיך פֿאַרבאָרגן, כּדי נישט אַראָפּצונעמען דאָס היטל (דאָס האָט אים נאָך אַמאָל־אַמאָל די מאַמע שטרענג פֿאַרזאָגט). ער האָט אָבער ווי בגנבה זיך איצט שטאַרק אייַנגעקוקט אויף דער גרויסער לויה. אין רעכטן מיטן פּראָצעסיע האָט מען לאַנגזאַם געטראָגן אַ פֿעסט־שוואַרצע טרומנע מיט געשניצטע ראַנדן און זילבערנער באַפּוצונג. אין דער אָפֿענער טרומנע איז געלעגן פֿייערלעך־שטייף אויסגעשטרעקט, מיט בלומען און קראַנצן געצירט, אַ פֿאָרנעמע עלטערע פֿרוי. דער קאָפּ עטוואָס אָן אַ זייַט, די ליפּן פֿעסט צוזאַמענגעפּרעסט, אויף דעם שטערן אַ מין קליין, שמאָל קרוינבענדל. אויף דעם געלבלעכן פּנים האָט געוויִעט אַ אומהיימלעך־אייביקע אָפּגעטראָגנקייט. העכער איבער אַלע קעפּ האָט זיך די טרומנע געטראָגן — די געקרוינטע גדולה פֿון דער

טויט־אייביקייט. פאָרויס זענען געגאַנגען גייסטלעכע אין פאַר־ביקע מיט גאָלד געשטיקטע מאַנטלען, מיט בלוי־סאַמעטענע מיצן. און אין דער לופט האָבן געפלאַטערט פאָנען, די פּראָצעסיע איז געגאַנגען אַזוי פייערלעך־לאַנגזאַם, און דער כאָר־געזאַנג איז גע־ווען אַזוי טרויעריק איינגעהאַלטן, גלייך ווי די צאַפּלדיקע מענטשן וואָלטן וועלן כאַפּן אויף אַ ווײַלענקע זיך דערהויבן צו דער קרוין פון דער אייביקער טויט־שטילקייט. ביי אברהם־איציען האָט זיך דער טייוולאָנישער נשמה־קיצל אין אַלע גלידער צעגאָסן — טאַקע נאָך אַ רגע באַקומט אים דער ווילדער וואַריאַט פאַרטיק. און ער וואַרפט זיך אַריין אין דער שערוריה. נאָר אָט האָט די פּראָצעסיע פאַרקערעוועט רעכטס פון מאַרק אויפן וועג צום בית־עולם. פּאָליציקאַוו און פעדקע האָבן אָנגעטון די היטלען און דער שליטן האָט זיך פאַמעלעך געלאָזט פאָרן ווייטער. אברהם־איציע איז געקומען צו זיך. ער האָט זיך אַליין דער־שראָקן פאַר דעם אָפּגרונט, וווהין ס'האָט אים געצויגן. האָט ער זיך מיט אַלע כּוחות אַ נעם געטון אין די הענט.

— ווייסט איר, אַנדריי וואַסיליעוויטש, ס'איז שוין צו שפּעט, און כ'וועל צו אייך היינט שוין נישט פאַרפאָרן. כ'בעט אייך, ווייסט מיר דאָס יידישע גאַסט־הויז און כ'וועל צו אייך מאָרגן שבת אין אָוונט גלייך קומען. כ'בעט אייך, אַנדריי וואַסיליעוויטש...

— גוט, זאָל זיין אַזוי, כ'וועל אויף דיר, אַבראַם, מאָרגן אין אָוונט וואַרטן. הע, פעדקע, פאַרקער אויף וואָזנעסיענסקע גאַס, טו נאָר אַ פאָר לעבעדיקער אָט אַזוי, אַזוי...

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן די פערד זיך אָפּגעשטעלט אויף וואָזנעסיענסקע גאַס ביי דעם איינגאָרנדיקן גאַסט־הויז פון אַנושקע באַראַוויק, וועלכע האָט דערזען דורכן פענסטער די אָנקומענדיקע געסט און איז צו זיי אַרויסגעלאָפן מיט אַ שאַל אויף די פּלייצעס.

— גוט מאָרגן, אַנדריי וואַסיליעוויטש, מיט אַ גוטן אָנקו־מעניש! ווער איז אָט די שוואַרצע באָרד? אַהאַ! — איר האָט אייך שוין אויסגעקראַצט אַ נייעם יידן. נישטאָ מער מאָשקע!

האָט געגומען און זיך פּראָסט אָוועקגעשטאָרבן? נאָר אָט די שוואַרצע באָרד וועט אַזוי גיך נישט שטאַרבן — וועט אונז אַלעמען איבערלעבן. אָט אַזאַ כאָלערע עסט אויף, מסתּמא, אַ גאַנצן אָקס צו מיטאָג און...

אברהם־איציע האָט זיך פאַרחידושט אויף איר אומגעקוקט. דאָס איז געווען אַ היכּוווקסיקע דיקע פּרוי פון אַ יאָר עטלעכע און פופציק. און כאָטש פון אונטער דעם פאַרביקן קאָפּ-טיכל ווייזן זיך ווייסע האָר, איז זי מאָדנע פלינק און קרעפטיק, האָט אַ געזונטע האַלב־מאַנסבילשע שטימע און אירע רייד פאַלן אין דער לופט, ווי אַ שטאַרקער געדיכטער האָגל.

אברהם־איציע איז אַראָפּ פון שליטן, אַ נעם געטון זיינע זאַכן, און אויפהויבנדיק די רעכטע האַנט, אַ געשריי געטון:

— געגוג אייך, בעל־הביתטע, צו רעדן. אַ גוטן טאָג, אַנדריי וואַסיליעוויטש, מאָרגן אין אָוונט קום איך צו אייך. כ'וועל שוין צו אייך געפינען דעם וועג. אַ גוטן טאָג...

פּאָלטיקאָוו, אַן עלטערער מענטש, האָט טאַקע איצט אויסגעזען זייער מיד און פאַרשלאָפן. ער איז גרייט געווען יעדע רגע איינצושלאָפן, און פינטלענדיק מיט די אויגן, האָט ער שוין קוים אַרויסגערעדט:

— אַ גוטן טאָג, ברודערל, אַ גוטן טאָג...

פעדקע האָט אַ טרייב געטון די פערד, און נאָך איידער דער שליטן האָט גערירט, איז פּאָלטיקאָוו איינגעדרימלט.

6

שוין אין די ערשטע רגעים האָבן זיך אברהם-איציע און אַנושקע שטאַרק צעאַמפּערט—ממש אַ שטורעם האָט באַלד צווישן זיי אויסגעבראָכן. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס, דאַכט זיך, גאָר פון אַ קלייניקייט.

ווי נאָר דער שליטן איז פאַרשוווּנדן, האָבן זיי אָנגעהויבן רעדן יידיש. אברהם־איציע האָט מער געשוויגן, נאָר

אַנושקע האָט אויף איר שטייגער אומאויפֿהערלעך געהאָגלט. אברהם-איציען איז עפּעס ווי מיטאַמאָל אומהיימלעך געוואָרן. ערשט איצט האָט ער פּלוצים דערזען, אַז זי איז כּלומרשט שטאַרק ענלעך צו דער פֿאַרנעמער גויע, וואָס איז אַזוי שטייף און קרעפּטיק געלעגן אין דער טרומנע. אַחוץ דעם, האָט ער, קוקנדיק אויף איר, זיך געשראָקן און געחידושט, ווי אַ יידיש קינד ווערט עס אַזוי אומהיימלעך פֿאַרגויישט. נישט נאָר אירע פֿעסטע טריט און זיכערע באַוועגונגען, נאָר אויך אַרום אירע, אייגנטלעך, יידישע שוואַרצע אויגן זענען געלעגן גאַנצע הויפֿנס פֿון פּאַנישער ברייטקייט און געדיכט פֿרעמדער גוישקייט. אין איר איז עפּעס פֿאַרטרונקען דער לעצטער קנייטש פֿון יידיש-קייט, וואָס אברהם-איציע באַנעמט מיט אַלע זיינע הושים און וואָס ער וואָלט עס אָבער בשום אופֿן נישט געקאָנט דערקלערן. טאַקע אָט די גאַנצע קוועקזילבערדיקע, שטענדיק בויגעוודיקע און אייביק אומצעברעכלעכע יידישקייט האָט זיך ביי איר גויישדיק פֿאַרשטייפֿט און אויסגעשטרעקט, ווי אַ סאָסנע אָדער אַ פּויער, וואָס וואַקסן פּראָסט און זיכער אויף אַן אייגענעם באָדן. אַנושקע אַליין איז ערגעץ פֿון אַ יידיש שטעטל מיט אַ סך יאָרן צוריק אַהער אָנגעקומען און חתונה געהאַט דאָ מיט אַן אַלמן, אַ ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט, וועלכער איז פֿאַר צוויי יאָרן געשטאָרבן. פֿאַר אָט דער צייט איז זי דאָס אַזוי פֿאַר-גויישט געוואָרן. נישט נאָר רוסיש, נאָר אויך יידיש רעדט זי מיט אַ פּאַניש ברייטן חתוך-הדבור. איר גויישע אויסשפּראַך איז באַזונדערס אויפֿפֿאַלנדיק, ווייל זי רעדט פֿליסנדיק יידיש מיט אַלערליי געפֿעפֿערטע אויסדריקן פֿון אַ קליינשטעטלדיקער מאַרק-יידענע. ווי פֿריער ביי דער לויה, האָט אברהם-איציען נאָך אין אַ שטאַרקערער מאָס אָט די פֿאַרגויישטקייט געשראָקן און געצויגן.

גייענדיק פֿאָרויס און דערציילנדיק אומאויפֿהערלעך כּלערליי זאַכן, האָט אַנושקע אים אַריינגעפֿירט אין שטוב אַריין. פֿון דעם קליינעם טונקעלן פּאָדערצימער זענען זיי אַריין אין אַ מין עס-צימער, און פֿון דאָרטן אין אַ שמאָלן איינפֿענסטער-

דיקן חדר, ווו אברהם־איציע האָט אַנידערגעלייגט זיינע זאַכן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געשטוינט. אָט אין דעם שמאָלן חדר זענען געשטאַנען צוויי הילצערנע בעטן, וואָס האָבן פאַר־נומען דעם גאַנצן חדר און וואָס זענען געווען אָנגעפּאַקט מיט פּערינעס און אַלערליי בעט־געוואַנט — אַ גאַנצער באַרג. אין דעם אַנטקעגנדיקן ווינקל איז אַריינגעקוועטשט געווען אַ גרוי־סער קארב מיט זאַכן און קליידער. אויף די געקאַלעכטע ווענט האָט מען דאָ און דאָרט געקאָנט זען שמוציק ברוינע פלעקן.

— וואָס קוקסטו אַזוי?..

— אָט אין דעם חדר — האָט אברהם־איציע אַ שמייכל געטון — וועט שוין מיר נישט אויסקומען צו שלאָפן אַליין...

אַנושקע האָט נישט פאַרשטאַנען.

— וואָס? מיט ווען האָסטו דאָ נאָך צו שלאָפן?

— אין אַזאַ חדר, פאַרשטייסטו מיך, שלאָפט מען נישט אַליין, נאָר צוזאַמען מיט רויטינקע וואַנצן...

אַנושקע האָט זיך אָנגעצונדן און זיך אַ וואָרף געטון.

— דיר געפעלט נאָך נישט, באַרדיטשעווער שלעפּער, פאַרברענט זאָלסטו ווערן. שענערע מענטשן פאַר דיר זענען ביי מיר אין קיך געשלאָפן. ווער ביסטו, בלינדער שלעפּער! דו ביסט געקומען אַהער לעקן דעם הינטן ביי פּוכטיקאָוון און ביי מיר בראַקסטו דעות. איך שפּיי אויף דיר און דיינע פאָר גראָשן. פאָר דיר צוריק אין באַרדיטשעוו צו דיינע לאַבסאַר־דאַקעס, דיין ווייב מיט דעם שליומפּער וועט דיר...

ביי אברהם־איציען זענען די ליפּן פלוצים בלאַס געוואָרן. אין איין רגע איז ער צו איר, ווי אַ ווילדער, צוגעשפּרונגען, האָט זי אַזוי אַ כאַפּ געטון פאַר דער פלייצע, אַז יענע האָט פון ווייטיק און שרעק אויפגעשריגן. און האַלטנדיק די פויסט האַרט פאַר איר פּנים, האָט ער געדונערט:

— פאַרמאַך דיין טרפן מויל, אַלטע קלאַפּטע, אַנישט וועל איך דיר אויף אייביק שטום מאַכן...

די פאַרפרוירענע שויבן פון דעם קליינעם פענסטער האָבן אַזש אַ ציטער געטון פון זיין דונער־געשריי. אַ ווײַלע איז

אַנושקע געשטאַנען טויט־דערשראָקן, איבערראַשט און פאַרלוירן. די הינטערשטע ליפּ איז ביי איר שלאַבעריק אַראָפּגעהאַנגען און אַרום אירע אויגן אויף דעם בלאַס געוואָרענעם פּנים האָט אברהם־איציע איצט דערזען אַ מינע פון אַ יידיש קינד, „דעם" יידישן קנייטש, וואָס איז ווי פון די טיפענישן אַרויס אויפן פּנים. נאָר אָט איז זי באַלד געקומען צו זיך, איז ווייטער געוואָרן פלינק און מונטער, האָט זיך פלוצים צעלאַכט און היימיש־אויפגעלייגט אַ קלאַפּ געטון אברהם־איציען אין פּלייצע:

— אָ, אָט אַזאַ יידן האָב איך טאַקע ליב, אָט אַזאַ גאַסט וויל איך האָבן. טאַקע אַ מענטש און נישט קיין פּראַבקע. היינטיקע צייטן זעט מען דאָך זעלטן אַזאַ יידן, וואָס זאָל האָבן אַ באָרד פון באַרדיטשעוו און אַ פויסט פון אַ קאָזאַק. אָבער גענוג צו באַלאַמוטשען. כ'וועל דיר בעסער מאַכן אַ סאַמאָוואַר און וועל דיר, בלינדער טייוול, דערלאַנגען אַ פרישינקע גלאָז טיי מיט רויטער איינגעקאָכטער מילך, אַ בולקע מיט פּוטער און...

— זאָג מיר נאָר, אַנושקע, פריער, ווו גייט מען דאָ היינט אין באָד.

— נישטאָ היינט קיין באָד, דאָ הייצט זיך אַ באָד נאָר שבת און דינסטיק.

— וואָס רעדסטו?

— וואָס דען מיינסטו? דאָ זענען אינגאַנצן אַרום צען יידישע פאַמיליעס — אַלע ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן, האַלבע גוים, אַ חוץ מיר, קען דאָ, דאַכט זיך, קיינער קיין יידיש נישט רעדן. אַ שול איז דאָ פאַראַן — קומט מען אַהינצו נאָר שבת דאַווענען. דו וועסט דאַנקען גאָט, ווען דו וועסט היינט, פרייטיק־צונאַכטס דאָרט עמעצן געפינען. זאָל איך דיר שוין שטעלן דעם סאַמאָוואַר, אָדער דו וועסט אפשר פון וועג כאַפּן פריער אַ דרעמל?

— אַז נישט אין באָד, וועל איך כאָטש אַ דרעמל טון...

זי האָט אים פלינק צורעכט געמאַכט דאָס בעט.

— כ'וועל דיך אָבער לאַנג נישט לאָזן כראַפּען. אין אַ

שעה אַרום שטעל איך דעם סאַמאָוואַר, און ווי נאָר דער סאַ־מאָוואַר וועט אָנהויבן רעדן, וועל איך דיך אַרויסשלעפּן פון בעט. צו וועטשערע, זאָלסטו וויסן, האָב איך געפילטע פיש מיט כריין, אַ יויך מיט פאַרפל, אַביסל בראָנפן... דו וועסט דיך שוין, שוואַרצער טייוול, גוט באַלעקן. דערווייל קאָנסטו כראַפּען אויף וואָס די וועלט שטייט. דו דאַרפסט דאָך צומאַכן בלויז איין אויג, כדי אַנטשלאָפן צו ווערן...

זי איז אַרויס און צוגעמאַכט נאָך זיך די טיר. אברהם־איציע האָט זיך געזעצט אויפן בעט און לאַנגזאַם אויסגעטון די שטיוול. פון דעם וועג איז ער געווען שטאַרק מיד און צעבראָכן. דערהויפּט אָבער איז אים דער מוח אינגאַנצן פאַר־נעפּלט און צעפּלאָנטערט. עפּעס קאָן ער זיך גאָרנישט אַרויס־געפינען. פון איין זייט ציט אים דער ווילדער וואַריאַט ווי מיט אַ מאַגנעט אין שערוריה, אין אָפּגרונט; און פון דער אַנ־דערער זייט ראַנגלט זיך דאָס יידישע בלוט, דער יידישער קנייטש. דער טרויעריקער געזאַנג פון דער לויה מיט דעם געהרגעטן גאָט שטעקט אים אין אַלע גלידער און די אַרומיקע גויישקייט שטיקט אים פון אינעווייניק. וואָס ס'וועט זיין, וועט זיין. ער ווערט פאַר קיין זאַך נישט נתפעל. אַ דאגה אַ גרוי־סע! נאָר דערווייל וואָלט ער וועלן כאָטש אויף אַ פּאָר טעג זיך אָפּוואַשן פון דער גויישקייט. כאָטש אויף אַ פּאָר טעג קו־מען צו זיך. פילט ער מיט אַלע כוחות, אַז ווען ער וואָלט איצט ביי זיך אין שטעטל געגאַנגען אין באָד, וואָלט ער טויזנטער גויישע לויות געהערט פאַר אַ גראָשן. ער וואָלט איצט בפועל ממש דאָס לעצטע אָפּגעגעבן פאַר אַן ערב־שבת־דיקער באָד און ער וואָלט...

אברהם-איציע האָט זיך אין די זאָקן געלייגט אונטער דער קאָלדערע, און גוט צודעקנדיק זיך, האָט ער מיט דעם גאַנצן גוף, מיט לייב און לעבן, געחלשט נאָך אַן ערב־שבת־דיקער באָד. דאָרט ווערט דאָך די נשמה אַליין לייכטער און ריינער. איצט, פרייטיק נאָך האַלבן טאָג, איז די רעכטע צייט, ווען ער גייט ערב־שבת אין באָד. דאָרט ביי דעם אַריינגאַנג

זיצט גרשון, דער בעדער, וואָס האָט אָפּגענומען ביי קהל די באָד אויף ארענדע, זיצט ביי אַ טישל און נעמט אָפּ באָד־געלט. נישט ווייט פון אים רעכטס אין אַ ווינקל ליגט אַ הויפן בעזעמער. און אַז מ׳גיט גרשונען דריי קאָפּיקעס באָד־געלט, ווייסט מען זייער גוט, אַז אַ גרויסער טייל גייט אויף קהל און דאָס איבעריקע גייט פאַר גרשונען, אַ ייד אַ מטופל, וואָס דאַרף האָבן אויף ברויט, אויף שבת, אויף אַ מלמד... אַ וווילער ייד אָט דער גרשון, אַ שיינער בעל-תפילה. קלויבנ־דיק אַ בעזעם, טוט ביי אים אברהם-איציע אַ פרעג:

— זאָג נאָר, גרשון, דעם אמת, ס׳איז היינט פאַראַן היץ אין באָד?..

מיט אַן אויסגעקליבענעם בעזעם גייט מען אַריין אויס־טון זיך אין אַ שמאָלן קילן חדר מיט פּאָליצעס אויף די ווענט. דאָרט זיצן איינס אין איינס אַלטע גוטע ברידער, אַ פּאָר „לאסקאדריגעס", מלמדים, יחיאל דער שוחט מיט די פאות, עטלעכע גבירים, גראָבע פופקעס... און ביים אויסטון זיך כאַפּט מען אויף איין פוס אַ שמועס, אַמאָל אַ בייזער, אַמאָל אַ ווערטל אויף די מיוחסים... דאָ זענען אַלע גלייך — אין טאַטן זיי אַריין! די זאַכן פאַרפּאַקט מען אין די קאַפּאָטעס און מ׳פאַרבינדט דאָס פּעקל טיט די אַרבל פון דער קאַפּאָטע. און יאָסע דער שומר טאַראַרמט און וואַרפט די פּעקלעך אויף די פּאָליצעס. איצט גייט מען אַריין אין אַ צווייטן, אַ ברייטערן חדר, וווּ מ׳צאַפּט הייסע און קאַלטע וואַסער פון די קראַנען. אויף די בענק זיצן יידן מיט אָנגעגאָסענע שעפלעך, טונקען דאָרט זייערע נאָז־פאַטשיילעס, רייבן און זייפן די פלייצעס. נאָר ער, אברהם-איציע, האָט פיינט אָט אַזאַ פוסט וואַשעניש. ער פאַרפאַרעט דעם בעזעם, גיסט זיך אָפּ מיט אַ שעפל וואַסער און לויפט גלייך אין שוויץ־באָד. דערזעט מען אים און...

אברהם-איציע האָט זיך איבערגעקערט אויף דער אַנדע־רער זייט, און שמייכלענדיק ווייטער געטראַכט וועגן דער באָד, גלייך ווי ער וואָלט דאָרט יאָרן־לאַנג נישט געווען.

... דערזעט מען אים אין שוויץ-באָד, לויפן אַלע אַראָפּ פֿון די פּאָלקעס. די מעשה איז אַזוי. אין שטעטל האָבן אַלע ליב אַ שוויץ־באָד און גרויסע היץ, נאָר מיט אברהם־איציען קאָן זיך קיינער נישט פּאַרמעסטן. גלייך גיסט ער איינס נאָכן אַנדערן, הייסע שעפּלעך וואַסער אויף די גליענדיקע שטיינער. ס׳הויבט זיך אויף אַזאַ היץ, אַז אַ סך לויפן אַרויס און נאָר אייניקע בלייבן זיצן אויף דער הינטערשטער באַנק. כאַפּט ער זיך אַרויף אויף דער סאַמע אויבערשטער פּאָלקע און הויבט זיך אָן אָקאָרשט צו בעזעמען—ממש פונקען פליען. דערביי שרייט ער און לעכצט: „אָט אַזוי, אָט אַזוי — יונגאַטשעס. ציגענע בעבקעס...” אין אַ ווײַלע אַרום זעצט ער זיך אויף אַ רגע אָפּרוען און באַלד רופט ער זיך אַליין אַרויס צו באַדינען און בעזעמען די „לאסקאדריגעס”, אָט די אָרעמע דאַרע מלמדים, וואָס טוקן זיך גאַנצע טעג אין בית־המדרש און האָבן כּסדר צו טון מיט די שוואַרצע פּינטעלעך. באַזונדערס, האָט ער דאָס חיות ליב געהאַט צו בעזעמען ישעיה דעם מלמד. דאָס צעהיצטע בלוט לויפט געשווינד אין די אָדערן און ער דערפילט, אַז די היץ איז אַזוי ערב־שבתדיק, ווי די אויסגעפּוצטע מעשענע לייכטער, וואָס שטייען שוין אינדערהיים אויפן טיש און וואַרטן אויף ליכט־בענטשן. כאַפּט ער זיך אַרויף צום לעצטן מאָל נאָך אויף אַ ווײַלינקע אויף דער אויבערשטער פּאָלקע. אייניקע שאָקלען אויף אים מיט די קעפּ: „וויפל איז אַ שיעור, אברהם-איציע, צו ברענען?” דער גאַנצער קערפּער איז ביי אים טאַקע פייער רויט און גליענדיק, ער שפּרינגט אַראָפּ און גיסט זיך אָפּ מיט אייז־קאַלטן וואַסער. באַקומען אַלע זיינע גלידער אַ פעסטקייט פון אויסגעגליט אייזן. און דערפילנדיק אַ זיס־פאַרשפּורנדיקע מידקייט, לאָזט ער זיך דורכן וואַש־חדר אין מקוה אַריין. דאָרט גייט ער אַראָפּ אויף טרעפּלעך, אַוודאי אַ פערציק טרעפּלעך, אין דער טיף שטייענדיקער מקוה, וואָס איז ליבלעך שטיל, זעט אויס געלבלעך און האָט אַ געמישטן ריח פון געפּאַרעטע בעזעם־בלעטער און איבערגעקאָכט וואַסער. ער דערזעט דאָרט אָרעמע, דאַרע בטלנים מיט גרויסע

פאות און לויכטנדיקע פנימער, וואָס טוקן זיך אָפּ מיט גרויס כוונה. ווערט עפּעס די מקוה נאָך טיפער און שטילער. למאי זאָל ער לייקענען — ער האָט אַזוי ליב אָט דאָס שטילע ליבלעכע מקוה־וואַסער, וואָס לאָזט יעדן צו זיך אַריין און שענקט יעדן אַביסעלע טהרה און כשרקייט. און אַז ער קומט... אַז ער קומט... קומט...

אברהם-איציע איז פּלוצים אַנטשלאָפן געוואָרן, איבערלאָזנדיק אַ מאָדנעם שמייכל אויפן פּנים. נאָר אין שלאָף ווערט אים דאָס האַרץ פאַרקוועטשט, אַ באַהאַלטענע בענקשאַפט צעגיסט זיך אין אַלע זיינע גלידער, פאַרקלויבט זיך אין די סאַמע פאַרבאָרגענע ווינקלען אין דער נשמה און וועבט זיך אַריין בגנבה אין דעם שלאָפנדיקן מוח. אברהם-איציע קרעכצט, קערט זיך איבער אין שלאָף אויף דער אַנדערער זייט, לייגטביידע הענט אונטערן קאָפּ, זיפצט הילכיק פון שלאָף. וואָס טוט זיך עס? וואָס וועט דאָ זיין? פרעג נישט, אברהם-איציע, אַז אָך און וויי איז צו דיר! וואָס איז? פאַרוואָס? נישטאָ וואָס צו רעדן, אברהם־איציע, ס'איז פאַרפאַלן און גאָר! ווערט אים דאָס האַרץ נאָך מער פאַרקוועטשט, ס'פאַרכאַפּט אים דער אָטעם. וואַרפט ער זיך אַ גאַנצע ווײַלע אומרויק אין בעט און בלייבט ווייטער ליגן אויף אַ זייט פאַרגליווערט אין אַ אַנגסטלעכן שלאָף. און אָט לויפן אַוועק אַלע רעיונות, נאָר פאַרן שלאָפנדיקן מוח באַווייזט זיך אַ גרויסער פּלאַץ, וואָס ציט זיך אָן אַ סוף און איז באַלויכטן מיט אַ מאָדנעם געלבלעכן שיין. קיינער איז, דאַכט זיך, אויף דעם פּלאַץ נישטאָ, און פונדעסטוועגן ציט עס און רופט עס פון טויזנטער עקן אַ מאוימדיק שטיל וויי־געשריי. געוואַלט, ווו טוט מען זיך אַהין? פּלוצים קומט אָן לאַנגזאַם פון דער ווייטן אַ מיטל־וווקסיקער מענטש, קענטיק אַ מלמד, מיט אַ צעריסענעם פּאַלטאַכל אויף די דאַרע פּלייצעס, די רעכטע האַנט אין גאַרטל אַריינגעשטעקט. אברהם-איציע דערקענט אים גלייך, לויפט מיט שמחה אים אַנטקעגן און שטרעקט צו אים אויס די הענט בעטנדיק:

— ר' ישעיה....

—ר׳ ישעיה...

יענער טוט אויף אים אַ קוק מיט זיינע גוטע, קלוגע אויגן. באַנעמט אים מיט איין בליק און באַקומט אויף אים גרויס רחמנות.

— קום שוין, אברהם-איציע. מיט מיר אין מקוה — וועל כ׳דיך נאָך קאָנען ראַטעווען... אַז אַ גוי איז זיך מגיר, מוז ער גיין אין וואַסער, און אַז, אַ ייד פאַלט אַריין, נישט פאַר איינעם געדאַכט, אין שמד, מוז ער טון תשובה און גיין אין וואַסער. קום שוין, די מינוט..

רייסט זיך פלוצים אויף ביי אברהם-איציען דער ווילדער וואַריאַט און צעפייפט זיך אויפן גאַנצן פלאַץ. אברהם־איציע קאָן אים גאָרנישט איינהאַלטן דעם וואַריאַט. יענער קריצט מיט די ציין און האַלט די פויסטן אַנטקעגן הימל:

— כ׳וועל דעם הימל נישט פאַרשווייגן. גייט אייך, לאָס־קאַדריגעס, אַליין אין דער פאַרשמעקטער מקוה. כ׳לאַך פון אייער טאַטן...

ווערט ישעיה, דער מלמד טויט בלאַס פון שרעק און ווייטיק. אברהם־איציע קאָן זיך נישט איינהאַלטן און צעוויינט זיך אויף אַ קול! פלוצים האָט מען אים אָנגעהויבן טרייסלען און וואַרפן. אברהם-איציע האָט זיך אויפגעכאַפּט און דערזען, אַז אַנושקע וועקט אים מיט אַלע כּוחות.

— וואָס וויינסטו אַזוי, משוגענער, מ׳ועט זיך באַלד פון דער גאַנצער גאַס צונויפלויפן. שטיי שוין אויף גיכער — דער סאַמאָוואַר שטייט שוין פאַרטיק אויפן טיש. גיכער, גיכער...

אברהם־איציע האָט זיך אויפגעזעצט און זיך פאַראומערט אַרומגעקוקט. רער גאַנצער שלאָף איז אים געלייגן ווי שווע־רער בליי אויף דער נשמה. איז ער פלינק אויפגעשטאַנען, זיך אַ וואַש געטון מיט קאַלט וואַסער. מיט איין קער האָט ער אָפּגעטרייסלט פון זיך אַלע בייזע חלומות. פוסטע זאַכן! ער האָט זיך געזעצט מיט אַנושקעןביים טיש טרינקען טיי. איז אָבער אַנושקע לויט איר שורש פאָרט פון אַ יידיש שטעטל. דער טיש איז ביי איר באַדעקט מיט אַ טישטוך, ס׳שטייען

אפֿילו צוויי לײַכטער מיט ליכט, גרייט צום ליכט־בענטשן. נישט ווייט אויף דעם קאָמאָד אין ווינקל איז געשטאַנען אויף אַ מעשענער טאַץ אַ זודיקער סאַמאָוואַר מיט אַ ווייסן טשייניק פֿון אויבן — אַ געדיכטע פּאַרע האָט זיך געטראָגן פֿון סאַמאָוואַר אין דער הויך.

וואָס זאָגסטו אויף איר—טאַקע אַ גאַנצע רביצן! אברהם־איציע האָט זיך דערפֿילט ערב־שבתדיק און מיט גרויס חשק געטרונקען אַ פּרייטיקדיק גלאָז טיי. ער האָט געטרונקען איין גלאָז נאָך דעם אַנדערן און איז געוואָרן שטאַרק אויפֿגעלייגט.

— בײַ דיר איז דאָ, אַנושקע, גאָרנישט שלעכט, ווען דו וואָלסט נאָר נישט זידן שטענדיק ווי דער סאַמאָוואַר. זאָג מיר נאָר, ווי גייט מען דאָ צו אייך אין שול. דו זאָג מיר די גאַס — וועל איך זיך שוין דערפֿרעגן...

— די שול איז אויף אַנדרעיעווסקע גאַס אין באַלאַבאַנס הויז, דו זאָלסט דאָרט אַרײַנגיין אין הויף אויפֿן צווייטן שטאָק. וואָס גלאָצסטו אַזוי די אויגן אויף די ליכט? בײַ אונז אין שטאָט האַלטן אַלע יידישע ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן פֿון ליכט־בענטשן. דאָ איז פֿאַראַן אַפֿילו אַ סיביריאַק, אַ געשמדטער — צינדט ער אויך אָן פּרייטיק ליכט, מאַך נאָר נישט אַזאַ פּנים. ווילסטו לעבן בײַ אונז אין שטאָט, מוזטו זיך אַרויסשלאָגן פֿון קאָפּ דײַנע באַרדיטשעווער שטיקלעך, און...

אברהם־איציע האָט אויפֿגעזאַדן.

— און איך זאָג דיר, געשמאַטער האַלז, אויב דו ווילסט באַהאַלטן דעם קאָפּ אויף די פּלייצעס, זאָלסטו מיך נאָר נישט לערנען קיין שכל. הערסטו!..

אין אַ ווײַלע אַרום האָט אַנושקע געבענטשט ליכט, וואָס האָבן שבתדיק שטיל און פֿאַרטראַכט געלויכטן אַנטקעגן די פֿענסטער, דורך וועלכע ס׳האָט אַרײַנגעקוקט אַ וואַכעדיקער פֿאַרנאַכט פֿון אַ גוישער שטאָט. אברהם־איציע האָט אָנגעטון די שבתדיקע קאַפּאָטע און זיך געלאָזט גיין אין שול.

אברהם־איציע איז שוין אָפּט געווען אין גוישע שטעט אין טיף־רוסלאַנד, נאָר איצט האָט ער זיך עפּעס גאָרנישט גע-

קאָנט אַרויסגעפינען. אָט ווי אַ ליכט איידער עס פאַרלעשט זיך, ראַנגלט זיך מיט דעם אייגענעם שוואַרצן סוף און רייסט זיך אַלע ווײַלע אויף אין קראַמפּנדיקע גסיסה־פלאַמען. אַזוי האָט זיך אין אברהם־איציען די איינגעוואָרצלטע יידישקייט געראַנגלט מיט דעם ווילדן וואַריאַט, וואָס איז שוין געשטאַנען מיט איין פוס פון יענער זייט אָפּגרונט בײַ דעם געהרגעטן גאָט, האָט געצויגן, געבּרענט און גאווהדיק געקיצלט די נשמה. האָט זיך אברהם־איציע געקלאַמערט אָן דעם שבת, וואָס אין שטעטל גליט ער אַרויס פון יעדן ווינקל און וואָס אָבער דאָ בײַ די ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן איז ער, דער שבת, אַליין אַ שוואַכינקער, אַ בלאַסער — קוים וואָס ער אָטעמט. בײַ אברהם־איציען איז דער מוח גאָר צעפּלאָנטערט, עפּעס לעכצט ער און זוכט... נאָר דאָס אַלץ האָט אינעווייניק נאָך מער פאַרשטאַרקט דאָס שוואַרצע פייער, וואָס האָט אין אַ קאַרגער וואָך אַרום אַזוי גיך און אַזוי ווילד אויפגעריסן.

מ׳האָט שוין אָנגעצונדן אויפן גאַס די לאַמטערנס, ווען אברהם־איציע איז אַרויף אויפן צווייטן שטאָק אין שול אַרײַן. אַרײַנקומענדיק איז ער פאַרחידושט שטיין געבליבן אַ ווײַלע אויפן שוועל. דאָס איז געווען אַ גרויסער ברייטער חדר, וואָס האָט אויסגעזען עפּעס אומבאַוווּינט און פאַרלאָזט. אַ גאַנצע וואָך איז די שול געשלאָסן און נאָר שבת ווערט זי געעפנט צום מנין. איז די לופט עטוואָס פייכט און קיל און לאָזט זיך נישט מיטאַמאָל פון דער געהייצטער הרובע דורכנעמען. אויפן עמוד ברענען איצט צוויי ליכט און פון דער מזרח־וואַנט האָבן צוויי הענג־לאָמפּן מאָדנע אַראָפּגעלויכטן אויף דער קילער שול. עטלעכע מענטשן, קוים אַ מנין, זענען געשטאַנען צעשפּרייט אַרום דער מזרח־באַנק, מײַנסטנס האָבן געהאַלטן סידורים אין די הענט און געשוויגן.

— אָ, אָט איצט איז אַקוראַט צען מענטשן! — דאָס האָט אַ זאָג געטון צו אברהם־איציען אויף רוסיש אַ הויכער געזונטער פאַרשוין אין אַ האַלב־סאָלדאַטישן רעקל מיט אַ שטייפער טונקל־געלבער און קורץ־געשוירענער באָרד. ער איז געווע־

דער שמש פון דער שול, וואָס האָט אויך געדינט פּאַר אַ פּייקלער ערגעץ אין אַ פּריילעכן רעסטאָראַן.

אברהם-איציע האָט אויסגעשטן דעם פעלץ, זיך געשטעלט ביי דער קליינער בימה. ער האָט אַ ווײלע געקוקט אָט אויף די מאָדנע נפשות און זיך גאָרנישט געקאָנט אָפּוווּנדערן. אַזוינע ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געזען. ס'האָט זיך באַזונדערס געוואָרפן אין די אויגן איינער אַ מיטל-ווּקסיקער, דאַרינקער, עלטערער מענטש מיט אַ גלאַט ראַזיר-טער באָרד און פאַרדרייטע ווייסע וואָנציעס. ער איז געשטאַ-נען ביי דער מזרח-וואַנט אין אַ מאָדנע בלויען סורדוט, און אויף דער ברוסט איז ביי אים געהאָנגען אויף אַ שנור אָן אַ צאָל מעדאַלן. וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנשיקעניש? אברהם-אי-ציע האָט זיך נאָכגעפרעגט ביים שמש. אַהאַ! דאָס איז יאַקאָוו איסאַיעוויטש, דער געוועזענער ראָטנער פעלדשער, פון וועמען פּוכאַיקאָוו האָט היינט פאָרנדיק דערציילט. און אָט איז גע-שטאַנען אין אַ ווינקל אַ ברייטפּלייציקער ייד מיט אַ שוואַרצער באָרד, ער שטייט אָנגעבויגן מיט אַ סידור אין דער האַנט, די אויגן זענען אים פייכט פון תּפילה-טרערן און אומאויפהערלעך שעפּטשעט ער עפּעס פאַרפרומט מיט גרויס התלהבות. דאָס איז געווען אַ אירקוטסקער פרומאַק (אַלע האָבן אים גערופן: דער אריקוטסקער), אַ פאַרחלשטע בענקנדיקע נשמה, וואָס האָט זיך מיט לייב און לעבן געריסן צום אויבערשטן, האָט אָבער נישט געוווּסט וואָס און ווי אַזוי, האָט ער אָפּט געפּאַסט און זיך פאַרשמאַכט אומבאַהאָלפן געקלאַמערט אָן סידור. ער האָט געטרוימט צו פאָרן אין ארץ-ישראל אויף די „הייליקע קברים". ס'האָט פון אים געווייעט אַ מאָוימדיקע אומבאַהאָלפנקייט פון אַ הייסער יידישער נשמה, וואָס קאָן נישט אין דער פרעמד זיך דערקלויבן צום יידישן שורש.

ס'האָט זיך אויסגעטיילט דער שוחט, אַ מענטש פון מיטעלע יאָרן, אין אַ קורצן סורדוט, מיט קלוגע אויגן און אַ שיין-שוואַרץ בערדל, נאָר מאָדנע פאַרשלאָפן און קאַלטבלוטיק.

אברהם-איציע האָט זיך איינגעבעטן, מ'זאָל אים לאָזן

צום עמוד. ער האָט אָנגעטון אַ טלית, און פינקלענדיק מיט דעם רעכטן אויג, האָט ער, שטייענדיק ביים עמוד, מיט אַ חזניש־אויפברויזנדיק קול אַ געשריי געטון: „לכו נרננה". זענען אָבער זיינע אויפברויזנדיקע קולות גלייך אין דער לופט געבליבן הענגען. קיינער האָט זיך נישט אַ קער געטון, אַלע האָבן געהאַלטן ווי פריער די סידורים און קוים גערירט מיט די ליפּן.

דער „אירקוטסקער" האָט ווי תמיד ביי זיך אין ווינקל הייס געשעפּטשעט און געכליפּעט. נאָר דער שמש האָט פון הינטן אַ געשריי געטון אויף רוסיש אברהם־איציען אין פּליצע אַריין:

— וואָס האָרלאַניסטו, שוואַרצע באָרד?..

אברהם־איציע האָט זיך באַגאָסן מיט אַ קאַלטן שוויס און קוים דערדאַוונט ביז צום סוף, נאָכן דאַווענען איז צו אים צוגעגאַנגען אַליין יאַקאָוו איסאַיעוויטש, האָט צו אים פריינטלעך געשמייכלט און אַ זאָג געטון אויף רוסיש:

— דאָס זענט איר דאָך היינט געקומען איגדערפרי מיט פּולטיקאָוון. ער האָט מיר פּאַרנאַכט פון אייך דערציילט און שטאַרק געלויבט. איצט פאַרשטיי איך דאָס טאַקע. האַלט מען זיך פעסט ביי דער אייגענער אמונה, נעמט מען אויס ביי די גרעסטע שררות. נאָך מיט דרייסיק יאָר צוריק האָט מיך דער ראָטנער קאָמאַנדיר...

אברהם־איציע האָט אים אומגעדולדיק איבערגעריסן און אַ זאָג געטון אויף רוסיש:

— זאָגט מיר נאָר איין זאַך. איר האָט אַזוי פיל מעדאַלן, אַז זיי לייגן זיך קוים אויס אויף אייער ברוסט—וואָלט איר כאָטש אַ פּאָר מעדאַלן אויפגעהאָנגען ביי זיך אויף דעם הינטער־חלק (דאָס לעצטע וואָרט האָט אברהם־איציע זייער געדיכט און גראָב אויסגעדריקט)...

אייניקע האָבן זיך צעלאַכט. יאַקאָוו איסאַיעוויטש האָט זיך אָנגעצונדן פון כעס און געוואָלט אברהם־איציען באַצאָלן. איז אָבער אברהם־איציע אונטער די הענט נישט געוואָרן. מיט

דעם פּעלץ אין דער האַנט איז ער ווי אַ בליץ פון שול פאַרשווונדן.

אויף מאָרגן האָט זיך אברהם־איציע אויפגעכאַפּט אַ פּאָר שעה פאַרטאָג. נישט אומזיסט איז ער דאָך געווען יאָרן לאַנג אַ גאַנצער שיסער אין חברה תהילים און פלעגט כמעט שטענדיק, זומער און ווינטער, אָפּזאָגן שבת פאַרטאָג אין בית־המדרש מיט אַ קנאַקנדיקן מנין דעם גאַנצן תהילים. איצט האָט ער זיך אין דער פינסטער אָנגעטון און אָנגעהויבן מיט דעם געוויינלעכן ניגון זאָגן די קאַפּיטלען תהילים, וואָס ער קאָן אויף אויסווייניק. האָט זיך אַנושקע אין שרעק אויפגעכאַפּט, אַראָפּגעשפּרונגען אין איין העמד און אים געמאַכט אַ שוואַרצן סוף, למאי ער הויבט אויף אַ גאַנצע שטוב מיט שכנים אויף לייטיש געלעכטער. אברהם־איציע האָט איר גאָרנישט געענטפערט. ער האָט איצט פאַר זיך שטילערהייט געשעפּטשעט דעם תהילים. אַזוי עקשנותדיק האָט זיך אברהם-איציע געקלאַמערט אָן דעם שבת, וואָס זאָל אים, הייסט דאָס, ראַטעווען פון זיך אַליין. איז אָבער דאָ ביי די היגע ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן דער שבת אַליין אַ געפאַנגענער און וואַרט, אַז מ׳זאָל אים, דעם שבת, אויסלייזן.

אַרום פאַרנאַכט האָט ער זיך גאָר קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. ער האָט אָנגעטון דעם פּעלץ און איז געלאָפן אויף אַנדרעיעווסקע גאַס אין שול. דאָרט איז איצט קיינער נישט געווען, נאָר אין ווינקל איז געשטאַנען דער „אירקוטסקער” אָנגעבויגן אויף זיין שטייגער מיט אַ סידור אין דער האַנט. אין שול איז זייער קאַלט געווען — די אינדערפרי געהייצטע פּרובע איז שוין שטאַרק אָפּגעקילט געווען — מ׳וועט זי שוין נישט הייצן ביז צום קומענדיקן פרייטיק. און דורך די פענסטער האָט אַריינגעקוקט אַ שווער-פּראָסטיקער בין־השמשות. אברהם־איציע האָט דעם פּעלץ נישט אויסגעטון, האָט אַרויסגעפונען אַ תהילים און צוגעגאַנגען צום פענסטער. פּלוצים האָבן צענדליקער גלעקער פון נאָנטע און ווייטע קלויסטערס אנגעהויבן ערב־זונטיקדיק צו קלינגען, דאָ איז אַ טיף-רוסישע

שטאָט, וואָס איז איינגעטונקט אין קלויסטערס און קירכן. פֿון פֿאַרשידענע זייטן און עקן האָבן גלעקער אונטער הויכע געוועלבער אומהיימלעך גערעשט. אַלערליי קלאַנגען האָבן זיך אָן אַן אויפֿהער געגאָסן אין דער פּראָסטיקער לופֿט און אויף זייער קלויסטער־שטייגער גערודערט. האָט אין אברהם־איציען אויפֿגעפֿלאַקערט דער ווילדער וואַריאַט, וואָס האָט מיט אַ טיפֿן קיצל אַ בּרען געטון די נשמה און זי געצויגן אין ווייטן אָפּגרונט, אין דער פֿינסטערער שערוריה, צום געהרגעטן גאָט. אַברהם-איציע איז אָפּגעשפּרונגען פֿון פֿענסטער און געבליבן אַ ווײַלע שטיין. אין דער קאַלטער טונקעלער לופֿט האָט מען קוים געזען דעם ארון־קודש. האָט אברהם־איציע מיט חוצפּה אויפֿגעהויבן די אויגן צום אָרון־קודש, וואָס שווייגט זיך רויק, בשעת ווײַנענדיקע מאַמעס רייסן אין דעם פּרוכת אויף זייערע גוססדיקע קינדער; ער וועט זיך אָפּרעכענען מיט די אייביקע הימלען, ער וועט...

ער איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון בית-המדרש. קומענדיק אַהיים, האָט ער פֿונדעסטוועגן געדאַוונט מעריב, איז אָבער געווען שטאַרק מונטער און לעבעדיק און דאָס רעכטע אויג האָט בײַ אים געפֿונקלט. נאָך מעריב האָט ער איבערגעטון די וואָכעדיקע קאַפּאָטע און פֿאַרוויכערט אַ פּאַפּיראָס. ער האָט אָנגעטון דעם פּעלץ, און שוין שטייענדיק אויפֿן גאַס, האָט ער אַ געשריי געטון חוצפּהדיק אין דער לופֿט און זיך געלאָזט גיין צו פּוכטיקאָוון.

צו פּוכטיקאָווס הויז קומט מען דורך אַ לאַנגן ברייטן הויף, וואָס איז אַרומגעבויט מיט שטאַלן און שפּײַכלערס און וואָס ווערט פֿאַרנאַכט אָפּגעשפּאַרט. אברהם־איציע האָט אַ צי געטון דאָס דראָטענע הענטל פֿון אַ ווײַט הענגנדיקן גלאָק. האָבן באַלד פֿון הויף אַ מחנה הינט אָנגעהויבן צו בילן. פּעדקע האָט געעפֿנט די פֿורטקע. דערקענענדיק אברהם־איציען, האָט ער אַראָפּגענומען דאָס היטל.

— דער פּריץ איז נאָך אין קלויסטער, זיי וועלן באַלד קומען. אַנאַסטאַסיע אַנדרייעוונאַ זענען אינדערהיים...—אַנאַסטאַסיע אַנדרייעוונאַ איז פּונקטקאָוס טאָכטער, אַ יונגע אַלמנה.

אברהם־איציע איז דורכגעגאַנגען מיט פּעדקען דעם לאַנגן הויף, האָט זיך גייענדיק געררייצט מיט די הינט, וואָס האָבן מחמת פּאַרטרויען צו פּעדקען בלויז פון דער ווייטנס געבילט אויף דעם אָנגעקומענעם. שוין אין פּאָדער־צימער האָט אברהם־איציען, ווי אין לאַשעווסקעס הויז, נאָך שטאַרקער אַ קלאַפּ געטון אין נאָז יענער זיס־זויערער שאַרפער ריח, וואָס מ׳טרעפט אָפט ביי אייגנעפונדעוועט פּאַרפרומטע גויישע באַלעבאַטים. ער איז אַריין אין אַ ברייטן וואוין־צימער, וואָס איז שוין, אפנים, געווען אויף זונטיק אויפגערוימט. די אַלטמאָדישע קאָמאָדן און די שווערע קאַסטנס אַרום די ווענט זענען אויסגעפּוצט און באַדעקט מיט גראָבלעכע קאָלירענע שטאָפן. דער שאַרפער זיס־זויערער ריח ווערט דאָ עטוואָס ווייכער דורך דעם פּעטלעכן ריח פון בוימל, וואָס טראָגט זיך פון דער ברענענדיקער לאמפּאדע אונטער דער איקאָנע. אויך פון דעם נאָענטן פינסטערן זאַל האָט פון אַ ווייטן ווינקל דאָרט טונקל געלויכטן אַ רויטלעכע לאמפּאדע. אויף דעם פעסטן פירעקעדיקן טיש איז געווען אָנגעצונדן אַ לאָמפּ מיט אַ קיילעכדיקן קנויט, און אַרום טיש איז געשטאַנען אַ ווייכער, וואַרעמער, געמיטלעכער דיוואַן. און אָט איז מיט פעסטע שנעלע טריט אַריינגעקומען אַ יונגע געזונטע גויע.

— אָ, מיט אַ גוט אָנקומעניש! דאָס זענט איר דאָך אַבראַם, וואָס איז נעכטן אָנגעקומען. דער טאַטע וועט באַלד קומען פון קלויסטער, ער האָט געבעטן, איר זאָלט וואַרטן אַ ווײַלינקע. פאַרוואָס טוט איר נישט אויס דעם פּעלץ — גיט מיר, כ׳וועל אייער פּעלץ אויפהענגען...

זי איז אַוועק מיט דעם פּעלץ און אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זיך דערהערט איר קרעפטיקע שטימע:

— פּאַרזיכטיק, פּאַרזיכטיק — סאַמאָוואַר!

זי האָט מיט שנעלע טריט אַריינגעטראָגן אַ משונה־גרויסן

זודיקן סאַמאָוואַר און אים אַוועקגעשטעלט אויפן טיש. זי האָט דערביי אַפילו קיין קרעכץ נישט געטון, גלייך ווי ס'וואָלט פאַר איר גאָר קיין אָנשטרענגונג נישט געווען. און כאָטש די פאַרע האָט מעכטיק געשלאָגן אין דער הויך, האָט זי נאָך אַ בלאָז געטון אין סאַמאָוואַר אַזוי, אַז פונקען האָבן זיך פון אים ווייט געטראָגן. אברהם־איציע האָט זיך אַ הויב געטון פון אָרט.

— אָ, אַנאַסטאַסיע אַנדרייעוונאַ, איר זענט אַ ברען אַ ווייבל. מיט איין בלאָז מאַכט איר פון אַ פונק אַ גאַנצע שרפה. זאָגט מיר נאָר, ווער טרינקט עס ביי אייך אויס אַזאַ גרויסן סאַמאָוואַר?..

אַנאַסטאַסיע האָט זיך צעלאַכט.

— נישקשה, ביי גוטע געסט דאַרף מען נאָך אָפט דער־גיסן דעם סאַמאָוואַר. אין פראַקטיקע נעכט איז בעסער וואָס מער דורכצושווענקען די געדערים מיט הייס וואַסער, דער טאַטע האָט נאָך געהייסן אָנגרייטן צוליב אייך אַביסל בראָנפן און...

זי האָט נישט געענדיקט אירע רייד, אָנהויבנדיק זיך שטאַרק פאָרען אַרום סאַמאָוואַר. זי האָט פאַרקאָכט טיי, אויס־געווישט און געשטעלט די גלעזער, אַרויסגענומען פון קאָמאָד און שאַנק פאַרשידענע זאַכן. זי האָט האַסטיק געגרייט צום טיש, אַריינשרייענדיק אַלע ווײַלע אין קיך אַריין צו דער קעכין. אברהם-איציע האָט פון איר קיין אויג נישט אַראָפּגענומען. אַזוי געזונט און פעטט און דערביי אַזוי פלינק און לייכט. ווי די גאַנצע שטוב אַרום, איז זי אויך האַלב פריציש, האַלב פויעריש אָנגעטון. פון דעם פאָטער האָט זי דאָס געירשנט אירע ברייטע געזונטע פלייצעס, פויעריש-טעמפּע זיכערקייט און האָרעפּאַשנע גרייטקייט אויף לייד און אַרבעט. זי פלעגט אַליין וואַשן גרעט און טון אַלערליי שוואַרצע אַרבעט. פון דער קרענקלעכער מוטער אָבער האָט זי באַקומען בלויע אויגן מיט אַ פאַרפרומט ליידנדיקן אויסדרוק ווי אויך אַ איגנערטענ־קע שטילקייט און אַ נייגונג צו טרערן. נאָר די דיקע רויטע

ליפן האָבן קוים צוגעדעקט די תּאווהדיקע ווייסע ציין פון אַ געזונטער דאָרפס־שיקסע.

און אָט האָט זיך געעפנט די טיר און פּוכטיקאָוו איז אַריינגעקומען אַ פּאַרסאָפּעטער. ווי אַלע מאָל נאָך דעם קלוי־סטער זעט ער אויס פייערלעך, פאַרפרומט, מיט קליינע פייכטע אויגן, סאַפּעט און קרעכצט. דערזען אברהם־איציען, האָט ער אויפגעלויכטן.

— ווי גוט ס'איז, ברודערל, וואָס דו ביסט געקומען צו טיי...

ער האָט אַרומגענומען אברהם־איציען און געזעצט אים ביים טיש נעבן זיך אויף דעם ווייכן דיוואַן. אברהם־איציע איז שטאַרק לעבעדיק און שיט מיט וויצן און ווערטלעך. פּוכ־טיקאָוו פינטלט מיט די אויגן און קוועלט. אַנאַסטאַסיע זיצט ביים סאַמאָוואַר, גיסט טיי, באַדינט דעם פאָטער און דעם פרייַלעך־רירנדיקן גאַסט.

— זאָל שוין אָבער, אַנדריי וואַסיליעוויטש, זיין גענוג מיט גלייכווערטלעך. לאָמיר רעדן צו דער זאַך. דערציילט מיר אָקאָרשט וועגן וואַלד. אָבער אַלץ זאָלט איר מיר דערציילן...

ביי פּוכטיקאָוון איז מיטאַמאָל געוואָרן (ווי תּמיד בשעת אַ געשעפטלעכן שמועס) אַ ערנסט פּנים, מיט דער שטענדיקער מינע פון פיינלעכער אומזיכערקייט און טעמפּ־עקשנותדיקער פאַרזיכט. צו אברהם־איציען קוקט ער אָבער מיט גרויס, כמעט קינדיש, צוטרויען. ער דערציילט מיט אָפּגעהאַקטע רייד וועגן וואַלד, וועגן די געבאָטענע מקחים, וועגן די קונים, וואָס ווילן שוין די קומענדיקע וואָך פאָרן זען דעם וואַלד. דערביי נעמט פּוכטיקאָוו אַרויס פון די זייטן־קעשענעס פּאַפּירלעך, אויף וועל־כע ס'זענען מיט אַ בליישטיפט געמאַכט פּאַסעקלעך, וואָס נאָר ער קאָן אויף זיין שטייגער עפּעס אויסלייענען.

הערט נאָר, אַנדריי וואַסיליעוויטש, וואָס כ'וועל אייך זאָגן. אַ וואַלד איז גאָרנישט קיין פּראָסטע זאַך און מ'דאַרף זיך גוט אַרומקוקן. איך בין טאַקע גישט קיין וואַלד־הענדלער, נאָר איך פלעג תּמיד אונטערהעלפן מיין שוואָגער, וואָס האַנדלט שוין יאָרן־לאַנג מיט

וואַלד. פאַר צוויי יאָרן האָב איך געהאַט אַ פרייע פאַר גראָשנס— האָב איך אינאיינעם מיט דעם שוואָגער געקויפט אַ וועלדל און גאַנץ שיין פאַרדינט. מיט איין וואָרט, איך פאַרשטיי שוין עפּעס אין אַ וואַלד. כ׳וועל שוין מאָרגן פרי פאָרן צו אייך אין וואַלד, אַרומקוקן אים אינאיינעם מיט די לעסניטשעס, דערווייל וועלן אונטערקומען די קונים, וועל איך ביי זיי אַ שמעק טון. איר קומט אויך דאַן צופאָרן אַהיגצו. איר מעגט שוין זיין זי־כער, אַז ביי מיר וועט מען שוין דעם וואַלד נישט פאַרנאַרן, איר פאַרשטייט?

פּאָלטיקאָוון איז דאָס שטאַרק געפעלן געוואָרן. ס׳האָבן אויף אים באַזונדער שטאַרק געווירקט דער זיכערער טאָן פון אברהם־איציען און זיינע פעסטע רייד. ער האָט כמעט ווי מיט התפעלות אויסגעשריגן:

— זייער ריכטיק, ברודערל, זייער ריכטיק. נישטאָ וואָס צו רעדן, דו פאַרשטייסט טאַקע אַ געשעפט און מ׳קאָן זיך אויף דיר פאַרלאָזן...

האָט זיך אַנאַסטאַסיע פון אַרום דעם סאַמאָוואַר אַ כאַפּ געטון און זיך געווענדט צום פאָטער. זי איז שוין לאַנג נישט געווען אויפן גוט און וואָלט וועלן אַ קוק טון דאָרט אויף דער ווירטשאַפט. וויל זי איצט אויסנוצן די געלעגנהייט און פאָרן מיט אַבראַמען אינאיינעם אין גוט, וואָס שטייט אויף דעם וועג אין וואַלד.

— גוט, נאַסטענקע, זאָל זיין אַזוי

זיי האָבן נאָך אַ ווײַלע גערעדט וועגן וואַלד און פאַר־שידענע געשעפטן.

— איצט קאָנען מיר, אַבראַם, נעמען אַפּיסל בראָנפן. גיב נאָר אַהער, נאַסטינקע, אַזאַ פאַרבייסן, וואָס דו פלעגסט דערלאַנגען פאַר מאָשקען...

מ׳האָט געטרונקען ביז שפּעט אין דער נאַכט. אברהם־איציע האָט אויף זיין שטייגער גערודערט. ער האָט געגעבל־טיקט ביי פּאָלטיקאָוון אויף דעם ווייכן וואַרעמען דיוואַן.

אויף מאָרגן גאַנץ פרי איז שוין געשטאַנען פעדקע מיט

דעם איינגעשפּאַנטן שליטן ביים טויער. אברהם־איציע איז אויף גיך אַוועקגעלאָפן צו אַנושקען, געגומען דאָרט דעם טלית און תּפילין און ערשט דערנאָכדעם איז ער אינאיינעם מיט אַנאַ־סטאַסיען אַוועקגעפאָרן.

7

אין אַ קורצער צייט האָט אברהם־איציע אָפּגעטון אַזוינע אומגעהויערע מעשים, אַז אפילו די האַלב־פאַרשלאָפענע ניקאָ־לאַיעווער סאָלדאַטן האָבן זיך אין שרעק אויפגעכאַפּט און ממש איינגעלייגט די וועלט. באַלד אָבער האָט עס אויך אויפגערו־דערט די גוישע באַפעלקערונג אין דער שטאָט און דער גאַנ־צער סביבה. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס אָט ווי אַזוי.

געקומען אין וואַלד, האָט אברהם־איציע אויף זיין זודיקן שטייגער געאַרבעט דורך די טעג. ער איז דורכגעגאַנגען מיט די לעסניטשעס כמעט דעם גאַנצן וואַלד און איבערגעציילט די בוימער. דערנאָכדעם האָט ער זיך געאַמפּערט מיט די אָנגעקומענע קונים, איז אַוועקגעפאָרן אין דער נאָנטער שטאָט און אַראָפּגעבראַכט נייע קונים, וואָס האָבן קאָנקורירט מיט די ערשטע. איינער אַ קונה האָט אים געוואָלט אונטערקויפן, האָט זיך אברהם־איציע מיט אים צעזידלט און ס'איז געקומען כמעט צו אַ געשלעג. פּוכטיקאָוו האָט זיך דערפון דערוווּסט און האָט זיך איצט פאַרגלויבט אָן אברהם־איציען, טאַקע גאָר ווי אין אַ הייליקן. אברהם־איציע האָט זיך דערשלאָגן, אַז מ'האָט גע־געבן פאַרן וואַלד אַנדערהאַלבן מאָל אַזוי פיל, ווי מ'האָט פריער געבאָטן. ער האָט באַקומען אַ סך מעקלעריי פון פּוכטי־קאָוון און פון דעם קונה און אַלע אינאיינעם האָבן אויף פּוכ־טיקאָווס גוט געמאַכט אַ שטאַרקן טרונק.

נישט נאָר פּוכטיקאָוו, נאָר אויך אַנאַסטאַסיע האָט זיך שטאַרק צוגעבונדן צו אברהם־איציען, וואָס האָט די גאַנצע צייט געקאָכט ווי אַ קעסל. דאָס רעכטע אויג האָט ביי אים

פּסדר געפּונקלט. פון אים האָט זיך געטראָגן עפּעס אַ פאַר־שפּורנדיקע אומרו, וואָס האָט מאָדנע פאַרכאַפּט פּוכטיקאָוון און זיין טאָכטער.ביידע האָבן זיי (יעדער אויף זיין שטייגער) מיט זייער פויערשן אינסטינקט אומבאַוווסט דערפילט אברהם-איציעס נשמה־ברען, וואָס קאָן אָט־אָט אין אַ משונה־פלאַקער אַרויספלאַצן און וואָס האָט אָבער אינערלעך אינסטינקטיוו זיי געצויגן און געבונדן. זיי זענען אַלע דריי אַוועקגעפאָרן צוריק אין שטאָט.

דאָרט האָט אברהם־איציע דערקלערט פּוכטיקאָוון, אַז ער האָט פיינט צו שלעפּן זיך אַרום פרעמדע פּאָלעס און וויל אויפעפענען אַ קראָם פון היטלען. ער וויל אַליין פאַרדינען זיין חיונה און בלויז אין גוט-פריינטשאַפט העלפן פּוכטיקאָוון, אויב ער וועט אים דאַרפן. דאָס איז פּוכטיקאָוון שטאַרק געפעלן געוואָרן.

— טו, ברודערל, ווי דו ווילסט. זאָל דיר גאָט העלפן. דו זאָלסט נאָר אַ קלער טון וועגן דער תבואה, וואָס איך האָב צו פאַרקויפן. כ׳האָב דיר שוין אַנומעלטן דערציילט...

ער האָט פאַרדונגען אברהם-איציען צוויי חדרים פון דעם לינקן פליגל, וואָס גייט אַרויס צום מאַרק צו. איין חדר פאַר אַ קראָם און דער צווייטער — אַ מין דירה פאַר אברהם־איציען. אַנאַסטאַסיע האָט מיט דעם גאַנצן האַרצן געהאָלפן אברהם-אי־ציען איינצואָרדנען די קראָם. זי האָט געוואַשן, געשייערט און צוזאַמען מיט פעדקען געהאָלפן אברהם־איציען אַריינטראָגן און צעשטעלן דאָס ביסל אָנגעקויפט מעבל. אברהם־איציע איז אַוועקגעפאָרן נאָך סחורה און אין אַ פּאָר טעג אַרום געעפנט די קראָם און אָנגעהויבן האַנדלען. האָט ער געבעטן אַנאַסטאַ-סיען און פּוכטיקאָוון, מ׳זאָל אים אַ פּאָר טעג לאָזן אַליין פאַר זיך. נאָר אויף דעם צווייטן טאָג נאָכדעם איז ער פאַר באַגי־נען געקומען צו פּוכטיקאָוון, וועלכער איז נאָר וואָס אויפ־געשטאַנען.

— אָט וואָס, אַנדריי וואַסיליעוויטש, כ׳וויל היינט, טאַקע שוין, אַריבערגיין אין אייער קריסטלעך גלויבן און...

— וואָס?

פּוֹטיקאָוו האָט אויף אים געקוקט דערשטוינט און דער־שראָקן, קוים וואָס ער האָט אַ וואָרט געקאָנט אַרויסרעדן.

— וואָס טוט זיך עס מיט דיר, ברודערל, וואָס טוט זיך עס...

— מאַכט נישט קיין לאַנגע רייד, אַנדריי וואַסיליעוויטש! איר ווייסט שוין, דאַכט זיך, גוט, אַז איך בין אַן אָרנטלעכער מאַן און לאָז מיך פון קיינעם נישט פירן פאַר דער נאָז. כ'וויל איצט אָנהויבן רודערן מיט אייער געהרגעטן גאָט אַנטקעגן דעם אייביקן, אומשטערבלעכן. קומט שוין מיט מיר צום גלח, שוין, די מינוט...

פּוֹטיקאָוו האָט שווער פאַרשטאַנען אברהם-איציעס רייד. אויף אים איז פּלוצים אָנגעפאַלן אַ גרויסע אַנגסט פאַר אָט דעם איינאויגלדיקן יידן מיט דער שוואַרצער באָרד. ווער ווייסט, וואָס דאָ קאָן זיין? דער קריסטלעכער גאָט איז דאָך שוין איינמאָל דורך אַ יידן אומגעקומען. צי וויל נישט איצט אָט דער ייד עפּעס אָפּטון אַ ניי שפּיצל. האָט אים אָבער אברהם-איציע נישט געלאָזט קומען צו זיך און שטורמיש געאיילט. פון גרויס אויפ־רעגונג האָט דער אַלטער פּוֹטיקאָוו שטאַרק געפינטלט מיט די אויגן און געסאַפּעט. ער האָט זיך איבערגעצלמט פאַר דער אי־קאָנע, האָט שווייגנדיק אָנגעטון דעם פעלץ און אַוועקגעגאַנגען מיט אברהם-איציען צום אַלטן גלח פון גרויסן סאָבאָר

דער אַלטער גלח האָט באַרויקט פוטיקאָוון און האָט אים נאָך דערקלערט, אַז ס'איז אַ גרויס זכיה אַריינברענגען אַ פאַר־בלאָנדזעטע נשמה אין קריסטלעכן גלויבן. דער גלח האָט זיך גלייך גענומען פאַר אברהם-איציען, וואָס האָט זיך אומגעדולדיק געריסן אין שמד-אָפּגרונט.

טאַקע נאָר אַזאַ ווילדער מענטש קאָן אַזוי, רחמנא ליצלן, פאַרבלאָנדזעט ווערן. ער, אברהם-איציע, וויל נישט וואַרטן, ביז ס'וועט קומען אויף אים, ווי אויף אַלעמען, אַ נמאסער סוף און מ'וועט אים וואַרפן אין קבר. ער וויל עפּעס אַליין אָפּטון מיט דעם לעבן און זיך ראַנגלען מיט די הימלען. אָט ווי אַ קאָרטן־

שפילער, וואָס האָט פֿאַרלוירן דעם לעצטן גראָשן און לייגט אין גרויס אַזאַרט דעם אייגענעם קאָפּ אויפֿן שפּיל, אַזוי האָט אברהם-איציע אַ וואָרף געטון זיין צעהיצטן קאָפּ אין שמד צום גע-הרגטן גאָט, וואָס פּירט לויט אברהם-איציעס קירזשנערשן דמיון די שוואַרצע שערוריה פון די שטערבלעכע אַנטקעגן דעם אײן און איינציקן און אור-אייביקן. און וואָס מער די טויט-פרעמדע קריסטלעכע לופט האָט אים געשטיקט און פאַרסמט, אַלץ מער האָט זיך אין אים געוועקט אַ מין פינסטערער אַזאַרט, אַ מין ברענענדיקער קיצל, וואָס האָבן אים געצויגן אַלץ ווייטער און טיפער אין אָט דער שוואַרצע שערוריה. דער ווילדער וואַריאַט האָט אַראָפּגענומען די לעצטע איינהאַלטעניש פון דעם זודיקן בלוט און האָט ווי איבערגעניצעוועט די נשמה פון דער לינקער זייט — אברהם-איציע האָט דערפילט אָטעם פון שרעק-הפקר, פון איבער-קערעניש, פון פאַרצווייפלטער ראַנגלעניש. ביי דעם אַלעמען איז ער לחלוטין גרייט געווען, אַז דער הימל זאָל אים יעדער רגע צעפּלעטן דעם מוח. ער וועט אָבער אויף יענער וועלט נישט איינרוען. ער שטעלט זיך דאָך איין נישט פאַר זיך, נאָר פאַר אַ וועלט מיט מענטשן. און ער, דער ווילדער פּראָסטאַק, האָט גע-גלויבט און געפילט, אַז ער און קריסטוס זענען זיך גלייך מקריב פאַר אַלע מענטשן, פירנדיק אָט די שוואַרצע שערוריה אַנטקעגן דעם אייביקן. אַ אומדערטרעגלעכע אַמביציע, אַ צעווייטיקטער פאַרדרוס האָבן געברענט אין אַלע זיינע גלידער.

ערשט נאָך מיטאָג האָט זיך אַנאַסטאַסיע דערוווסט פון דער געשעעניש און זיך פלוצים צעוויינט אויף אַ קול. עפּעס האָט זי שטאַרק ליב באַקומען אָט דעם ברייט-פלייציקן זודיקן יידן. ערשט נישט לאַנג האָט זי אים איינמאָל געזען (דאָס איז געווען יענע וואָך אויף דעם גוט) אין טלית און תפילין און זי האָט דאַמאָלס מיט פויערשער תמימות אין אים דערפילט אַ ווייטן-ווייטן מענטשן פון אַ פרעמדער אומה און אַ פרעמדן גלויבן. און איצט מיט אַמאָל אַזאַ איבערקערעניש! איר מוח האָט דאָס אַלץ נישט געקאָנט באַנעמען. איבערראַשט און דערשראָקן האָט זי אָבער מיט פאַרבאָרגענער פרייד דערפילט עפּעס אַ נייע

נאָנטקייט צו אָט דעם זודיקן קירזשנער. פון מאָדנע אומקלאָרע געפילן האָט ביי איר דאָס האַרץ פאַרקוועטשט. פוכטיקאָוו האָט דעם גאַנצן טאָג געשוויגן, ער האָט נאָר מער ווי אַמאָל געפינטלט מיט די קליינע אויגן און געסאפעט. און אויף זיין ברייטן רויטן פּנים איז דייטלעך געווען דער אויסדרוק פון פויעריש־טעמפּער האַלב־אַנגסטלעכער, האַלב דרך־ארצדיקער אונטערטעניקייט פאַר אַ גרויסער אומבאַגרייפלעכער געשעעניש. ס'האָבן זיך אָבער פאַר פוכטיקאָוון באַלד אָנגעהויבן נייע פריילעכע, אָבער אומבאַגרייפלעכע איבערראַשונגען, וואָס האָבן אים גלייכצייטיק געשראָקן און געצויגן.

שוין אין די ערשטע טעג האָט דער פויעריש פאַרפרומטער פוכטיקאָוו אַנטציקט און דערשטוינט דערזען, אַז אברהם־איציע נעמט זיך פאַר דער נייער אמונה עפּעס גאָרנישט אויף קיין קאַטאָוועס. אברהם-איציע גייט יעדן טאָג, אינדערפרי און פאַרנאַכט, אין קלויסטער צום געבעט און ווייזט אַרויס דערביי אַ מאָדנעם אומבאַגרייפלעכן ברען. ער איז אַזוי פאַרקאָכט אין דעם געבעט, גלייך ווי ער וואָלט דורכויס מיט אָט דעם פרעמדן גוישן געבעט וועלן אויפרייסן אַ אייביקע וואַנט. עפּעס האָט ער זיך גאָר פאַרענדערט. שטענדיק ברויזנדיק און רעדעוודיק, איז אברהם־איציע איצט איינגעהאַלטן, ערנסט, שווייגנדיק פאַרטראַכט. אפילו אין קראָם, בשעת ער פאַרקויפט די היטלען, איז ער עפּעס אויפגעטראָגן, רעדט איינגעהאַלטן, און זיין רעכט אויג הערט נישט אויף צו פינקלען מיט אַ פייערדיקן ווייטבלאָנדזענדיקן בליק. האָבן זיך שוין פיל פויערים אָנגעהויבן האַלב אַנגסטלעך, האַלב דרך-ארצדיק אויף אים אומצוקוקן. שכנהשע גויעס פון זיין גאַס האָבן באַלד אָנגעהויבן פאַרשפרייטן וועגן אים מאָדנע קלאַנגען. ער, אברהם־איציע, זאָל כלומרשט פאַסטן דורך די טעג. איינע אַ גויע האָט אפילו דערציילט אויפן מאַרק, אַז זי האָט אַליין מיט אירע אויגן כלומרשט אָט וואָס געזען. זי איז אַנומעלטן (אַזוי דערציילט זי) געגאַנגען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט פאַרביי אברהם-איציעס וווינונג, האָט זי נישט ווילנדיק אַ קוק געטון צו אים אין

פענסטער און דערזען, ווי אברהם-איציע איז געשטאַנען אין ווינקל אויף די קני פֿאַר דער איקאָנע מיט אויסגעשטרעקטע הענט, און דאָס פּנים האָט בײַ אים אומגעוויינלעך געלויכטן. אַלע האָבן אָבער גלײַך פֿאַרוווּנדערט באַמערקט, ווי גיך אברהם-איציע האָט זיך אויסגעלערנט די גוישע תּפֿילות און זייער געזאַנג. שטייענדיק בשעת דעם געבעט צווישן עולם אין גרויסן סאָבאָר, פֿלעגט אברהם-איציע פֿאַר זיך מיטזינגען מיט דעם כאָר. און וויפֿל ער האָט נישט איינגעהאַלטן זײַן געמבע, האָט דאָך אין קלויסטער מאָדנע אָפּגעהילכט אַ מאוימדיק באַהאַלטענער יידיש-האַרציקער ברען, וואָס איז איצט אָבער פֿול פֿון גליענדיקער פֿאַרביסנקייט און צו-להכעיסדיק פֿרומער אויסגעלאָזנקיים. דאָרט אין כאָר האָבן געזונגען שיקסעס, און זייער גויש-מיידלשער מאָדנע-טרויעריקער געזאַנג האָט מאוימדיק געשטייגערט דעם ברען-קיצל פֿון זײַן איבערגעניצעוועטער נשמה און האָט אָנגעצונדן אַ תּאוודיק פֿייערל אין זײַן פֿאַרצווייפֿלטער ראַנגלעניש. פֿאַר די אויגן האָט געשוועבט די פֿרעמד-באָנטע געשטאַלט פֿון אַנאַסטאַסיע, און דער ווילדער וואַריאַט האָט זיך תּאוודיק געצויגן צו אַ ווייטערן הפקר-טריט. אַלץ ווייטער און טיפֿער אין פֿרעמדן פֿייער אַרײַן.

אין איינעם אַ זונטיק, בשעת דעם מאָרגן-געבעט, האָט אָט וואָס געטראָפֿן. אברהם-איציע איז געשטאַנען צווישן עולם אין סאָבאָר שטאַרק אויפֿגערודערט. אויף זײַן בלאַסן פּנים האָט מאָדנע אַרויסגעגליט זײַן רעכטזעענדיק אויג. ער האָט פֿייערדיק שטיל פֿאַר זיך געזונגען מיט אַזאַ בייסנדיק-פֿרומען אימפּעט, אַז דער אַלטער גלח האָט זיך פֿאַרוווּנדערט אויף אים עטלעכע מאָל אומגעקוקט. פּוכטיקאָוו האָט געגאַפֿט, הערנדיק אברהם-איציען מיט אַן אָפֿענעם מויל, און בײַ אים אינעווייניק האָט אַ ציטער געטון עפּעס אַזוינס, וואָס באַטויבט און פֿאַרשיכּורט אַ פּויערשן מוח. אַרויסגעגאַנגען פֿון סאָבאָר, איז פּוכטיקאָוו צוגעלאָפֿן צו אברהם-איציען, האָט אים אַרומגענומען און אַ קוש געטון אין האַנט.

— דו ביסט, ברודערל, אַ הייליקע נשמה, אַ הייליקע...

— הערט שוין אויף, אַנדריי וואַסיליעוויטש, מיט אַזוינע פּוסטע זאַכן. הערט נאָר בעסער, וואָס כ׳וועל אייך זאָגן. אָט וואָס: כ׳וויל חתונה האָבן מיט אייער אַנאַסטאַסיען, איך פאַרלאַנג פון אייך נישט קיין נדן, קיין שום זאַך. וואָס וועט איר אָקאָרשט דאַרויף זאָגן?...

ווי ביי יעדער אומגעוויינלעכער אומגעריכטער זאַך איז פּאָלטיקאָוו די ערשטע רגע אויפגערעגט און צעטומלט געוואָרן. ער איז אָבער איצט אַזוי פול מיט התפעלות פאַר אברהם-איציען, אַז ער האָט זיך דאַך גלייך אַנטשלאָסן.

— ווייסטו, ברודערל, קום איצט צו מיר אַהיים אויף אָנבייסן. מיר וועלן גלייך אַ פרעג טון אַנאַסטאַסיען, און אויב זי וויל נאָר — זאָל אייך ביידן גאָט בענטשן...

אַנאַסטאַסיע האָט אין דער היים צוגעגרייט דעם אָנבייסן פאַרן פאָטער. זי איז געווען ערשטוינט, דערזעענדיק אברהם-איציען אָנקומען מיטן פאָטער. זינט דעם שמד, איז ער ביי זיי אין שטוב נישט געווען. אויסגעטון דעם פעלץ, האָט פּאָלטיקאָוו עטוואָס אויפגערעגט און פייערלעך גלייך אַ זאָג געטון אַנאַסטאַסיען, אַז אברהם-איציע וויל מיט איר חתונה האָבן. איבערראַשט און דערשראָקן האָט זי אויפגעהויבן די אויגן אויף אברהם-איציעס בלאַס פּנים און זיך באַגעגנט מיט דעם פייערדיק-בלאָנדזשענדיקן בליק פון זיין רעכט זעענדיק אויג. האָט זי פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און פלוצים האָבן אירע פּלייצעס אָנגעהויבן צוקן — זי האָט זיך צעוויינט, צודעקנדיק מיט ביידע הענט דאָס פּנים, דאָס האָט זי פון איר פאַרשטאָרבענער קרענקלעכער מוטער געירשנט אַ שוואַכקייט צו טרערן. אַ האָרעפּאַשנע ערלעכע נשמה, קאָן זי זיך שווער באַהערשן ביי גרויסער אויפרעגונג. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט אברהם-איציע חתונה געהאַט מיט אַנאַסטאַסיען, וועלכע איז אַריבערגעפאָרן אין זיין איין-צימערדיקער וווינונג. פּאָלטיקאָוו האָט אַפילו שטאַרק געוואָלט, אַז דאָס „פּאָר-פאָלק” זאָל זיך צו אים אין שטוב אַריבערקלויבן, האָט זיך אָבער אברהם-איציע דערפון לחלוטין אָפּגעזאָגט.

דערווייל האָט זיך אויפגעהויבן אַ מוראדיקער טומל צווישן

די ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן. אָט ווי שווער קראַנקע ציטערן אויף אין טויט-שרעק מיט די לעצטע כּחות, ווען מ'טוט זיי אַ קלאַפּ אויף דעם קראַנקן אבר. אָט אַזוי האָבן די ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן, אָט די פֿאַרוואָרפֿענע יידישע נשמות, וואָס האָבן זייער לעבן לאַנג זיך איינזאַם געראַנגלט פֿאַר זייער יידישקייט מיט אַ גרויסער פּיינטלעך-גוישער וועלט און האָבן קוים אַרויסגעראַטעוועט אַ ביסעלע פֿאַרמאַטערטע אויסגעבלאַסטע יידישקייט, אָט די פֿאַרגוישטע יידן זענען אויפגעציטערט געוואָרן פֿון אברהם-איציעס שמד. זיי האָבן שוין גענוג געזען משומדים, אָפּגעפֿאַלענע ברידער, וועלכע האָבן נישט אויסגעהאַלטן די יאָרן-לאַנגע ראַנגלעניש און ביי וועלכע די יידישקייט איז, נאַטירלעך, אויסגעגאַנגען אָדער אָפּגעשטאָרבן. אָבער אָט דער „בערדיטשעווער" קירזשנער, פֿאַרברענט זאָל ער ווערן, האָט דאָך ערשט אַנומלט ביי זיי אין דער קאַלטער שול געקנאַקט מיט אַ „לכו-נרננה" און האָט נאָך געקוקט אויף זיי פֿון אויבן אַראָפּ. אָן נויט און צוואַנג האָט ער פֿאַר דער גאַנצער וועלט אַ שליידער געטון די הייליקע יידישע אמונה. ס'האָט זיי געשניטן ווי מיט מעסערס, וואָס אָט דער „אויסוואורף" האָט זיך נישט נאָר סתּם געשמדט, נאָר וויל נאָך ווערן כּלומרשט ביי „זיי" אַ הייליקער. די כּפּרה זאָל ער ווערן פֿאַר אַלע יידן! זייער שוואַכע יידישע נשמה האָט זיך קראַמפּנדיק אויפגעריסן מיט אַ גרויסן ווייטיק פֿון אָט דעם קלאַפּ, און מיט דער סטיכייאישער קראַפֿט פֿון אַ פֿאַרבאָרגענעם און שמערצלעך-אויפגעוועקטן אור-אַלטן פֿאָלקס-אינסטינקט זענען זיי ווי איין מענטש אויפגעשטאַנען אַנטקעגן אברהם-איציען. יאַקאָוו איסאַיעוויטש, דער אירקוטסקער, דער שוחט, דער שמש און די איבעריקע — אַלע האָבן זיך אין גרויס אויפרעגונג צוזאַמענגענומען. כּמעט יעדן אָוונט קלייבט מען זיך צונויף ביי אַנושקען, וועלכע ברענגט כּסדר פֿרישע ידיעות וועגן דעם „אויסוואורף" און שיט מיט פֿייער. ס'האָט אָבער אויף אַלעמען ווי אַ דונער געווירקט די ידיעה, אַז אברהם-איציע האָט חתונה געהאַט מיט אַנאַסטאַסיען און איז איצט, הייסט דאָס, דער זייער פֿון דעם רייכסטן אָנגעזעענעם גויאישן בעל-הבית. ווער

וייסט וואָס ער קאָן נאָך אָפּטון? מ׳טאָר איצט אַ מינוט נישט וואַרטן. יאַקאָוו איסאַיעוויטש מיט דעם אירקוטסקער זענען אַוועק־געגאַנגען גלייך צו פּוֹלטיקאָוון און האָבן געפּרוווט מיט אַלערליי אופנים אויפשטעלן פּוֹלטיקאָוון אַקעגן אברהם־איציען. זיי וואָרנען אים ווי גוטע פריינט, און ער אַליין מוז איינזען, אַז דאָס איז אַ געפערלעכער שווינדלער. מיט אַ וואָך פאַרן שמד האָט ער געדאַוונט אין שול פאַרן עמוד און אַרויסגעוויזן אַלערליי שטיק פון אַ פרומען יידן. איינמאָל האָט ער זיך געוואָרפן ווי אַ רוצח אויף אַנושקען און האָט זי שיר נישט דערהרגעט — אַ קאַ־טאָרזשניק! מיט דעם שמד איז ער נאָר אויסן געווען אַנאַסטאַ־סיען, כדי צו באַראַבעווען פּוֹלטיקאָוון און אומגליקלעך מאַכן זיין טאָכטער. ער מוז זיך באַצייטנס ראַטעווען פון אָט דעם שרעקלעכן אויסוואורף. דער אירקוטסקער האָט זיך אין מיטן די רייד צעכליפּעט. אין גרויס האַס און פאַרדרוס האָבן זיי אַליין געגלויבט אין זייערע אייגענע רייד. ווי פאַרסמטע זענען זיי געלאָפן אין פּאָליציע, צום פּראָקוראָר, אין אופראַווע און אַלע אַנדערע מעגלעכע ערטער. אַלע האָבן געקאָנט יאַקאָוו איסאַיע־וויטשן, ווי אַן אָרנטלעכן בכבודיקן מענטשן. מ׳האָט דערפאַר אומעטום זיי פאַרוווּנדערט אויסגעהערט. זיי זענען געווען אַזוי אויפגערעגט, און פון זייערע רייד האָט געשלאָגן אַזאַ אומגעווויינלעכע שנאה, אַז מ׳האָט גלייך דערפילט אין זייערע מסירות אַ נאַטירלעכע נקמה־לוסט פון אמתע יידן אַנטקעגן זייער אָפּ־טריניקן ברודער. דאָס האָט אָבער נאָך מער אויפגעהויבן אברהם־איציען ביי די גוים, וועלכע האָבן אים ערשט רעכט גענומען אין שוץ אַנטקעגן די רדיפות פון זיינע „געוועזענע" ברידער. נאָר פּוֹלטיקאָוו איז צעטומלט געוואָרן. ער אַליין האָט, אייגנטלעך, נישט געוואָלט און נישט געקאָנט צולאָזן אַ חשד אויף אברהם־איציען, דערמאַנענדיק זיך וועגן דעם ציגיינער, דעם וואַלד, וועגן דעם נדן, וואָס ער האָט געוואָלט געבן נאָך דער חתונה און וואָס אברהם־איציע האָט בשום אופן נישט געוואָלט נעמען. זיין שוואַכער מוח איז אָבער צעטומלט געוואָרן פון דער בייזער אָנרעדעניש, דערהויפּט אָבער די רייד פון יאַקאָוו איסאַיעוויטש,

וועמען ער האָט אַזוי פיל יאָרן געקענט, ער איז אַוועקגעלאָפן צום אַלטן גלח.

— פאַרשפּאָרסט מיר צו דערציילן, — האָט אים דער גלח געזאָגט גלייך אויפן טיר מיט אַ צופרידענעם שמייכל — ביי מיר זענען שוין געווען יאַקאָוו איסאַיעוויטש מיט נאָך עפּעס אַ יידן. האָסט, אַנדריי וואַסיליעוויטש, נישט וואָס איבערצוקלערן. דו קאָנסט נאָר זיין גליקלעך, וואָס דו האָסט זוכה געווען אַריינברענגען אַזאַ פייערדיקן יידן אין קריסטלעכן גלויבן. וואָלט דער קירזשנער נישט געווען אַזוי חשוב, וואָלט ער נישט אַרויסגערופן אַזאַ אויפרעגונג ביי זיינע ברידער. יידן לאָזן זיך כלומרשט פאַרן אויפן קאָפּ, נאָר אַז מ׳רירט אָן זייער אמונה, ווערן זיי געפערלעך און...

און טאַקע אין אַ קנאַפּע פּאָר טעג אַרום האָט אין איינעם אָן אָוונט אויסגעבראָכן אַ זייער שווערע געשעעניש. אַ קורצע ווײַלע נאָכדעם, ווי אברהם־איציע איז אַריינגעקומען אין אָוונט אַהיים פון קראָם (אַנאַסטאַסיע איז גראָד נישט געווען אינדער־היים), האָט זיך דערהערט אַ טומל אַרום דער טיר פון זיין וווינונג. נאָך איידער אברהם־איציע האָט זיך רעכט אומגעקוקט, האָט זיך די טיר געעפנט און ס׳זענען אַריין, איינער נאָך דעם אַנדערן, כמעט אַלע ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן, מאַנסבילן און ווייבער, און האָבן פאַרנומען די גרעסערע העלפט פון דעם לאַנגן חדר. פאָרויס זענען געגאַנגען דער שוחט, יאַקאָוו איסאַ־יעוויטש, דער אירקוטסקער און אַנושקע. דערזען אברהם־אי־ציען, זענען זיי אַ ווײַלע שטיל שטיין געבליבן. דער פייער־דיק בלאָנדזשענדיקער בליק פון זיין רעכטן אויג האָט ביי זיי אַ ווײַלע ווי אָפּגענומען דעם לשון. ער האָט אויסגעזען ווי אַ באַנומענער. און אָט איז ער אַנטקעגן זיי אויפגעשטאַנען.

— וואָס ווילט איר?

— מיר זענען געקומען דיך וואָרנען מיט גוטן. אויב דו האָסט דיך געוואָלט שמדן, האָסטו עס געזאָלט טון אין דיין שטעטל. מיר זענען דאָ אַ קליין הויפל אָפּגעריסענע יידן און מיר קאָנען אַזאַ שאַנד נישט אַריבערטראָגן. ווילסטו בלייבן

אין שמד — זאָלסטו היינט ביינאַכט פאַרלאָזן די שטאָט. אַניִשט וועלן מיר...

— איר מיינט, פּראַים, אַז דער שמד איז מיר אַ פאַרגעניגן. ס׳שניידט מיך אַליין ווי מיט מעסערס. נאָר זינט דעם טויט פון מיין ווייב האָט זיך ביי מיר דאָס טרפנע בלוט אָנגעצונדן און איך וועל נישט אַוועקגיין פון דער וועלט, ביז כ׳וועל מיך נישט אָפּרעכענען מיט די הימלען און אינאיינעם מיט דעם געהרגעטן גאָט וועל איך...

נאָך איידער ער האָט געענדיקט, האָט דער גאַנצער עולם ווי אַ צוק געטון פון ווילדן כעס. ווי אַ קאָנוואָלסיע, האָט עס אַ בלינדער האַס דעם עולם דורכגענומען, און זיי האָבן זיך אַלע אויף אים אַ וואָרף געטון. אַנושקע האָט די ערשטע אים אַ פּליאַסק געטון אין פנים און נאָך איר האָבן כמעט אַלע אויף אים די הענט געהויבן. און דאָ האָט אַ מאָדנע זאַך געטראָפן. אברהם-איציע איז געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך ווי אַן אייזערנער סלופּ און האָט זיך אפילו קיין ריר נישט געטון אַנטקעגן די קלעפּ, וואָס זענען פון אַלע זייטן אויף אים געפלויגן. אין אַ קאַרגער מינוט אַרום האָבן זיך אַלע אין שרעק עטוואָס אַ וואָרף געטון צוריק און זיך פאַרוווּנדערט אויף אים אומגעקוקט. ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אומבאַוועגלעך. אונטער דעם לינקן בלינדן אויג האָט אויף זיין בלאַס פנים זיך געצויגן אַ ריטשקעלע בלוט און דאָס רעכטע אויג האָט ווילד אומבאַוועגלעך אַרויסגעגליט. פלוצים האָט זיך אויפן טיר באַוויזן אַנאַסטאַסיע. אַ רגע האָט זי שטום אויפגעציטערט און באַלד האָט זי אויפגעהויבן אַ האַרץ־רייסנדיק געוויין. ערשט איצט האָט זיך אברהם-איציע ווי אויפגעכאַפּט און אַ ליאַרעם געטון.

— שווייגן זאָלסטו, אַנאַסטאַסיע, שווייגן! קיין קול זאָל איך פון דיר נישט הערן! צום ערשטן מאָל אין לעבן האָב איך מיר געלאָזט געבן פעטש. כ׳וועל בעסער שטאַרבן דורך אייערע הענט, ניקאָלאַיעווער שמאַטעס, אָבער נישט דורכן מלאך־המות, ס׳זענען אָנגעלאָפן גויים און איר מוזט שטעלן פיס.

כ'וועל קיין האָר פון אייך נישט לאָזן פאַלן. איר קאָנט אָבער קומען, ווען איר ווילט, מיך פּאַטשן. איר, ניקאָלאַיעווער שמאַטעס !..

ווי זענען איינציקווייז פאַרשווונדן און אַוועקגעגאַנגען צו אַנושקען. דאָרט האָבן זיי לאַנג נישט געקאָנט קומען צו זיך און זענען אַ גאַנצע ווײַלע געזעסן שטום אַרום טיש. נאָר אַנושקע האָט באַהאַלטן דאָס פּנים אין די הענט און זיך צע־וויינט. די ווילדע סצענע ביי אברהם־איציען האָט זי גאָר צעבראָכן. מיט איר האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווערע היסטעריקע. האָבן איצט אַלע אין גרויס שרעק דערפילט, אַז אַ גרויסער אומגליק איז געקומען אויף זייער קליינטשקער פאַרוואָרפענער קהילה. זיי האָבן אויף זיך גלייך גענומען צו פאַסטן מאָרגן דעם גאַנצן טאָג, קומען גאַנץ פרי אין שול דאַווענען און זאָגן תהילים. דערהויפּט אָבער זאָלן אַ פּאָר מענטשן אַוועקפאָרן אין אברהם־איציעס שטעטל, אַראָפּברענגען פון דאָרט זיינע קרובים און בעטן דאָרט ביי רבנים און פיינע יידן ראַט און הילף. און טאַקע אין אַ פּאָר שעה אַרום זענען אַוועקגעפאָרן מיט דעם ערשטן צוג יאַקאָוו איסאַיעוויטש מיט דעם אירקוטסקער.

ביי אברהם־איציען אָבער האָט דער צוזאַמענשטויס נאָך מער געררייצט דעם ברען־קיצל פון זיין איבערגעניצעוועטער נשמה, ס'האָט אים אומדערטרעגלעך געצויגן נאָך טיפער אין דעם פינסטערן אזארט. אויף מאָרגן האָט ער אויסגעפירט ביים גלח, אַז ער זאָל ווערן אַ גלאָקן־קלינגער. טאַקע דערפאַר האָט ער עס געוואָלט, ווייל דאָס גוישע גלאָקן־קלינגען האָט אים נאָך אין די פריסטע קינדער־יאָרן מאוימדיק געשראָקן. און פאַרנאַכט איז ער צום ערשטן מאָל אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּלעך צו די הויכע גלעקער פון סאָבאָר. דאָרט איז גע־האָנגען אַ יאָר־הונדערט־אַלטער מוראדיק שווערער גלאָק מיט פיר קלענערע גלעקער ביי די זייטן. ווי אין טיפער שפרות האָט אברהם־איציען אָנגעהויבן שווינדלען אין קאָפּ. ער איז קוים אויף די פיס איינגעשטאַנען. מיט אַ פאַרצווייפלטן אימפּעט האָט ער אַ צי געטון דורך דעם אָנגעבונדענעם שטריק די

גרויסע צונג פון דעם שווערן גלאָק, און באַלד האָבן אָנגעהויבן איינע נאָך די אַנדערע און איינע מיט די אַנדערע רעדן די קלענערע אָבער שאַרפערע צינגער פון די זייטיקע גלעקער. האָבן זיך פון דער שוואַרצער שערוריה דורך די צינגער אַ לאָז געטון מיט אַ שטורעם צום הימל מעטאַל־ברענענדיקע קולות, וואַרפנדיק און שליידערנדיק איינע די אַנדערע. און נאָך איי־דער די ערשטע קולות זענען אויסגעגאַנגען, זענען נאָך שטור־מישער אָן אַן אויפהער אָנגעלאָפן נייע, ברענענדיקערע. אַ הע־לישער פייער האָט זיך אין דער לופט אָנגעצונדן און אַרויפ־געפלאַקערט צום הימל. די קולות האָבן זיך צונויפגעגאָסן, גע־וואַקסן, געריסן און אויף גאַר די וועלט מיט אַ רעש גערופן:

— זאָלן טויטע אויפשטיין פון די קברים, זאָלן קראַנקע און גוססדיקע אויפשטיין פון די בעטן. דער אייביקער הימל ציטערט איבער אַלע קעפ. דער איין־און־איינציקער האָט דער־הערט דעם פיין פון די שטערבלעכע, זייער אומדערטרעגלעכן דורשט צו גאָט און אייביקייט...

— שטייט אויף מתים פון די קברים!..

— שטייט אויף!..

ביי אברהם־איציען האָט זיך דער מוח איבערגעקערט. ער איז אַ בלאַסער און אַ צערודערטער אַראָפּ פון די גלעקער. ער איז דערנאָכדעם אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, ערשט אויף מאָרגן איז ער עטוואָס געקומען צו זיך. און אין דעם פינסטערן אזארט האָט ער געקלערט און געגלויבט, אַז ער וועט אַזוי אַרום פאַמעלעך דערנעמען די הימלען. האָט אָבער אינגיכן געטראָפן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אומגעריכט געבראָכן און געבויגן אָט דעם אייזערנעם קירזשנער.

דאָס איז פאָרגעקומען אַ קאַרגע וואָך נאָך דעם צוואַ־מענשטויס. אברהם-איציע איז געשטאַנען אינדערפרי אין קראָם, ווען אויפן שוועל האָט זיך באַוויזן אַ ייד פון מיטעלע יאָרן מיט אַ קליינער טונקל בלאָנדער באָרד, דער יונגערמאַן האָט געפירט מיט זיך פאַר דער האַנט אַ קליין ייִנגעלע. דאָס אומ-געריכטע, לחלוטין פלוצימדיקע דערשיינען, ווי דער מאוים-

דיקער פאַרהאַסט-קאַלטבלוטיקער געזיכטס-אויסדרוק פון דעם
אָנגעקומענעם, האָבן ווי אַ דינער געווירקט אויף אברהם-איציען.
ער איז געבליבן שטיין ווי צוגעקאָוועט און פון שרעק זיך
בישט געקאָנט אַ ריר טון. דער ייד איז לאַנגזאַם אַריינגעגאַנ־
גען מיט דעם ייִנגעלע אין קראָם, און האַלטנדיק אים פאַר
דער האַנט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגן אַברהם־איציען,
וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען ווי פאַרגליווערט מיט אַן אָפן
מויל. דאָס איז געווען אברהם־איציעס שוואָגער, כאַציע דער
וואַלד־הענדלער, וואָס האָט אַהער אַראָפּגעבראַכט און געפירט
איצט פאַר דער האַנט אברהם־איציעס עלטער ייִנגעלע, דעם
אַכטיאָריקן יעקעלע; כאַציע האָט גוט געקענט אברהם-איציען
און געוווּסט, אַז מיט אָט דעם ווילדן וואַריאַט קאָן מען גאָר־
נישט מאַכן, ווען ער נעמט זיך עפּעס אין קאָפּ, בפרט נאָך
ביי אַזאַ פינסטערן אימפּעט. סיידן מ׳זאָל אים געבן אַן אומ-
געוויינלעכן קלאַפּ אין מוח. האָט ער אַ גאַנצע וואָך מיט אַלע
כּוחות געלערנט, געשטאַרקט און געגרייט יעקעלען אויף אַ
אומגעוויינלעכער באַגעגעניש. יעקעלע האָט איצט קראַמפּנדיק
געהאַלטן כאַציעס האַנט און אַ בלאַסער געקוקט מיט גרויסע
קינדיש־דערשראָקענע אויגן. און אָט האָט כאַציע אַ ווונק געטון
צום קינד. נאָך איידער אברהם־איציע איז געקומען צו זיך,
האָט יעקעלע אָנגעהויבן זאָגן קדיש מיט אַ קינדיש ציטעריק
קול. דאָס איז געווען דער קול פון אַ קינד, וואָס זאָגט קדיש
אויף דער מאַמעס פרישן קבר. ביי די ערשטע ווערטער אָבער
האָבן יעקעלעס קליינע פּלייצעס אַ צוק געטון — ער האָט זיך
אומבאַהאָלפן צעכליפּעט און פאַרכלינעט. האָט כאַציע אויפגע־
הויבן דאָס וויינענדיקע קינד און זיך געלאָזט פאַמעלעך זגרויס־
גיין פון קראָם. נאָר אויפן שוועל האָט ער זיך אַ רגע אָפּגע־
שטעלט און אַ שליידער געטון אברהם־איציען אין פּנים אַריין:

— משומד! פאַרברענט זאָלסטו ווערן!

כאַציע איז אַוועקגעגאַנגען מיט דעם קינד אויף די הענט.
אַ רגע איז נאָך אַברהם־איציע געשטאַנען ווי פאַרגליווערט.
פּלוצים האָט ער זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ און זיך ווי אַ פאַר־

ווונדעטע חיה געוואָרפן און געשליידערט. און אָט איז ער פּייל
פון בויגן אַרויסגעלאָפן פון קראָם, אָנגעיאָגט לאַציען (יעקעי ע
איז איצט געגאַנגען לעבן אים פאַרווײנט און כליפּענדיק), אים
אָנגענומען פאַר די לאַצן און שטום געטרייסלט, קוקנדיק אויף
אים מיט דעם ווילד אויסגעגלאָצטן רעכטן אויג. אין דער
ברוסט האָבן זיך ביי אים געשטיקט ווילדע געשרייען, וואָס ער
האָט אָבער נישט געקאָנט אַרויסברענגען. לאַציע האָט פאַר־
האַסט־קאַלטבלוטיק אַ שפּיי געטון אים אין פּנים אַריין. האָט
אברהם־איציע אַראָפּגעלאָזן די הענט, און וואַקלענדיק זיך ווי
אַ שכּור, איז ער צוריקגעגאַנגען אין קראָם, דאָרט האָט ער
באַגעגנט די אָנגעקומענע אַנאַסטאַסיאַ, וואָס האָט אים כּמעט ווי
נישט דערקענט. אַזוי האָט זיך זיין פּנים פאַרענדערט.

— וואָס איז מיט דיר. וואָס פאַר אַן אומגליק איז שוין
ווייטער געשען, אבראם, אבראם...

אַ רגע האָט ער אויף איר שטום געקוקט מיט דעם אויס-
געגלאָצטן אויג. און אָט האָט ער אַ קלאַפּ געטון מיט דער
פויסט אויפן „סטאיקע" (קראָם־טיש) און ווילד געשריען:

— זיי רייצן מיך ווי אַ בייזן הונט. זאָלן זיי, זאָלן זיי!
כ'וועל דעם הימל נישט נאָכגעבן, כ'וועל...

ער האָט זיך פּלוצים געכאַפּט פאַרן קאָפּ און זיך משונה־
דיק צעוויינט אויפן קול. אַנאַסטאַסיע האָט אָפּגעשלאָסן די קראָם
און אים אַריינגעפירט אין שטוב. ער איז געווען אַזוי פאַר-
לוירן און צעבראָכן, אַז ער האָט זיך געלאָזט פירן ווי אַ קינד.
זי האָט אים אַוועקגעלייגט אויף דער איינציקער קאַנאַפּע אין זיי-
ער חדר, האָט אים אונטערגעלייגט אַ קישן, צוגעדעקט און נישט
אָפּגעטרעטן מער פון קאַנאַפּע.

אָט די האָרעפּאַשנע ערלעכע גויע האָט די גאַנצע צייט
געזען און געפילט דיליידן פון אברהם־איציען און זיינע אי־
בעוויניקסטע איבערקערענישן. זי האָט עס אַלץ נישט פאַרשטאַ־
נען, האָט אָבער נישט געוואַגט צו פרעגן ווען ס'איז אברהם-
איציען, ווי זי וואָלט מורא האָבן מיט אירע פּשוטע רייד צו
באַרירן זיין פאַרווונדעטע נשמה. הויפּטזעכלעך אָבער האָט זי,

ווי איר פאָטער, אין זייער פויעריש נאַטירלעכער לייכטגלויבי־
קייט געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ הייליקן וואונדער־מענטשן
און באַקומען פאַר אים גרויס אָפשיי. באַלד נאָך דער חתונה
האָט זי אים אַליין אויפגענייט אַ וואַרעם שוואַרץ קאַפטל מיט
זייטן קעשענעס, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ טשיקאַווער פויע־
ריש־באַלעבאַטישער זשילעט. האָט זי זיך מאָדנע געפרייט,
וואָס אברהם־איציען איז דער זשילעט שטאַרק געפעלן געוואָרן
און וואָס ער טראָגט איצט כסדר „איר״ זשילעט. עפּעס האָט
זי דערביי אַנטציקט אַ קינדיש ווייבערש געפיל, ווי דער
זשילעט וואָלט זי מיט אים לייבלעך־אינטים פאַרייניקט... מיט יעדן
טאָג האָט זי אים אַלץ מער פאַרגעטערט און געליבט און איז טאַ־
קע גאָר גרייט געווען זיך פאַר אים מקריב צו זיין. אויף זיין
מינדסט וואָרט פלעגט זי מיט ליבע אויפשפּרינגען און אים געטריי
באַדינען. מיט גרויס איבערגעגעבנקייט האָט זי געהאָרעוועט
אין קראָם און אין שטוב, איז אים שטיל אומבאַמערקט יעדן
טריט נאָכגעגאַנגען. האָט זיך אָבער אינסטינקטיוו געהיט אים
נישט צו דערעסן און זיך נישט וואַרפן אין די אויגן.

אברהם־איציע איז געלעגן אַ גאַנצן טאָג אַ פאַרטראַכטער,
אַ צערודערטער. ער האָט גאָרנישט נישט געוואָלט נעמען אין
מויל. אַנאַסטאַסיע האָט אים פאָרזיכטיק שטיל קוים איינגעבעטן
אויסצוטרינקען אַ גלאָז מילך, ערשט אין אָוונט איז ער, ליגנ־
דיק אויף דער קאַנאַפּע, איינגעשלאָפן. אַנאַסטאַסיע איז געבליבן
זיצן לעבן קאַנאַפּע אויף אַ שטול און אַ גאַנצע ווײַלע נישט
אַראָפּגענומען קיין אויג פון זיין פּנים, וואָס האָט אין שלאָף
אויסגעזען אומרויק און צערודערט. זי האָט איינגעדרייט עטוואָס
דעם לאָמפּ, פאַרשטעלט דעם שיין אַנטקעגן דעם שלאָפנדיקן.
און אין דער איינזאַמער אָוונט־שטילקייט איז זי אויף די שפּיץ
פיס צוגעגאַנגען צום ווינקל, ווו אונטער דער הענגענדיקער
איקאָנע האָט שטיל געצאַנקט אַ רויטע לאַמפּאַדקע. זי האָט זיך
געשטעלט אויף די קני און אויסשטרעקנדיק די הענט האָט זי
זיך באַגאָסן מיט טרערן און געפאַלן מיטן פּנים אויף דער
ערד. מיט פויערשער הכנעה און ווייבערשער איבערגעגעבנקייט

האָט זי שטום געבעטן רחמים. נאָר אָט האָט אברהם־איציע זיך אומ־רויק געוואָרפן אין שלאָף. איז זי אויפגעשטאַנען, האָט אים פאַרזיכטיק איינגעדעקט און זיך ווייטער געזעצט לעבן קאַנאַפּע אויפן שטול. ערשט אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיצנדיק אײַנגעדרימלט, אָנשפּאַרנדיק דעם קאָפּ אויף דער האַנט.

אַן ערך אַ שעה פאַר באַגינען האָט אַנאַסטאַסיע פּלוצים אויפגעציטערט. אַנטקעגן איר איז געשטאַנען אברהם־איציע מיט דעם פּעלץ אין דער האַנט, ער האָט איצט אויסגעזען פרייש און מונטער.

— הער נאָר, אַנאַסטאַסיע, כ׳גיי איצט אַוועק אין מאַנאסטיר אויף אַ קורצער צייט. דאָרט וועלן זיי מיך נישט דערגרייכן און כ׳וועל מיר טון מײַנס. גיב אַכטונג אויף דער קראָם און קום צו מיר געוואָר ווערן, ווען דו קאָנסט. וואָס זשע ווייגסטו, אַנאַסטאַסיענקע, כ׳וועל דאָך אינגיכן צוריקקומען. און דער מאנאסטיר איז דאָך דאָ גאָרנישט ווייט, הינטער דער שטאָט. דו וועסט דאָ דערהערן די קלאַנגען פון די גלעקער, מיט וועלכע כ׳וועל קלינגען. זיי געזונט, אַנאַסטאַסיענקע, זיי געזונט...

נאָך פאַר באַגינען איז ער אַוועק צופוס אין מאנאסטיר הינטער דער שטאָט.

און טאַקע דאָרט איז געקומען דער שרעקלעכער סוף, וואָס האָט אָבער אויף אַ מאָדנעם אופן געבראַכט זיין פאַרלוירענע נשמה צוריק אויפן דרך-הישר.

ווי נאָך אַ טיף־קראַנקהייט באַקומט מען אַ הייסן הונגער, אַזוי האָבן די ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן דורך דעם שרעקלעכן קלאַפּ פון אברהם־איציעס שמד באַקומען אַ שטאַרקן הונגער צו ערלעך־יידישקייט. דערהויפּט האָבן זיי זיך אין שרעק מיטאַמאָל דערפילט אומזיכער און וואַקלענדיק, און האָבן דערפאַר דורכויס געוואָלט אַראָפּברענגען אַ שיינעם ערלעכן יידן, אַ לערנער, אויף וועמען מ׳זאָל זיך קאָנען אין אַ נויט אָנשפּאַרן. האָבן

טאַקע יאַקאָוו איסאַיעוויטש און דער אירקוטסקער אויסגעפירט זייער שליחות, אַוועקפאָרנדיק אין אַברהם־איציעס שטעטל. אינאיינעם מיט זיין שוואָגער און יעקעלען האָבן זיי פון דאָרט אַראָפּגעבראַכט ישעיה דעם מלמד. דאָרט אין שטעטל האָבן זיי אים איינמאָל פאַרנאַכט געהערט זאָגן „עין־יעקב" פאַרן המון, האָבן זיי זיך אין אים גלייך פאַרקאָכט און אָנגעווענדט אַלע כּוחות אים אַראָפּצובריינגען. דאָס איז זיי גאָרנישט גרינג אָנגעקומען. אין דער רוסישער שטאָט האָבן גויעס צום ערשטן מאָל דערזען אַ אמתן יידישן בטלן מיט קלוגע לעבעדיקע אויגן און אַ שיינער ווייסער באָרד, מיט דעם גאַנצן הדרת־פּנים און פרום־אויסגעהאָרעוועטער נשמה־גאַנצקייט. די ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן האָבן גאָר אויפגעלעבט. זיי האָבן גלייך ליב באַקומען אָט דעם קלוגן, שטענדיק שמייכלענדיקן מלמד און געהאַט פאַר אים גרויס אָפּשיי. מ'האָט אָנגעהויבן הייצן אַלע טאָג די שול, ווו ישעיה איז כּמעט שטענדיק געזעסן ביי אַ ספר. אינדערפרי דאַוונט מען איצט אין שול מיט אַ מנין און אויפדערנאַכט קומען אַלע אין שול צו ישעיה דעם מלמד, וועלכער זאָגט פאַר זיי מיט גרויס מתיקות אַ פּרשה חומש אָדער אַ שטיקעלע מדרש. און ער, וואָס איז יאָרן־לאַנג געווען אַ באַליבטער זאָגער ביי פּראָסטע בעלי־מלאכות און קליינע קרעמערס, האָט אויך איצט געפונען אַ צוגאַנג צו אָט די פאַרשטויסענע יידישע נשמות. מיט זיין שיינעם חתוך־הדיבור רעדט ער אַזוי קלאָר און דייטלעך, אַז אַ קליין קינד קאָן אים פאַרשטיין. און זיינע קלאָרע רייד פונקלען מיט קונציקע משלים און שיינינקע מעשהלעך, וואָס נעמען פאַרן האַרצן. די ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן קוקן אים אין מויל אַריין און ווייסן גאָרנישט וואָס צו טון מיט אים. איז אָבער ישעיה ביי זיך זייער פּראָסט, ער איז מיט יעדן היימיש און גוטמוטיק און וויל נישט מיטאַמאָל צו שטאַרק אָנציען די סטרונעס. אָט אַזוי האָט ער שטענדיק שמייכלענדיק זיי געלערנט, געשטאַרקט און מדריך געווען.

און אַז מ'האָט אים דערציילט די מעשה פון כאַציעס באַגעגעניש מיט אַברהם־איציען, איז ער געווען אויסער זיך.

מ׳זעט דאָך בחוש, זאָגט ער, אַז „ער״ (ער האָט נישט געוואָלט אַרויסרעדן זיין נאָמען) איז, רחמנא יצילנו, פאַרבלענדט, און מיט אַזוינע דרכים קאָן מען אים בלויז ווייטער אַריינטרייבן אין טומאה און מאַכן אים, חלילה, פאַר אַ צורר ישראל. מ׳האָט שוין געזען אַזוינע זאַכן. זיין עצה איז, מ׳זאָל פאַרגעסן אָן „אים״. ער קאָן שוין פון לאַנג אָט דעם קירזשנער. ער איז אַ זודיקער מענטש און קאָן, שדים ווייסן, וווהין פאַרקריכן. נאָר דער יידישער שורש וועט „אים״ מיט דעם אויבערשטנס הילף אַרויסראַטעווען. ער, ישעיה, וועט היינט וועגן דעם שרייבן דעם רבין, דערווייל זאָל מען אָבער מער גאָרנישט נישט טון.

8

ס׳איז פאַרשווונדן דאָס לעצטע שטרויעלע, פאַר וואָס ס׳קאָן זיך נאָך אומבאַוווסט כאַפּן אַ מענטש, וואָס טרינקט זיך. דער באַהאַלטענער פּאָטער־אינסטינקט איז איצט ביי אַברהם־איציען צעבראָכן, די לעצטע פּאָדעם פון קרובה־שאַפט איבער־געריסן, און די איבערגעניצעוועטע נשמה איז איצט הויל און נאַקעט. נישטאָ מער וואָס אָנצוווערן. די אויסגעריסענע זאַפטי־קע וווּרצלען פון דער איבערגעקערטער נשמה האָבן אָבער אין איר געלאָזט אומדערטרעגלעך ברענענדיקע וווּנדן. האָט דער בייזער אימפּעט אין זיך איינגעזויגן דעם טייוולאָנישן חיות פון אַ פאַרבלוטיקטן ווייטיק. דער ווילדער וואַריאַט איז איצט גרייט אין זיין פינסטערן אַזאַרט צו רייסן פון זיך שטיקער. ער וואַרפט זיך מיט דעם קאָפּ, מיט לייב און לעבן, אין דער שוואַר־צער שערוריה און וויל איצט דורכויס זיך ראַנגלען מיט די הימלען ביז צום לעצטן אָטעם. ביז צום לעצטן!

דער נאָמען פון דעם געטויפטן קירזשנער, פון דעם פאַרקאָכטן גלאָקן־קלינגער, איז שוין געווען גוט באַקאַנט אין מאַנאַסטיר. די פאַרשידענע וווּנדער־קלאַנגען, די אומגעוויינלעכע

רדיפות און זיין פאַרביסענע אויסגעהאַלטנקייט האָבן געוואָרפן אויף אים דעם שיין פון אַ הייליקן. דער איגומען האָט אים זייער פריינטלעך אויפגענומען און האָט אַפילו מיט עטוואָס איבערטריבענער פרייד באַפרידיקט אַברהם־איציעס ווונש זיך צו באַזעצן אויף אַ געוויסער צייט אין מאנאסטיר און ווערן אויך דאָ אַ גלאָקן־קלינגער. ס׳האָט אָבער אַלעמען באַלד אויפגעבראַכט זיין אומגעווייגלעכער אימפעט, וואָס האָט מיט יעדן טאָג געוואַקסן. ער נעמט אויף זיך די שווערסטע מלאכות, האַקט האָלץ, טראָגט גרויסע משאות און באַדינט דעם מאנאַסטיר. ער עסט נישט און טרינקט נישט און רייסט זיך אָפּ פון דער אַרבעט נאָר צום געבעט, ווען ער הויבט זיך אויף צו די הויכע גלעקער. דערזעט ער די גלעקער, ווערט ער ווי פאַרשכורט. ער ציט דורך די אָנגעבונדענע שטריק פאַרשידענע צינגער פון די הויכע גלעקער און דערפילט, ווי פייערדיקע כוואַליעס פון מעטאַל־ברענענדיקע קולות רייסן זיך שטורמיש אין דער הויך און ברענגען אין ציטער אַלע הימלען. ס׳פאַרכאַפּט אים דער אָטעם און ער שיט אַלץ ניי פייער אַנטקעגן הימל. ס׳איז געווען אומהיימלעך אַ קוק צו טון אויף אים, ווען ער גייט אַראָפּ פון די גלעקער. נישט נאָר אין די אַרומיקע דערפער, נאָר אויך אין מאנאַסטיר האָט מען באַקומען פאַר אים אָפּשיי. איינמאָל איז דער אַרכיערייי געקומען אין מאנאסטיר. האָט ער גערופן צו זיך אַברהם־איציען, אים מיט גרויס ליבע אויפגענומען און אים געזאָגט, אַז צוליב זיינע גרויסע מעשים האָט ער פאַרדינט צו ווערן אַ פירער פון זיינע קריסטלעכע ברידער. אַברהם־איציע האָט זיך דערשראָקן אָפּגעזאָגט. ער איז געווען, זאָגט ער, אַלע זיינע יאָרן אַ פּראָסטער מענטש, אַ בעל־מלאכה און וויל אַזוי בלייבן אויף ווייטער. דאָס האָט אים נאָך מער אויפגעהויבן אין אַלעמענס אויגן. אין דער גאַנצער סביבה פלעגט מען זיך פרום צלמען, דערהערנדיק די קלאַנגען פון די מאנאסטיר־גלעקער. מ׳פלעגט דערביי אין פרומען אָפּשיי דערמאָנען דעם נאָמען פון דעם איינאויגיקן גלאָקן־קלינגער מיט דער שוואַרצער באָרד. ווער

ווייסט אָבער, וואָס מיט אברהם-איציען וואָלט ווייטער געווען, ווען ס׳וואָלט פּלוצים נישט געטראָפן אָט וואָס.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז אין איינעם אַ נאָכמיטאָג אונטערגעפאָרן פעדקע צום מאָנאַסטיר אויף פּוכטיקאָווס אַ לייטיקן שליטן. ער האָט אַרויסגערופן אברהם־איציען און אים געזאָגט, אַז אַנאַסטאַסיע איז קראַנק און אַז מ׳האָט געבעטן, ער זאָל גלייך קומען. אברהם־איציע איז געווען אַזוי איבערראַשט, אַז ער האָט כּמעט קיינעם נישט געזאָגט קיין גוטן טאָג און איז גלייך אַוועקגעפאָרן מיט פעדקען. פאָרנדיק האָט אברהם־איציִע געפילט, ווי מ׳וואָלט אים פּלוצים אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער. די אָנגעצויגענע סטרונעס פון זיין צעווילדעוועטער נשמה האָבן געוואָלט אָט-אָט פּלאַצן, נישט די געשטורעמטע הימלען, נישט די אויפגעבראַכטע יידן, די טרייע דינער פון דעם איין־און־איינציקן, נאָר פּשוט פעדקע פירט אים אָן טענות און רייד פון מאָנאַסטיר צו דער קראַנקער אַנאַסטאַסיע. האָט ער פּלוצים דערזען, אַז דער טויט איז נישט דאָס ערגסטע און דאָס לעצטע, אַז נאָך איידער מ׳וואַרפט אין קבר, איז דער מענטש שוין באַגראָבן אין אייגן פלייש און בלוט, אין תאווה און זאָרגן, וואָס פרעסן ווי ווערים די נשמה און וואַרפן זי לעבעדיקערהייט אין דעם שוואַרצן קבר פון „טאָג-איין, טאָג-אויס״. גייט מען אויף אַ מלחמה, רייסט מען זיך אָפּ מיט געוואַלד פון ווייב און קינדער. און אויב ער האָט זיך געלאָזט ראַנגלען מיט די הימלען, טאָ וואָס־זשע האָט ער דאָס פּלוצים חתונה געהאַט? ער האָט דאָך אָבער אייגנטלעך... וואָס? וויל מען אים, הייסט דאָס, אַזוי אַרום אַריינכאַפּן אין זאַק. ער זאָל זיך הייסט ׀ דאָס, אָפּרייסן פון די גלעקער און זיך אַליין אונטערשטעלן אַ פיסל. ס׳האָט זיך אין אים נאָך שטאַרקער אָנגעצונדן דער שוואַרצער אַזאַרט, דער לעצטער ברען פון צולהכעיסדיקן אימפּעט. איז אים אָבער פאָרט דער מוח צעמישט און דאָס האַרץ קלעמט אים פּשוט פון צער און רחמנות אויף דער קראַנקער אַנאַסטאַסיען. ערשט מיט אַ וואָך צוריק איז זי צו אים געקומען געוואָר ווערן אין מאָנאַסטיר, דאָס מאָל איז זי

עפּעס מאָדנע געווען אויפגערעגט-פרייל׳עך און רעדעוודיק, האָט דערציילט אַלערליי זאַכן פון קראָם און שטוב. אברהם-איציע האָט זיך אָבער געאיילט אין מאָנאַסטיר. זי האָט אים נישט אויפגעהאַלטן און זיך פריילעך מיט אים געזעגנט. אברהם־איציען האָבן נאָך געקלונגען אין די אויערן אירע מאָדנע אויפגערעגט-פריילעכע רייד, און גיך גייענדיק צוריק אין מאָ־נאַסטיר, האָט ער זיך נישט ווילנדיק אומגעקוקט און דערזען: זי שטייט אין מיטן וועג אויפן שניי און ווינט, צודעקנדיק אויף איר שטייגער דאָס פּנים מיט די הענט. אָט די שטומע פוירערשע נשמה איז לעבן אים ווי אַ ליכט אויסגעגאַנגען...

ארום פאַרנאַכט זענען אברהם־איציע מיט פעדקען געקו־מען אין שטאָט. אברהם־איציעס קראָם און וווינונג זענען גע-ווען געשלאָסן. די קראַנקע אַנאַסטאַסיע האָט מען אַריבערגע-פירט צו פּוכטיקאָוון אין שטוב, וווהין אברהם-איציע איז גלייך אַוועקגעגאַנגען. אַריינגעקומען אין שטוב, האָט ער שוין אין פּאָדערצימער דערפילט יענעם אייגנאַרטיקן ריח פון קאַרבאָל־קע און רפואות, וואָס פאַרשפּרייט זיך אין אַ שטוב אַרום אַ שווער קראַנקן. אין עסצימער אויף דער גרויסער קאַנאַפּע זיצט דער אַלטער פּוכטיקאָוו, איינגעהויקערט, אָפּגעלאָזן, נישט קיין געגאָלטער. ווי אַלעמאָל ביי שווערע זאָרגן זעט ער אויס שטאַרק פאַרעלטערט און עבר־בטלדיק. דערזען אברהם־איציען, האָט ער גלייך אויפגעלויכטן. ער איז אים אויפגעשטאַנען אַנט-קעגן און אויסגעשטרעקט צו אים די הענט.

— געלויבט איז גאָט, וואָס דו ביסט, ברודערל, געקו־מען. וואָס זאָגסטו אויף דעם אומגליק? אַנאַסטאַסיע ברענט שוין עטלעכע טעג אין פיבער. געכאַפּט ערגעץ, אפנים, אַ שטאַרקע פאַרקילעכץ. אייערנעכטן האָט זי געהוסט מיט בלוט. דער דאָקטאָר זאָגט, אַז ביי איר איז אַ לונגען־אָנצינדונג. זי ליגט די גאַנצע צייט אין זאַל — ס׳איז דאָרט ליכטיק און וואַ-רעם. גייט נישט איצט אַריין אין זאַל, דער דאָקטאָר אַליין שטעלט איר איצט באַנקעס. דאָס איז אונזער זעמסקער דאָק-טאָר דובראָוויטש, טאַקע גאָר אַ גוטער דאָקטאָר. אין שטאָט

זענען דאָ נאָך צוויי דאָקטוירים, אויך גוטע, אָבער דובראָוויטש איז דער בעסטער און...

ביי אברהם-איציען איז דאָס פּנים פינסטער געוואָרן. די איבערגעניצעוועטע נשמה האָט זיך כּף־הקלעדיק געריסן צווישן די מאָנאַסטיר-גלעקער און דער קראַנקער אַנאַסטאַסיע, צווישן שוואַרצן אזארט און פּשוטן מענטשלעכן ווייטיק. ער איז געשטאַנען, ווי אַ צעמישטער, נאָר דער אַלטער פּאָליטיקאָוו האָט נישט אויפגעהערט צו שיטן.

— דו פירסט דאָך איצט, ברודערל, אין מאָנאַסטיר אַ הייליק לעבן און בעטסט גאָט פאַר אונז אַלעמען. האָבן מיר דיר טאַקע נישט געוואָלט שטערן. נאָר היינט האָב איך דיך אַרויסגערופן, ווייל דער דאָקטאָר זאָגט, אַז אַנאַסטאַסיע האַלט שלעכט...

— וואָס?—אברהם־איציע האָט דערשראָקן אָנגענומען פּאָליטיקאָוון פאַר דער האַנט און איז מיט אַמאָל ווייס געוואָרן ווי די וואַנט—כ'וויל דאָס נישט הערן, כ'וועל דאָס גאָר נישט אַריבערטראָגן, הערט נאָר, הערט נאָר, אַנדריי וואַסיליעוויטש, די לעצטע כּוחות אָנשטרענגען און זי ראַטעווען. אַלע דריי דאָקטוירים זאָלן אַראָפּקומען און... נישט אַנדערש, אַנדריי וואַסיליעוויטש, נישט אַנדערש...

ער האָט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ און, קריצנדיק מיט די ציין, האָט ער עפּעס ווי אויף עמעצן אין אַ זייט געשריגן...

— דער הימל וויל מיר צעפּלעטן דעם מוח! זאָל ער, זאָל ער! מיר וועלן נאָך אָקאָרשט זען, מיר וועלן...

פון זאַל איז אַרויסגעקומען דער זעמסקער דאָקטאָר, אַ מיטלוווקסיקער עלטערער מענטש מיט קורץ געשוירענע האָר און אַ קיילעכדיקער געדיכטער באָרד. מיט שניידנדיקער שאַרפקייט האָט ער געזאָגט, אַז די לאַגע איז זייער ערנסט און מ'דאַרף זיין גרייט אויף אַלץ. אברהם־איציע האָט אים קוים איינגעבעטן קומען אין אָוונט אויף אַ קאָנסיליום. נאָר פון דעם דאָקטאָרס תּנועות און זיינע רייד האָט שוין געווייעט יענע נאַקעטע פאַרפאַלנקייט, וואָס מאַכט אַ מענטשן שטום אַנטקעגן

דעם טויט. אברהם-איציע האָט זיך גענומען אין די הענט זאָ איז אַריינגעגאַנגען אין זאַל.

אויפן גאַס איז שוין געווען פינסטער. פּולטיקאָווס שוועגערן מארפע, אַן עלטערע, גוטמוטיקע גויע, האָט אָנגעצונדן אין זאַל אַ לאָמפּ מיט אַ ווייסן אַבאַזשור. זי האָט די גאַנצע צייט ווי אַ מוטער אַכטונג געגעבן אויף אַנאַסטאַסיען און איז פון איר נישט אָפּגעטרעטן. אברהם-איציע איז אויף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צום בעט. אַנאַסטאַסיע איז געלייגן מיט צוגעמאַכטע אויגן און שווער געאָטעמט. ס'איז איר, אפנים, אַזוי שווער דער אָטעם, אַז זי שטיקט זיך אַלע ווײַלע און קרעכצט. נאָר אָט האָט זי זיך צעהוסט, געעפנט די אויגן און געבעטן מארפען געבן איר עפּעס אַ טרונק טון. דערזען אַברהם-איציען, האָט זי אויפגעלויכטן. זי האָט אַרויסגענומען איר רעכטע האַנט פון אונטער דער קאָלדרע, און מיט די פיבער-הייסע פינגער אָנגענומען אַברהם-איציעס האַנט און זיך שטום צו אים געלאַשטשעט. אַברהם-איציע האָט זיך מיט גרויס ליבע און צער צו איר אָנגעבויגן.

— אַנאַסטאַסיענקע, אַנאַסטאַסיענקע! דו וועסט אינגיכן געזונט ווערן...

האָט זיך ביי איר אויפן פּנים באַוויזן אַ האַלב-שעמעוודיקער, האַלב-ליידנדיקער שמייכל, און אירע אויגן האָבן צו אים אַרויפגעקוקט מיט יענער הארעפּאַשנער שטומער איבערגעבנקייט, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין אויסדרוק און גייט אויס פון ליבע און ליידן.

— אַבראַ-אַ-ם...

עפּעס האָט זי, אפנים, געוואָלט זאָגן, נאָר האָט קיין כּוח נישט געהאַט אַרויסצוברענגען. נאָר אָט האָט זי זיך אַזוי שטאַרק צעהוסט, אַז מ'האָט זי קוים געקאָנט ברענגען צו זיך. אַברהם-איציע איז אַרויסגעגאַנגען פון זאַל און זיך שטיל צעוויינט, ווי אַ קליין קינד. אין אַ קאַרגער שעה אַרום זענען איר פּלוצים די ליפּן בלוי געוואָרן, און זי האָט פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין. איז אַברהם-איציע ווי אַ בליץ געלאָפן נאָך די

דאָקטוירים. און טאַקע באַלד זענען אַראָפּגעקומען אַלע דריי דאָקטוירים. מ׳האָט איר עטלעכע מאָל אַריינגעשפּריצט קאַמפער און אָנגעווענדט אַלערליי אַנדערע מיטלען. אַברהם-איציע איז פון בעט נישט אָפּגעטרעטן. נאָר זי איז שוין מער צום באַ־ ווּסטזיין נישט געקומען. פאַר באַגײנען האָט זי איינמאָל גע־ עפנט די אויגן, וואָס האָבן אָבער שוין געקוקט מיט אַ פרעמדן אָפּגעטראָגענעם בליק. זי האָט הילכיק געכריפּעט. און אָט האָט זי אַ שמייכל געטון און איז שטיל אויסגעגאַנגען. מאַרפע האָט איר איבערגעקרייצט די הענט אויף דער ברוסט און איבער־ געדעקט איר פּנים מיט דער קאָלדרע. אור־אייביקע רו און נאַקעטע פאַרפאַלנקייט האָבן אַרומגענומען די שטוב. נאָר מאַר־ פע האָט זיך אָנגעבויגן איבער דער געשטאָרבענער און אויף איר גויש־ווייבערשן שטייגער געקלאָגט:

— מיין אָרעם קינד. מיין ערלעכע יתומה...

פּלוצים האָט זיך מאַרפע דערשראָקן אומגעקוקט אויף אַברהם־איציען, וואָס איז געשטאַנען ביים בעט, אויסגעשטרעקט ווי אַ גלאָמב, נישט גערירט מיט קיין אבר. זי האָט גלייך גע־ זען, אַז ער איז נישט ביי די געדאַנקען, האָט זי אים אָנגע־ נומען פאַר דער האַנט און אַרויסגעפירט אין צווייטן חדר. ערשט דאָרט האָט ער געגעבן אַזאַ ווילדן געשריי, אַז די פענ־ סטער האָבן אַ ציטער געטון. פעדקע און די קעכן זענען אַריינ־ געלאָפן און האָבן אין טויט־שרעק זיך שטום געצלמט פאַר דער איקאָנע. מאַרפע האָט אים אַנידערגעזעצט אויף דער גרויסער קאַנאַ־ פּע און אים צוגעטראָגן צום מויל אַ גלאָז קאַלט וואַסער. ער האָט אויטאָמאַטיש אַ פּאָר מאָל אַ זופּ געטון און איז געבליבן זיצן ווי אין הינער־פּלעט. דער איבערגעקערטער מוח האָט זיך ביי אים אָפּגעשטעלט...

ווי אַלע מאָל אָבער נאָך אַ גרויסן קלאַפּ ווערט אברהם־ איציע אַ געוויסע צייט ווי באַטויבט און כאַפּט זיך אויף דער־ נאָכדעם מיט אַ טייוולאַנישער קראַפט. מ׳וואונדערט זיך נאָר, פון וואַנען נעמט זיך דאָס ביי אָט דעם אייזערנעם קירזשנער אַזוי פיל כחות. און טאַקע אין עטלעכע שעה אַרום האָט זיך אברהם־

א ציע אַ ריס געטון פון קאַנאַפּע, דאָס בלוט האָט זיך אין אים
טיוּולאָניש אָנגעצונדן, נאָר די איבערגעניצעוועטע נשמה האָט
באַקומען די בויגעוודיקייט פון אויסגעגליט אייזן, אויף וועלכן
מ׳קלאַפּט אומאויפהערלעך מיט אַ גרויסן האַמער.

אין שטוב האָט שוין געהערשט דער גרויסער טרויער-
יום־טוב פון דער אייביקער טויט־גדולה. אַלע חדרים זענען
צוגעקליבן. אין מיטן זאַל שטייט אויף אַ גרויסן טיש אַ שוואַר-
צע טרומנע מיט פאַרזילבערטע ראַנדן. צוקאָפּנס און צופוסנס
אויך פון ביידע זייטן, רעכטס און לינקס, שטייען זייער גרויסע
זילבערנע לייכטער, וואָס מען האָט געבראַכט פון סאָבאָר און
וואָס האָבן זיך געהויבן אריבער דער טרומנע מיט ברענענדי-
קע ליכט. אַנאַסטאַסיע ליגט מיט איבערגעקרייצטע הענט אויף
דער ברוסט. דער קאָפּ עטוואָס אויף אַ זייט, פאַרקעמט, צוגע-
קליבן, אין איר איינציקן טונקל־פאַרביקן זיידענעם קלייד, וואָס
זי האָט נישט לאַנג אָנגעטון צו דער חתונה. אויפן קאָפּ האָט
מען איר אָנגעטון, ווי אַ קליין קרוינדל, אַ שמאָל בענדל מיט אַ
קליינטשקער איקאָנע אויפן שטערן. און אויפן יונגן געלבלעכן
פּנים האָט געשוועבט דיזעלבע האָרעפּאַשנע איבערגעבנקייט, וואָס
האָט זיך איצט הכנעהדיק פאַרשפרייט אין דער אייביקער רו.
מ׳האָט זיך שוין געקליבן צו דער ערשטער פּאַניכידע. גייסט-
לעכע זענען (מיט דעם אַלטן גלח פון סאָבאָר אָן דער שפּיץ)
געשטאַנען אין קאָלירנע געשטיקטע מאַנטלען אַרום דער טרומנע,
נישט ווייט פון זיי דער גרויסער כאָר פון סאָבאָר, קרובים און
באַקאַנטע האָבן טרויעריק־פייערלעך אָנגעפולט דעם גרויסן זאַל.
אברהם־איציע האָט זיך דורכגעשטופּט פאָרויס. דער אַלטער גלח
האָט אָנגעהויבן די פּאַניכידע, און אברהם־איציע האָט באַלד דער-
פילט דעם מאוימדיק פרעמדן ריח פון ווייריך, וואָס דער אַל-
טער גלח האָט מיט דער „קאַדילע" צעשפּרייט אין דער לופט
אַרום דער טרומנע. מיט דער גאַנצער שמערצנדיקער מתיקות
פון אוממענטשלעכער פאַרצווייפלונג און צעבראָכנקייט האָט זיך
אברהם־איציע אַריינגעצויגן אין דעם איינגעהאַלטן־טרויעריקן
כאָר־געזאַנג. אָט ווי סאָלדאַטן אויף דער מלחמה באַגראָבן זייער

געפאַלענעם ברודער און אין טיפן טרויער שווערן זיי אויפן פרישן קבר נישט אַרויסצולאָזן ביז צום לעצטן אָטעם די שווערד פון דער האַנט, אַזוי האָט איצט אברהם־איציע אין טרויעריק גליענדיקן אימפּעט זיך נאָך פעסטער געקלאַמערט אָן דעם פינ־סטערן ראַנגל־אַזאַרט אַנטקעגן די אייביקע הימלען, וואָס האָבן אים דאָס אַזאַ פרישן טויט־שטויס געגעבן. ער האָט שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן זיין קרעפטיקע געמבע, וואָס האָט איבער דעם כאָר־געזאַנג אַרויפגעפלאַקערט. אַלע האָבן זיך טרויעריק פאַרוואונדערט אויף אים אומגעקוקט, נאָר טיף אינעווייניק האָבן אים געעגבערט אין מוח אומקלאָרע רעיונות, וואָס ער האָט נאָך גאָרנישט באַנומען און וואָס האָט נישט אויפגעהערט אין פינסטערן אַזאַרט צו דערשטיקן.

און ווען נאָך דער פּאַניכידע זענען זיך אַלע צעגאַנגען, איז ער אַליין געבליבן אין זאַל, עפּעס האָט ער ווי מורא געהאַט קומען צו זיך און ער האָט גלייך אויף זיך גענומען אומאויפהערלעכן „דינסט“ אַרום דער געשטאָרבענער, וואָס מ'וועט ערשט איבערמאָרגן פירן אין סאָבאָר. האָט ער זיך געזעצט נישט ווייט פון טרומנע ביי אַ ברענענדיקער ליכט און אָנגע־הויבן זאָגן פון אַ גוישן געבעט־בוך „פּסאַלטיר“. דאָס איז דער אייביקער יידישער תהילים, וואָס איז אָבער אין דעם גוישן בוך, ווי אברהם־איציעס נשמה, איבערגעניצעוועט אויף אַ גוישן שטייגער. און ער, דער געוועזענער קאָכלעפל פון חברה תהילים אין שטעטל, האָט איצט פאַרקאָכט געזאָגט פּסאַלטיר. ער האָט אָן אַן אויפהער געזאָגט איין קאַפּיטל נאָך דעם אַנדערן, זיך אַ רגע נישט אָפּגעשטעלט. און אין דעם בייז־גליענדיקן אימ־פּעט האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַזוי זאָגנדיק ציט ער אַריבער דעם תהילים, איין קאַפּיטל נאָך דעם אַנדערן, אויף זיין „צד“, אין גוישן „פּסאַלטיר“, אין דער שוואַרצער שערוריה. ער האָט זיך גאָר נישט געקאָנט אָפּרייסן, אַ גאַנצע נאַכט איז ער גע־זעסן און אויך מאָרגן האָט ער זיך כמעט דעם גאַנצן טאָג געטראָגן אין דעם אימפּעט. נאָך איינער אַ פּאַניכידע האָט ער זיך דערפילט שטאַרק מיד און צעבראָכן. ער האָט זיך אָנגע־

הויבן שווער צו ראַנגלען מיט דעם אויסגעמאַטערטן גוף. איינ־מאָל נאָר איז ער נישט ווילנדיק מיט דעם פסאַלטיר אין דער האַנט אַ ווײַלע איינגעדרימלט, זהאָט זיך אָבער באַלד אַ כאַפּ געטון און געזאָגט ווייטער. האָט אָבער אָט וואָס געטראָפן.

אַרום פאַרנאַכט האָט זיך פון דער טרומנע אָנגעהויבן צעשפּרייטן אַ שלעכטער ריח איבער דער גאַנצער שטוב. מ׳האָט געעפנט די פאָרטקע, מ׳האָט אָבער באַלד געמוזט, נישט קוקנ־דיק אויף דעם ווינטערדיקן פראָסט, עפענען אויך אַ ווײַלע דאָס פענסטער. אברהם־איציע, וואָס איז געזעסן כּסדר נישט ווייט פון טרומנע, האָט קוים געקאָנט אָטעמען. האָבן זיך איצט מורא־דיק בולט אַרויפגעריסן אין מוח די פריער אומקלאָרע רעיונות, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט אין זיך געשטיקט. אָט ווי אַ באַטרונקענער ווערט אָפּט דורך אַן אומדערוואַרט־שטאַרקן איינ־דרוק פּלוצים אויסגעניכטערט, אַזוי האָט זיך אברהם־איציע פּלוצים ווי אויפגעכאַפּט פון זיין שוואַרצער שכרות. ער האָט אָבער אָנגעשטרענגט זיינע לעצטע כּחות און אַ לאַנגע ווײַלע נאָך געפּרוווט זיך אַליין איבערצושרייען. אַן ערך אַ שעה פאַר האַלבער נאַכט איז אים פּלוצים דער פסאַלטיר פון די הענט אַרויסגעפאַלן. מיט אומבארחמנותדיקער פּראָסטקייט און אָפענער גראָבקייט האָט דער ווילדער וואַריאַט מיט אַמאָל אָנגעהויבן שניידן און רייסן דעם אייגענעם אימפּעט. אברהם־איציע האָט זיך פאַרחידושט אַרומגעקוקט אויף דער טרומנע. אויף די ברע־נענדיקע ליכט, אויף דער צאַנקענדיקער לאָמפּאַדקע אין דעם ווינקל פון דעם גרויסן איינזאַמען זאַל. וואָס טוט זיך עס דאָ? וואָס איז דאָס בלויז פאַר אַ טויט־גדולה, וואָס מוז אַזוי שמעקן? וואָס האָט ער, דער געהרגעטער גאָט, אייגנטלעך אויסגעפירט? אַזוי פיל הונדערטער יאָרן פירט ער אַ שוואַרצע שערוריה אַנט־קעגן דעם הימל און ס׳האָט זיך קיין זאַך אויף אַ האָר נישט געענדערט, ווי פריער איז דער איין־און־איינציקער אייביק און הייליק און ווי פריער פאַלן מענטשן ווי די פליגן און שטינ־קען ווי די פּאַדלעס. וואָס הייסט דאָס? דער ווילדער וואַריאַט האָט גראָב אָנגעהויבן פון זיך אַליין גיפטיק צו לאַכן. ער,

אברהם־איציע, האָט זיך די גאַנצע צייט געוואָרפן ווי אַ פּורים־שפּילער אין אַ פרעמדן קדחות. טאַקע ווי אַ פּשוטע בהמה, האָט ער נישט פאַרשטאַנען, אַז דער הימל וועט זיך אפילו נישט אַ קנייטש טון, מ'שטיינס געזאָגט, פון זיינע גלעקער און אַלע זיינע גוישע העויות. דער ווילדער וואַריאַט האָט זיך צעלאַכט. אַ קירזשנער דאַרף נייען היטלען, ליגן אַכט איילן אין דער ערד און נישט קריכן ווי אַ פּורים־שפּילער צו קאָמאַנדעווען מיט די הימלען. איז וואָס? איז טאַקע גאָר הפקר אַ וועלט? און אַז מען...

ביי אברהם־איציען האָט דער קאָפּ אָנגעהויבן צו שווינדלען. האָט ער זיך שוין מער נישט געקאָנט ראַנגלען מיט דעם אויסגעמאַטערטן גוף. צופוסנס פון דער טרומנע האָט ער זיצנדיק אַנידערגעלייגטביידע הענט אויפן עק טיש, פאַרגראָבן דעם קאָפּ אין די אָנגעשפּאַרטע אָרעמס און איז ווי אַ סנאָפּ איינגעשלאָפן. אַ פאַרצווייפלטער וויטיק האָט זיך ווי שווערער אייזן צעגאָסן אין אַלע זיינע גלידער.

פלוצים האָט מען אַ קלאַפּ געטון אין פענסטער, איינמאָל און נאָכאַמאָל. אברהם־איציע איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום פענסטער און זיך שטאַרק פאַרחידושט: דרויסן איז געשטאַנען יאסי דער קברות־מאַן. אברהם־איציע האָט אומגעדולדיק געעפנט דאָס פענסטער און אַ פרעג געטון.

— ווי קומסטו, יאָסי, גאָר אַהער?

— דו פרעגסט נאָך? ס'איז דאָך, דאַכט זיך, אַ גרעסערער שרעק צו זען ווי דו ביסט אַהער פאַרקראָכן. כ'האָב אָבער קיין צייט נישט מיט דיר לאַנג צו ברייען. הער נאָר, שוין אַ פּאָר טעג, אַז גנעסיע שרייט ווידער פון איר קבר און רופט אין גרויס יללה דיין נאָמען. דער גאַנצער בית־עולם גייט כאָ־דאָראָם פון אירע געשרייען. קום שוין מיט מיר אַהינצו, טאַקע שוין...

— וואַרט נאָר אַ רגע, כ'טו מיך אָן און גיי גלייך צו דיר אַרויס...

אברהם־איציע האָט אויף גיך צוגעמאַכט דאָס פענסטער,

אַרויפגעטון אויף זיך דעם פעלץ און איז אַרויסגעלאָפן אויפן גאַס צו יאָסין.

זיי האָבן זיך געלאָזט ביידע גיין אין דער העלער פראָס־טיקער ווינטערנאַכט. דער פאַרפרוירענער שניי האָט מאָדנע געסקריפּעט אונטער זייערע פיס. נאָר שוין ביי די ערשטע טריט האָט אברהם־איציע פאַרגאַפט דערזען, אַז ער געפינט זיך אין זיין אייגן יידיש שטעטל. ווי קומט ער דאָס בלויז אַהער? עפּעס האָט ער מורא געהאַט אַ פרעג טון וועגן דעם ביי יאָסין, וועלכער איז כמורנע־שווייגנדיק געגאַנגען פאָרויס. ביי אברהם איציען האָט דאָס האַרץ אָנגעהויבן צאַפּלען ווי ביי אַ מענטשן, וואָס קומט פלוצים אַהיים נאָך יאָרן־לאַנגן, שווערן וואַנדערן. אַלץ אַרום און אַרום איז אַזוי היימיש און נאָנט. אָט איז דער שטעטלדיקער מאַרק מיט די קראָמען, צווישן וועלכע אברהם־איציע דערקענט זיין געוועזענע קראָם, באַקאַנטע הייזער און הייזלעך. און פון יענעם זייט מאַרק האָבן היימיש אַ שימער געטון דער אַלטער בית־המדרש, די טשערנאָבילער קלויז...

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון שטעטל אויפן גרויסן שליאַך צום בית־עולם צו. דאָ איז די נאַכט מיט אַמאָל געוואָרן פינ־סטערער און פראָסטיקער. אין אַ ווײלע אַרום האָט זיך דערהערט אַ האַרצרייסנדיקער ווייבערשער געשריי, וואָס איז מיט יעדער רגע אַלץ שטאַרקער און אומהיימלעכער געוואָרן. האָט יאָסי פלוצים אין שרעק אויפגעציטערט.

— געוואַלט, אברהם־איציע, זי וועט באַלד דעם גאַנצן בית-עולם איבערקערן, מיר מוזן לויפן, לויפן...

אברהם-איציע האָט זיך געלאָזט לויפן מיט אַלע כחות. נאָר אויפן וועג האָט ער לויפנדיק פאַרלוירן יאָסין פון אויג. וווהין איז ער דאָס נעלם געוואָרן? ער האָט זיך געוואָלט אָפּ־שטעלן און אַ זוך טון יאָסין. האָט עס אים אָבער געטראָגן ווי אַ ווילכער. ערשט אין אַ לאַנגער ווײלע אַרום איז ער פלוצים געבליבן שטיין אויף אַן אומגעהויער־גרויסן פּלאַץ, ווו ס'האָט מיט אַמאָל אָנגעהויבן טאָגן. טיף אינעווייניק האָט אברהם־איציע דערקענט דעם פּלאַץ, וואָס האָט אים אַפילו אויסגעזען

עפּעס היימישלעך. האָבן אָבער דאָ אים נאָך שטאַרקער אַ קלאַפּ געטון אין מוח דיזעלבע האַרצרייסנדיקע ווייבערשע קולות. פון וואַנען גייען אָט די קולות? אברהם־איציע האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען: ווייט פאָרויס זענען געשטאַנען גוואַלדיק גרויסע טויערן, אומברחמנותדיק אָפּגעשלאָסן, ווי אַ טויבע וואַנט, און גנעסיע שטייט ביי די פאַרמאַכטע טויערן, אַן עלנטע און נאַקעטע און רייסט זיך די האָר פון קאָפּ. דערזען אברהם־איציען, האָט זי זיך אויף אים אוממענטשלעך אויף אים אַ וואָרף געטון:

— וואָס האָסטו, משומד, צו מיר געהאַט? דורך דיין שמד האָט מען מיך אַרויסגעוואָרפן, ווי אַ שפּענדל, פון גן־עדן. האָב איך מיך געבעטן כאָטש אין גיהנום — וויל מיך אויך דער גיהנום נישט ליידן. אפילו אין כף־הקלע לאָזט מען מיך נישט אַריין. שטיי איך אַן עלנטע צווישן הימל און ערד— נישט אַהין, נישט אַהער, כאָטש רייס פון זיך שטיקער. גוואַלד, גוואַלד, וואָס האָסטו, משומד, מיט מיר אָפּגעטון, וואָס האָסטו...

אברהם-איציע האָט זיך גאָר פאַרלוירן. ער איז געפאַלן אויפן פּנים און אָנגעהויבן וויינען, ווי אַ קינד. איז גנעסיע מיט אַמאָל שטיל און ווייך געוואָרן. אָט אַזאַ איז זי געווען אַלע אירע יאָרן. קראַנק און אויפגערעגט, פלעגט זי אין גרעסטן כּעס ווערן מיט אַמאָל גוט און ווייך, דערזעענדיק, אַז אברהם-איציע איז צעבראָכן אָדער איז עפּעס נישט מיט אַלעמען. און אָט האָט זי זיך געזעצט לעבן אברהם־איציען און מוטערלעך באַזאָרגט אויף אים געקוקט.

— וואָס איז מיט דיר, אברהם־איציע, וואָס וויינסטו?

אברהם־איציע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געבליבן זיצן לעבן איר.

— מיר איז, גנעסיע, נאָך ערגער, ווי דיר. כ'האָב זיך טאַקע גאָרנישט ווו אַהינצוטון. דאָס לעבן איז מיר נמאס געוואָרן. די הימלען טרייבן דעם מענטשן ווי אַ הונט — מיין זודיק בלוט קאָן עס נישט אַריבערטראָגן. דעם איין־און־איינציקן

איז נישט צו דערגרייכן, און דער נייער גאָט, מיט וועמען איך האָב געוואָלט אינאיינעם שטורמען דעם הימל, איז שוואַך. פון שול בין איך אַנטלאָפן און אין קלויסטער האָב איך שוין נישט וואָס צו טון. וווהין־זשע זאָל איך מיך אַהינטון? מעגסט מיר גלויבן, גנעסיע, אַז נאָר כדי צו דערנעמען די הימלען, האָב איך חתונה געהאַט מיט אַנאַסטאַסיען. אין מיין ווייסטער ראַנג־לעניש האָט עס מיך געצויגן אַלץ ווייטער צו דער גויאישקייט. דו קענסט דאָך מיך נאָך פון די יונגע יאָרן און ווייסט, אַז ווען איך בין אָן עפּעס פאַרקאַכט, גלוסט זיך מיר נישט צו אַ ווייב... שוין די ערשטע וואָך נאָך דער גויאישער חתונה, האָב איך מיט אַנאַסטאַסיען נישט געלעבט ווי מאַן און ווייב. זי איז אָבער אַ פּראָסטע, ערלעכע איבערגעגעבענע נשמה, האָט זי זיך די גאַנצע צייט געפּייניקט און איז אין גרויס יסורים געשטאָרבן. און איצט קאָן איך נישט אויפהויבן דעם קאָפּ נישט אויף מיי־נע פאַרלאָזענע יידישע קינדער, נישט אויף דער געפּייניקטער אַנאַסטאַסיע, וואָס זאָל איך דיר זאָגן? דער רחמנות אויף יע־קעלען צררייסט מיר דאָס האַרץ, און דער צער פון אַנאַסטאַ־סיען לעכערט מיר דעם מוח. און אַליין שטיי איך אַ פאַרלוי־רענער... וואָס זאָל איך טון, וואָס זאָל איך?...

גנעסיע האָט טרויעריק און האַרציק אַ שמייכל געטון.

— הערסטו, אברהם־איציע, דו מיט אַלע דיינע יסורים, האָסטו ביי מיר אַ פּנים פון אַ קליין קינד. געדענקסט דאָך, ווען אונזער יעקעלע איז געווען פיר יאָר, האָסטו אים אויף פּסח געמאַכט אַ קיילעכדיק בלוי היטל מיט אַ לאַנג סטענגעלע. יעקעלע האָט זיך דעמאָלט זייער געפרייט. ס׳האָט זיך אים אָבער באַלד געוואָלט וויסן, וואָס טוט זיך אינעווייניק אין היטל. האָט ער שטילערהייט אין אַ ווינקל אויפגעטרענט די באַט פון דעם היטל און אַלץ פונאַנדערגענומען. דאָס סטענגע־לע האָט זיך אָפּגעריסן, דער אונטערשלאַק איז אַרויסגעפאַלן — פון דעם היטל איז געוואָרן אַ מיש־מאַש. דאָס קינד האָט זיך דעקשראָקן און צעוויינט. צוערשט האָסטו אויף יעקעלען גע־

שריגן, דערנאָכדעם האָסטו געָנומען דאָס וויינענדיקע קינד אויף די הענט און האָסט אים אין איין רגע פאַריכט דאָס היטל. פּאָרט אַ גוטער קירזשנער! כ׳האָב טאַקע דאָס גאַנצע לעבן נישט געוואַגט אַ פּיפּס צו טון און אַריינמישן זיך אין דיין קירזשנעריי. נאָר אַזוי ווי דו ביסט אַ גוטער קירזשנער און מאַכסט היטלען, אַזוי איז גאָט אַ גרויסער באַשעפער, וואָס מאַכט וועלטן. דאָרט אין גן־עדן האָב איך געזען הונדערטער וועלטן שטייען אין לאַנגע שורות איינע אונטער דער אַנדערער, ווי ביי דיר אין קראָם אויף די פּאָליצעס. האָט זיך דיר אָבער, ווי יעקעלען, פאַרגלוסט צו וויסן, וואָס טוט זיך אינעווייניק אין דער וועלט, האָסטו זיך, ווי ער, באַהאַלטן אין אַ גויאיש ווינקל, האָסט אויפגעטרענט אַלע נאָטן און אַלץ פונאַנדערגענומען. איז ביי דיר דער גאַנצער אונטערשלאַק פון דער וועלט אַרויסגעפאַלן, אַלע פּאָדעם האָבן זיך צעריסן. שול און, להבדיל, קלויסטער, אַנאַסטאַסיע און יעקעלע, גלעקער און הימלען... די גאַנצע וועלט האָט זיך צעריסן און אַ מישמאַש געוואָרן. און איצט האָסטו דיך, ווי יענקעלע, דערשראָקן און צעוויינט. נאָר דער אויבערשטער איז אַ פּאָטער, ער וועט אויף דיר רחמנות האָבן און וועט דיר אין איין רגע פאַריכטן די צעריסענע אויפגעטרענטע וועלט, אַבי נאָר דו זאָלסט...

אברהם־איציע איז פּלוצים אויפגעשפּרונגען און זיך אַ וואָרף געטון אויף גנעסיען.

— דיינע רייד, גנעסיע, זענען טאַקע זייער קלוג, אָבער מיר וועסטו דעם קאָפּ נישט פאַרדרייען. די וועלט איז נישט קיין היטל, נאָר אַ כאָמוט, וואָס ברעכט אויף שטיקער דעם מענטשנס קאָפּ. שוין טויזנטער יאָרן וואַרפט דער אויבערשטער אַלע מענטשן אין קבר, ווי די פּאַדלעס, און ווי אויף צו להכעיס האָט ער אין אונז איינגעפלאַנצט אַ שוואַרצע מורא פאַרן טויט. ער לאָזט אונז קריכן אויף דער ערד, ווי ווערים, און פון איי־נעווייניק צינדט ער אין אונז אָן אַ פייערדיקע ציִעניש צום הימל. נאָך לעבעדיקערהייט באַגראָבט ער אונז אין אַ פלײשיקן גוף, וואָס וויל כסדר קייען און דרימלען. טאַקע ביי דיין קבר,

גנעסיע, האָט זיך מיר דאָס בלוט אָנגעצונדן. פאַרוואָס זאָל מען, אַ שטייגער, אַזאַ כשרע יידישע מוטער וואַרפן ווי אַ...

גנעסיע האָט פּלוצים אַ ווילדן געשריי געטון און נישט געלאָזט אים אַרויסרעדן. אַן עלנטע, אַ נאַקעטע, האָט זי אויף אים שאַרף אַ קוק געטון.

— מיר ווײסטו, אברהם־איציע, אַזוינע זאַכן נישט איינרעדן. ביי אַלע דיינע חכמות, ביסטו פּשוט אַן אויסגעמאָלטער גולם. הערסטו, איז מען נאָר איינמאָל געווען אין גן־עדן, זעט מען באַשיינפּערלעך די גרויסקייט פון אַ מענטשן. כ׳קאָן דאָס דיר מיט מיין וווייבערשן מוח נישט דערקלערן. פאַרשטייסטו, אָט ווי מ׳צינדט אָן אַ ליכט אין אַ פינסטערן חדר — קיין זאַך קומט נישט צו אין חדר, נאָר אַלץ, וואָס דאָרט איז געווען, ווערט העל־באַלויכטן און מ׳דערזעט עס מיט די אויגן. אָט אַזוי איז ביי אַ מענטשן, ווען ער קומט אַריין כאָטש אויף אַ וויילינקע אין גן־עדן. קיין זאַך קומט אים נישט צו, נאָר אַלץ וואָס ער האָט, ווערט העל באַלויכטן און ער דערזעט אַליין זיינע אייגענע אוצרות. שיינע יידן מוזן, אפנים, נאָך ביים לעבן פאַרזוכן דעם אָטעם פון גן־עדן. זיי באַקומען דאָס, מסתמא, פון די שוואַרצע פינטעלעך, פון די הייליקע ספרים. אָט ביסטו אַ פינסטערער נאַר און מיינסט, אַז גנעסיע איז געשטאָרבן און...

אברהם־איציע האָט אויפגעזאָדן.

— גענוג, גנעסיע, צו פּלאַפּלען, כ׳וויל מער נישט הערן. דו האָסט מיר נאָך ביים לעבן דערעסן מיט דיינע מעשיות פון טייטש-חומש. כ׳האָב קיינמאָל נישט געקאָנט אַרויסקלאַפּן דיר פונם מוח די שטיקלעך, וואָס דו האָסט איבערגענומען ביי דיין טאַטן דעם מלמד. כ׳קאָן אפילו נישט פאַרטראָגן, ווען ישעיה דער מלמד הויבט אָן דרייען מיטן גראָבן פינגער און וויל מאַכן פון שוואַרץ ווייס. דעם מענטשן לייגט מען אין דער ערד, און בשעת אים עסן ווערים, זאָל ער, הייסט דאָס, דערמאָלט פליען אין גן־עדן. וואָס איז דאָס פאַר אַ פּורים־שפּיל? זאָג מיר נאָר איין זאַך, אָן חכמות און שפּיצלעך: דו ביסט געשטאָרבן אָדער נישט?

— כ׳וועל דיר, אברהם־איציע, מער גאָרנישט נישט זאָגן. דו וועסט באַלד אַליין זען. טו נאָר אַ קוק...

גנעסיע האָט באַוויזן מיט דער האַנט אויף דער רעכטער זייט. אברהם־איציע האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, און דאָס האַרץ האָט אים אָנגעהויבן צאַפּלען. ס׳האָבן זיך פאַר אים באַוויזן אַזוינע ווייטע און אַזוינע נאָענטע געשטאַלטען פון גנעסיען, אַז דאָס האַרץ האָט אים פאַרחלשט פון בענקשאַפט און פרייד.

...אַ שעה פאַר דער חופּה, גנעסיע, אַ יונג מיידל, אַ כּלה, אַ בליענדיקע, אַ שעמעוודיקע, זיצט אין מיטן חדר אויף אַ שטול צו באַדעקנס. די מוטער אירע איז לאַנג געשטאָרבן. שטייען אַרום איר מומעס און קרובות. זיי דערמאָנען איר מו־טערס נאָמען. גנעסיע פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט, און אירע מיידלשע פּלייצעס צוקן אין אַ שטילן געוויין. און אָט פירט מען אַריין אברהם־איציען, דעם חתן, ביי אים איז נאָך גאָר אַ קליין בחורש בערדל. עפּעס איז ער אַ ביסל צעטומלט. פון וואַנען טראָגן זיך דאָס טרויעריקע קולות פון אַ חזניש־האַרציקן „מלא רחמים״? און אַז ער דערזעט די שעמעוודיקע צוקנדיקע פּלייצעס, פאַרקוועטשט אים דאָס האַרץ, און דאָס בחורישע בלוט טוט אים אַ לויף, ווי אַ הייסע כוואַליע אין קאָפּ...

...אַ יאָר נאָך דער חתונה. אברהם־איציע דאַוונט צום ערשטן מאָל ימים־נוראים פאַרן עמוד אין אַ שניידערשן מנין. זיין יונגע געמבע צענעמט דעם גאַנצן מנין. יום־כּפּור נאָך מוסף טראָגט מען אים צו צום עמוד אַ בענקל און ער, דער חזן, זעצט זיך אין טלית און קיטל אַ ווײַלע אָפּרוען. פּלוצים גייט צו אים צו אַ ייִנגל און זאָגט, אַז מ׳רופט אים אויפן גאַס. ער טוט אויס דעם טלית און גייט אַרויס אין ווייסן קיטל אויפן גאַס. דאָרט וואַרט אויף אים גנעסיע, אַ יונג ווייבל, נאָך אַלץ שעמעוודיק, נאָר אין אירע אויגן פינקלט צניעותדיק דער איינגעהאַלטענער פייער פון אַ יונג ווייבל. זי איז אָנגעטון מיט אַ ווייס טיכל אויפן קאָפּ און קוקט אויף אים טאַקע גאָר יום־כּיפּורדיק, געטריי און ערלעך. זי וויל וויסן, ווי גייט אים דאָס

פאַסטן. ער זאָל דאָך נישט אַזוי הויך שרייען. זי דערלאַנגט אים עפּעס אַ פלעשעלע צום שמעקן, וואָס זי האָט באַקומען פון איר מומען און וואָס שטאַרקט דאָס האַרץ ביים פאַסטן. זאָל גאָט געבן אַ גוט יאָר אויף אים און אויף אַלע יידן...

...ווינטער נאָך האַלבער נאַכט, אברהם־איציע, נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, קומט צו פאָרן אַהיים פון אַ יאַריד, אַ פאַרפרוי־רענער, אַן אויסגעמאַטערטער. נאָך איידער ער איז אַראָפּ פון שליטן, באַמערקט ער, אַז ביי אים אין שטוב איז ליכטיק. ער גייט צו צום פענסטער און קוים וואָס ער דערזעט דורך די פאַרפרוירענע שויבן: אויפן טיש שטייט אַ זודיקער סאַמאָוואַר, און נישט ווייט זיצט גנעסיע ביים טיש און דרימלט. זי וואַרט, הייסט דאָס, אויף אים. ער טוט אַ קלאַפּ אין פענסטער. גנע־סיע כאַפּט זיך אויף מיט אַמאָל אַ לעבעדיקע, אַ פריילעכע, און אירע אויגן בלישטשען. זי לויפט אים אַנטקעגן צו דער טיר: „אברהם־איציע! אברהם־איציע!"...

אומצאָליקע געשטאַלטן פון גנעסיען האָבן זיך געטראָגן פאַר אברהם־איציען, וואָס איז אַלץ מער געוואָרן פאַרגאַפּט און פאַרחלשט פון בענקשאַפט און פרייד. יעדע געשטאַלט איז פון „יענעם" אייביקן שיין דורכגעדרונגען, וואָס קומט באַהאַלטן פון די געהיימע חלום־טיפענישן אין דער נשמה. אַ מאָדנע זאַך: גנעסיע האָט אין יעדער געשטאַלט אויפגעלויכטן, דאַכט זיך, אויף דעמזעלביקן און דאָך עפּעס גאָר אויף אַ נייעם אופן. און דאָ אויפן גרויסן פלאַץ איז זי אַן עלנטע, אַ נאַקעטע גע־שטאַנען ביי די פאַרמאַכטע טויערן און שטיל געפליסטערט אברהם־איציען אויפן אויער:

— זעסטו, אברהם-איציע, איך בין אַ פּראָסטע יידענע און דאָך פאַרמאָג איך אַזוי פיל ליכטיקע געשטאַלטן, אַזוי פיל גנעסיעס, וואָס לייכטן אַזוי אייביק אין דיין נשמה. טאַקע גאָר נישט איבערצוציילן. יענע גנעסיעס זענען דאָך נישט גע-שטאָרבן...

— ווער זשע דען איז געשטאָרבן!?

— אָט ווער!

אברהם־איציע האָט אויפגעהויבן די אויגן און דערזען פלוצים אַ פינסטערע געשטאַלט.

...אַן אַלטע אָפּגעלעבטע גנעסיע. אַ יאָר פאַרן טויט. דאָס פּנים איז איר אָנגעבלאָזן, דער גאַנצער גוף עפּעס צעשוואָמען, פאַרקריפּלט. קוים וואָס זי אָטעמט. קראַנק און אויפגערעגט, שרייט זי אויף אברהם־איציען, שעלט און זידלט. און אָט כאַפּט זי פון טיש אַ נאַסן טעלער און וואַרפט אברהם־איציען אין פּנים אַריין. ווילֿ זיך אברהם־איציע אויף איר אַ וואָרף טון. האָט איר אָבער פאַרפעלט אָטעם, זי באַקומט אַ שווערן אָנפאַל און שטיקט זיך ווי אין גסיסה...

— אָבער אָט די גנעסיע איז דאָך טאַקע געשטאָרבן?

פליסטערט זי אים שטילֿ אויפן אויער:

— ניין, אברהם־איציע, אויך אָט די גנעסיע איז נאָר אויף איין זייט געשטאָרבן, אויף זי פאַרמאָגט אַזוי פילֿ ליכ־טיקע געשטאַלטן. טו נאָר אַ קוק!

האָבן זיך ווייטער פאַר אברהם־איציען באַוויזן געשטאַלטן פון „יענעם" אייביקן שיין דורכדרונגען.

...ביי אים אין שטוב אין קליינעם אַלקער ליגט יעקעלע אין אַ שווערן פיבער. פאַרנאַכט איז געווען דער דאָקטאָר. שפּעט נאָך האַלבער נאַכט כאַפּט זיך אויף אברהם־איציע פון שלאָף און דערזעט: די אַלטע קראַנקע גנעסיע האָט זיך נאָך גאָר נישט אויסגעטון, זי שטייט אָנגעבויגן אויף יעקעלעס בעט, און אירע אַלטע פלייצעס טוען אפילו נישט אַ צוק. פאַרקוועטשט ביי אברהם־איציען דאָס האַרץ פון אַ מאָדנע וואַרעמען נשמה־געפיל, און ער זאָגט עפּעס גאָר מיט אַ ווייכער שטימע: „גנע־סינקע, גנעסינקע, גיי שוין שלאָפן, גיי..."

איז שוין ווידער אַ מאָדנע זאַך: גנעסיע האָט איצט ווייטער אָנגעהויבן לייכטן אין די אייגענע און דאָך פאַרשידענע געשטאַלטן. ביי אברהם־איציען האָט אָבער פאַרכאַפּט דער אָטעם. ס'האָט אים פלוצים אָנגעהויבן פלאָגן אַ מאָדנער צווייפל. עפּעס איז דאָ נישט אַלץ קלאָר. טאַקע אין דעם תּוך, אין דעם סאַמע אינעווייניקסטן פּינטל וואַקלט זיך אַלץ. פילט ער טיף אינעוויי־

ניק עפּעס אַ פאַרצויבערטן פלאָנטער, וואָס שטיקט אים און וואָס ער קאָן אָבער נישט אַרויסגעפינען. פון צער און ווייטיק ווייסט ער גאָר נישט ווו זיך אַהינצוטון. נאָר אָט האָט ער זיך גע־נומען אין די הענט און ווי מיט אַמאָל געפונען אָט דעם פלאָנטער, טאַקע גאָר די קערנדיקע פראַגע. ער האָט ווילד אַ געשריי געטון:

— ווו זשע זענען דען אָט די אַלע ליכטיקע גנעסיעס? כ׳וויל מער נישט זען קיין געשטאַלטן, רעד פשוטע דבורים!

— האָסט, אברהם-איציע, נישט וואָס צו שרייען. הער נאָר צו מיט קאָפּ יעדעס וואָרט, וואָס כ׳וועל דיר איצט זאָגן. טאַקע יעדעס וואָרט. דאָס זענען מיינע לעצטע רייד. אָט די אַלע ליכטיקע גנעסיעס לייכטן אייביק אין דיין נשמה, זיי שטאַרבן נישט, און ווערים וויסן נישט מיט וואָס מ׳עסט זיי. אָט ווי גאָט (דו הערסט), וואָס האָט נישט קיין גוף און לעבט אין יעדער נשמה, אין יעדן אָטעם. דו ביסט מקנא דעם איין־און־איינציקן, וואָס לעבט אייביק. זעסטו דען נישט, פינסטערער נאַר, דוקא נאָכן טויט ווערט דער מענטש, טאַקע ווי דער איין־און־איינציקער, אָן פלייש און ביינער. די וועלט איז נישט קיין היטל, נאָר אַ גאָלדענע קרוין אויף דעם מענטשנס קאָפּ, און די טויזנטער געשטאַלטן פון אַ מענטשן לייכטן, ווי אייבי־קע בריליאַנטן אויף דער גאָלדענער קרוין. הער נאָר, אברהם-אי־ציע, וואָס איך זאָג דיר! ווי דער איין-און-איינציקער, לעבט דער מענטש אין טויזנטער געשטאַלטן און נעמט זיך גאָר נישט אויס.

ביי די לעצטע רייד האָט זיך גנעסיע אָנגעבויגן צו אברהם-איציען און אַריינגעפליסטערט אים אין דער סאַמע נשמה אַריין:

— נעמט זיך גאָר נישט אויס!

האָט אברהם-איציע פון גרויס שמחה אַזאַ געשריי געטון, אַז די פאַרמאַכטע טויערן האָבן אַ ציטער געטון. איז ער אין איין רגע אויפגעשפּרונגען און האָט זיך מיט אַזאַ ליכטיקן אימ־פּעט אַ וואָרף געטון אויף די אָפּגעשלאָסענע טויערן, אַז יענע האָבן מיט אַ קנאַק אויפגעפּראַלט. ער האָט גענומען גנעסיען

פאַר דער האַנט און איז אַריין מיט איר דורך די אויפגעמאַכ־טע טויערן. דאָרט זענען געשטאַנען אָן אַ שיעור חילות, וואָס האָבן זיך אין גרויס דרך-ארץ פאַר אברהם־איציען אויסגע־שטרעקט. האָט ער געגעבן אַ געשריי:

— אָן טענות און רייד — פירט אונזביידן גלייך צום אויבערשטן!

מ'האָט אפילו קיין וואָרט נישט גערעדט און זיך גלייך געלאָזט מיט זיי לויפן. נישט מ'לויפט, נאָר מ'פליט, מיט יע־דער רגע ווערט אברהם־איציע אַלץ מער באַפרייט פון דעם גוף, און אָט איז דער גוף אין גרויס מתיקות אויסגעגאַנגען. אברהם־איציע האָט מיט דער גאַנצער נשמה דערפילט דעם אויבערשטן. האָט ער אין גרויס שמחה אויסגעשטרעקט די הענט.

— איין־און־איינציקער איבער אַלע וועלטן און הימלען! איך, אברהם־איציע דער קירזשנער, האָב דיך פון גאַנצן האַרצן ליב באַקומען. כ'האָב דיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזט און נישט איך בין שולדיק, וואָס איך האָב אַזוי פאַרבלאָנדזעט. לאָז מיך, גנעסיע, אויסרעדן, דאָ גייען נישט אָן קיין חניפות. אויף וואָס האָסטו, איין־און־איינציקער, אַזוי פאַרפלאָנטערט דאָס וועלטל, אַז אַ פּראָסטער קירזשנער קאָן דאָס נישט באַנעמען, און אַפילו ישעיה דער מלמד מיט דעם גראָבן פינגער קאָן אים נישט העלפן. איך האָב אָבער אין יסורים און קראַמף דערפילט דיין ליבן נאָמען און בין איצטער גרייט אויף אַלץ. כ'וועל מער נישט אויפטרענען די נאָט פון דער וועלט, זאָל אַלץ בלייבן אויף זיין אָרט. כ'בין זוי פריער אַ ייד, אַ קירזשנער, כ'וועל גיין פון שטאָט צו שטאָט און וועל אומעטום דערציילן דעם גרויסן וווּנדער. ווי דו, איין־און־איינציקער, לעבט דער מענטש אין טויזנטער געשטאַלטן און נעמט זיך גאָר נישט אויס. כ'בין אָבער פאָרט אַ פּראָסטער קירזשנער, און דו זאָלסט זיך אויף מיר אינגאַנצן נישט פאַרלאָזן. מיין עצה איז אַראָפּצוברענגען וואָס גיכער דעם גן־עדן אויף דער וועלט, זאָל אַלעמען ליכ־טיק ווערן אין די אויגן, זאָלן אַלע מיט אַמאָל דערזען דעם

אייביק גרויסן ווונדער. כ׳האָב דיך ליב פון גאַנצן האַרצן און זע דיך אומעטום — אין יעדן קער, אין יעדן אָטעם. איין-און-איינציקער! איין-און-איינציקער!...

האָבן מיט אַמאָל אַלע הימלען אין גרויס שמחה אויפגערודערט, מ׳האָט גערעשט און געליאַרמט. פון אַלע זייטן האָבן די הימלען געשריגן און אויסגערופן:

— הערט נאָר, הערט נאָר — אברהם-איציע דער קירזשנער האָט זיך מיט אונז איבערגעבעטן...

— אברהם-איציע דער קירזשנער!

און פּלוצים האָבן פון טויזנטער עקן אָנגעהויבן שפּילן אומגעוויינלעכע כּלי-זמר, אָן אַ צאָל און אָן אַן אויפהער. און אַ מאָדנע זאַך! מ׳הערט נישט די פריילעכע קולות, וועלכע הילכן אָבער אין די סאַמע טיפענישן פון דער נשמה. אברהם-איציע האָט אָנגענומען גנעסיען פאַר דער האַנט און האָבן אָנגעהויבן ביידע טאַנצן. איז שוין ווייטער אַ מאָדנע זאַך. ער איז, דאַכט זיך, אויסגעשטרעקט און טוט זיך נישט קיין ריר — און דאָך טאַנצן אַלע זיינע גלידער אויף וואָס די וועלט שטייט. אַלץ שטילער און גוואַלדיקער ווערט דאָס שפּילן, אַלץ לייכטער און ברענענדיקער ווערט דער טאַנץ. די נשמה גייט אויס אַלע רגע און ווערט גלייך פון ס׳ביי באַשאַפן. און אָט זענען זיי מיט אַמאָל אַריין אין דער סאַמע אינעווייניקסטער שטילקייט פון דער נשמה. אין דער אייביקער שטילקייט, וואָס לעבט באַהאַלטן אומעטום און נעמט זיך גאָר נישט אויס.

— נעמט זיך גאָר נישט אויס...

ס׳האָט שוין אָנגעהויבן גרויען דער טאָג, ווען אברהם-איציע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין לאַנגן שלאָף לעבן דער טרומנע. אויף דער ערד איז נאָך געלעגן מיטן רוקן אַרויף דער „פּסאַלטיר”, וואָס איז ביי אים נעכטן פון די הענט אַרויסגעפאַלן. ער האָט זיך געפילט מאָדנע לייכט און פריש און האָט זיך פאַרגאַפט אַרומגעקוקט. די טרומנע, דער שלעכטער

ריח, דער פסאַלטיר, די ברענענדיקע ליכט און דער גרויסער איינזאַמער זאַל — זענען פון „יענעם" אייביקן שיין דורכגעדרונגען. איז אָבער דער פאַרצויבערטער פלאָנטער נאָך נישט אינגאַנצן פאַרשוואונדן. עפּעס אַ באַהאַלטן פינטעלע (פון אָט דעם פלאָנטער) איז נאָך געבליבן שטעקן אין זיין קירזשנערשן מוח און האָט נאָך פון אינעווייניק געררייצט זיין זודיק בלוט. ער האָט זיצנדיק אויפגעהויבן דעם פסאַלטיר און אַנידערגעלייגט אויפן עק טיש. און אָט איז ער אויפגעשטאַנען, עפּעס אַ קלער געטון און באַלד האָט ער האַסטיק אויסגעטון דעם וואַרעמען ווינטער־זשילעט, וואָס אַנאַסטאַסיע האָט אים נאָך דער חתונה אויפגענייט און וואָס ער האָט די גאַנצע צייט געטראָגן. שטיל און פאַרגאַפּט האָט ער אויסגעשפּרייט דעם ברייטן זשילעט אויף דער טרומנע.

— דו לעבסט, אַנאַסטאַסיע, אין מיין נשמה. אָבער מיר ביידע טאָרן נישט פאַר דער צייט אויפטרענען די נאָט פון דער וועלט. זאָל יעדער אויף זיין פּלאַץ רודערן און קאָמאַנדעווען. אַ גוטן טאָג, אַנאַסטאַסיע, אַ גוטן טאָג...

ער האָט געכאַפּט אויף זיך דעם פּעלץ, איז אַרויס אויפן גאַס און זיך געלאָזט גיין פאָרויס. ער וויל גלייך, די מינוט, פאַרלאָזן די שטאָט. האָט זיך אים אָבער פּלוצים פאַרוואָלט צום לעצטן מאָל אַ קוק טון אויף דעם קאַלטן בית־המדרש פון די ניקאָלאַיעווער. ער איז געקומען אויף אַנדרעיעווסקי גאַס און איז אַריין אין שול־הויף. ערשט איצט האָט ער זיך דערמאָנט, אַז די שול איז דאָך דאָ אַ גאַנצע וואָך אָפּגעשלאָסן. (וויל ער אָבער צום לעצטן מאָל אָנרירן די קליאַמקע פון דער אָפּגעשפּאַרטער טיר.) ער איז אַרויפגעגאַנגען אויפן צווייטן גאָרן און אַ נעם געטון פאַר דער קליאַמקע. האָט ער פאַרחידושט דערזען, אַז די טיר עפנט זיך. אַריינגעקומען אין שול, איז ער פון גרויס איבערראַשונג אויפן שוועל שטיין געבליבן. די שול איז איצט גוט געהייצט און וואַרעם. ביים טיש לעבן דער הרובע זיצט ישעיה דער מלמד, אָנגעבויגן אויף אַ ספר. דערזען אברהם־איציען, האָט ישעיה צוערשט אַ צוק געטון פון

שרעק מיט די פּלייצעס. נאָר באַלד איז ער געקומען צו זיך און זיינע בטלניש־קלוגע אויגן האָבן טרויעריק געקוקט אין אַ זייט.

— וואָס טוט זיך עס מיט דיר, אברהם־איציע?

— כ׳האָב, ר׳ ישעיה, דורכגעטאַנצט אַ קאַראַהאָד. איר ווייסט דאָך, אַז מען לאָזט זיך אין אַ קאַראַהאָד, קומט מען טאַנצנדיק אויף דעם אייגענעם אָרט צוריק, נאָר אַ צעטאַנצטער און אַ צעהיצטער, איר פאַרשטייט, דורך דעם טויט פון מיין ערשט ווייב האָב איך מיט קראַמף אַוועקגעטאַנצט צו אַן אַנדער גאָט און דורך דעם טויט פון מיין צווייט גויאיש ווייב בין איך טאַנצנדיק ווייטער אָנגעקומען צו דעם איין־און־איינ־ציקן. כ׳בין ווי פריער אַ פּראָסטער ייד, אַ קירזשנער, נאָר שטאַרק צעטאַנצט און צעפּלאָקערט...

ערשט איצט האָט ישעיה אויפגעהויבן די אויגן און פאַר־חידושט דערזען דאָס אומהיימלעך העלע פּנים פון אברהם־איציען. האָט ער גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז עפּעס אַן אומ־געוויינלעכע זאַך פאָרגעקומען. ס׳איז אים אפילו אַרויפגעקומען אויפן מוח די מעשה מיטן פאַרבלאָנדזעטן פון דעם בעל־שמס צייטן.

— וואָס הייסט דאָס, אברהם־איציע, דערצייל מיר אָקאָרשט אַלץ, וואָס מיט דיר איז פאָרגעקומען..

שטיל און פאַרגאַפט האָט זיך אברהם־איציע געזעצט אויפן באַנק און דערציילט אַלץ, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, דער־הויפּט אין דער לעצטער נאַכט. ישעיה איז שטאַרק נתפּעל גע־וואָרן און האָט זיך פאַרטראַכט. נאָר אָט איז אברהם־איציע פאַרקאָכט אויפגעשפּרונגען.

— איר האָט מיר, ישעיה, נישט וואָס צו זאָגן. כ׳בין אַ [illegible] קירזשנער און קאָן עס אייך טאַקע נישט דערקלערן. [illegible]ט איר, פון דעם גאַנצן פלאָנטער איז נאָך עפּעס אַ [illegible] פּינטעלע געבליבן שטעקן מיר אין מוח און לאָזט מיך [illegible] קומען צו זיך. איר קאָנט מיר אויך איצט מיט דעם גראָבן פינגער נישט העלפן. אַבי איך ווייס דעם גרויסן ווונדער און

האָב פון גאַנצן האַרצן ליב דעם איין־און־איינציקן. כ׳גיי איצט ווייטער וואַנדערן און רודערן. און אויב דער איין־און־איינצי־קער וועט איינגעשפּאַרט נישט אַראָפּברענגען גן־עדן־ליכט אויף דער וועלט, וועל איך אויך אָט דעם פּינטל אַליין בייקומען. מיר וועלן נאָך אָקאָרשט זען. אַ גוטן טאָג, ר׳ ישעיה, אַ גוטן טאָג...

אין איין רגע איז אברהם־איציע אַרויס פון שול און זיך געלאָזט ווייטער גיין פאָרויס. אויפן סוף אַנדרעיעווסקי גאַס האָט ער זיך געזעצט אויף אַ שליטן, וואָס איז געפאָרן צום וואָקזאַל. און אין אַ ווײַלע אַרום איז דער שליטן אַרויס פון שטאָט אויפן גרויסן שליאַך צווישן ברייטע, ווייטע פעלדער. ס׳איז געווען אַ שיינער ווינטערדיקער פרימאָרגן. די לופט איז פריש און קלאָר און קוויקט דאָס האַרץ, ווי שטאַרקער ווײַן. אויפן הימל איז די זון אויפגעגאַנגען, און אַ מאָדנע זאַך, ס׳הויבט איר גאָרנישט אָן צו אַרן, וואָס די גאַנצע וועלט איז אַזוי פאַרפרוירן און פון אייז־קאַלטן שניי באַדעקט. זי האָט, פאַרקערט, העל באַלויכטן און האָט געבלישטשעט אין יעדן שניילע, אין יעדן שטיקל אייז. אויף דעם גלאַטן שליט־וועג טראָגט זיך דער שליטן, ווי אַ ווינטער. און אפילו די נאָנטע פאַרשנייטע בוימער בלישטשען אַנטקעגן דער זון און טרינקען ליכט אָן אַ סוף און אָן אַן אויפהער. ס׳נעמט זיך גאָרנישט אויס.

— ס׳נעמט זיך גאָרנישט אויס!

The Public Library, Newark, N. J.